STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11779

REZOLUTSYES FUN 8TN KONGRES FUN VAAD HA-KEHILES.

Federacion de Comunidades Israelitas
•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה זאַלצמאַן

מענטשן און געשעענישן

משה זאלצמאַן

מענטשן

און געשעענישן

פאַרלאַג "ישראל־בוך"
הילפס פאָנד פאַר יידיש שאַפונג
תל אביב תשמ"ט 1988

מ ש ה   ז ל צ מ ן

MOSHE ZALCMAN

א האַרציקן דאַנק די חברים און פריינד וואָס האָבן מיר געהאָלפן
אַרויסגעבן דאָס בוך:
דעם פאַרלאַג **"ישראל בוך"** און איר איבערגעגעבענעם
פאַרוואַלטער **מיכאל לוי;**
דעם פּאָזיצער און סעקרעטאַרין פון דער לובלינער
לאַנדסמאַנשאַפט אין פּאַריז — **שמואל שפּיראָ** און **טעשקע
פּאָרשטעטער־קאָרמאַן;**
מיין שוואָגער **לעאָן דייטש;**
מיין זאַמאָשטשער בן־עיר און געזעלשאַפטלעכן טוער
סאַנע מוסמאַן און פרוי;
דער איבערגעגעבענער לייענערין פון מאָנטרעאַל,
רישל קאַמינסקי;
און אחרון אחרון, מיין ליבן חבר און פריינד, רעדאַקטאָר
דוד שטאָקפיש.

(C)

כ ל   ה ז כ ו י ו ת   ש מ ו ר ו ת

נדפס בישראל, תשמ"ט — Printed in Israek, 1988

דפוס א. גרינשטיין, תל־אביב, שביל המפעל 6, טלפון 25 14 83

דאָס בוך איז געווידמעט די צוויי ליבע,
הארציקע געשטאַלטן — דער מאמע איטע
און מיין פרוי פּאַלאַ, וואָס האָבן מיך
באגלייט אין די יאָרן פון ליידן און פּיין.

דער מחבר

צייכענונג פון מאָלער **יאנקל מארקעל**

אינהאַלט

מיין אָנקומען קיין פוילן 11
די נייע פאריזער היים 14
אין דער "צווייטער ביוראָ" 16
צייטווייליקע וווינונג־רעכט 18
סאָציאלער באשטאנד פון דער יידישער באפעלקערונג 21
ערב יום כיפור אויפן בית־עולם אין באניע 22
זאמאָשטש 24
דאָס שרייבן מיין בוך 26
פייוול שראגער און שלמה פרידריך 28
אין אמעריקע 30
קינדער־יאָרן 31
די מומע גולע 35
מיין חדר — אין סאָד 37
צוריק אין דעם היים 38
אויסברוך פון דער מלחמה 40
די עסטרייכישע ארמיי 42
די מאמע ווערט אן אמתע שמוגלערין 46
צוריק אין חדר 48
דער רויטער אויפשטאנד 51
די באלפור־דעקלאראציע 52
דער מלחמה־אויסברוך פוילן — ראטן־פארבאנד 53
די ערשטע טריט אין געזעלשאפטלעכער טעטיקייט 56
א לאניאָריקער טרוים ווערט פארווירקלעכט —
איך טרעף זיך מיט דער מאמען 57
מיין שוועסטער און ברודער 59

מיין לאגער־חבר לייזער ראַן און אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ 61
מיט זאַמאָשטשער לאַנדסלייט 63
אין מדינת ישראל 65
מיט לאַגער־חברים 69
די אויסווירקונג פון דער זעקסטאָגיקער מלחמה 74
פריינד פון מפ"ם אין פּאַריז 76
דאָס בוך פון מיין יסורים־וועג אין ראַטן־פאַרבאַנד 77
דער צוזאַמענטרעף מיט יונגע, יידישע אינטעלעקטואַלן 80
זייער וועג צו יידישקייט 83
די ענגליש־איבערזעצונג 88
דער צווייטער באַזוך אין ניו־יאָרק 89
אין בית־המדרש פון די לובאַוויטשער 93
צוריק אין פּאַריז 95
קלמן מרמר 97
שאַרל ראַפּאַפּאָרט 116
בנימין שלעווין 130
שיע טענענבוים 134
אַלתר זאַבערמאַן 135
הערשל גאָלדפינגער 140
אברהם בראָמבערג. נאָטע שווערדשאַפט 143
טאָלע בעאַטוס 146
הינדע (באַשע) בעאַטוס 148
יהודה לייב גראַנאַס (גאָזשיטשאַנסקי) 150

דאָס וואָרט וואָס בעט זיך געזאָגט צו ווערן

אַז מיר רעדן וועגן ליטעראַטור, קומט אונדז אויפֿן רעיון, אַז... דער שׂר פֿון דעם געשריבענעם וואָרט, האָט פֿונאַנדערגעטיילט זיין מלוכה אויף פֿאַרשיידענע פּראָווינצן: פּאָעזיע, דראַמע, פּראָזע, חקירה, עסיי און אויף מעמואַריסטיק און זשורנאַליסטיק. די פּראָווינצן האָט ער צעטיילט אין קרייזן, געביטן. פֿאַראַן מומחים וואָס געבן זיי קוואַליפֿיקאַציע־סימנים – זה למעלה וזה למטה, איינער איז העכער, איז וויכטיקער פֿאַרן צווייטן. אָבער, אַזוי צי אַזוי, עס קאָן קיינער נישט אָפּלייקענען, אַז אַלע קרייזן און געביטן פֿון דער מלוכה ליטעראַטור פֿאַרמאָגן חשיבות און באַטייט און פֿילן אויס זייער שליחות, ווי דער שׂר האָט אויף זיי אַרויפֿגעלייגט.

מיר זאָגן דאָס אַנטקעגנדעם, וואָס דאָס דאָזיקע בוך פֿון משה זאַלצמאַן וואָס ליגט איצט פֿאַר אונדזערע אויגן, און איז בפּירושע מעמואַריסטיק, דאָס הייסט: ליטעראַטור פֿון מעמואַרן, זכרונות, ביאָגראַפֿישע איינסן וואָס לאָזן דעם מחבר נישט צו רו, ביז ער וועט זיי אַרויסברענגען אויף דער ליכטיקער שיין – געהערט דער משפּחה שיינע ליטעראַטור, כאָטש אין דער אָנגענומענער פֿונאַנדערטיילונג איז זי נישט אַזאַ.

איז עס דאָס וואָרט וואָס, נאָכן מעיין זיין אין דעם איצטיקן בוך, בעט זיך געזאָגט צו ווערן.

*

וואָס, אייגנטלעך, צווינגט אונדז זיך צו באַניצן, אין איצטיקן פֿאַל, מיט דער אַזוי גוט באַקאַנטער אומאָפּפּרעגעוודיקער אַקסיאָמע? –

מיר האָבן דערצו אַ גוטע און וויכטיקע סיבה.

מיט אַ יאָר צען־צוועלעף קעריק, בעת מיר האָבן זיך געטראָפֿן מיט אונדזער מחבר און אים הייס־חבריש באַגריסט צו זיינע שרייבערישע דערפֿאָלגן – און אַזוינע זענען בפּירוש געווען. אַ סימן: זיין בוך "מ'האָט מיך רעהאַביליטירט", וואָס איז געשריבן געוואָרן אין יידיש, און האָט זוכה געווען איבערגעזעצט צו ווערן אין עברית, פֿראַנצויזיש, דייטשיש און אין אַנדערע לשונות, און איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן אין אַנגעזעענע קוואַנטומס – האָט דער באַגריסטער אַ זאָג געטאָן אין זיין דאַנק־וואָרט:

"איך בין נישט קיין שרייבער. איך דערצייל בלויז מעשים שהיו... און איך דערצייל דאָס מיטן לעצט־געבליבענעם בלוט אין מיין האַרץ". און אַזעלכע און ענלעכע רמזים און רעלאַציעס געפינען מיר אויך אין דעם איצטיקן בוך. זאָל דאָס דערפאַר מינערן דעם ליטעראַרישן ווערט פון זיין שאַפן?

נעמען מיר זיך די רעכט צו זאָגן, אַז דאָס בוך וואָס ליגט איצט פאַר אונדז, איז אַ ווערק פון אַ שרייבער, וועמעס קליינע, איינגעצוימטע, פראַגמענטאַרע לעבן־באַשרייבונג, וואָס פאַרמאָגט נישט ווייניקער לעבן־באַשרייבונגען פון אַ גרויסן טייל פון די דורך אים דערמאָנטע פערזאָנען, וואַקסט אויס אין אונדזערע אויגן צו אַ בעלעטריסטיש ווערק, מיט אַלע חן־פּינטעלעך און חן־גריבעלעך...

די אָן־אַ־שיעור שטאַרקע מאָראַלישע אַקצענטן, וואָס קומען אוודאי באַגלייט מיטן "לעצט געבליבענעם בלוט" אין זיין האַרץ, וואָלט קיין שטרענג־פּריוואַטער ביאָגראַפישער דערציילער נישט בכוח געווען אַזוי אָ אַרויסצוברענגען, אויב דער שׂר פון דער ליטעראַטור וואָלט אים צו דעם נישט מסמיך געווען.

און עס גייט מיר נישט אין דער שפּראַך, אין דער נאַראַציע פון אָט דעם בוך, וואָס נעמט מיך נישט באַזונדער. אָבער גראָד די איינפאַכקייט, גראָד דאָס נישט באַניצן זיך מיטן היפּערמאָדערנעם סטיל, וואָס איז אָנגעפּראָפּט מיט געאַכטער פּיקאַנטעריע, גראָד דאָס גיט אונדז ס'געפיל פון אוממיטלבאַרקייט, פון אויפריכטיקער און דערפאַר מיטרייסנדיקער דערציילערישקייט. ס'איז ווי אַ גאָלדענע רעם אויף אַריינצורעמען אין איר די וווּנדיקע־ווונדערלעכע תקופה אין וועלכע משה זאַלצמאַן, און די וועמען ער דערמאָנט דאָ, האָבן געלעבט, געגלייבט, זיך מקריב געווען פאַר אָט דעם גלייבן; זיך געפייניקט, געבלוטיקט אין איר. אויף איר געווירקט און פון איר באַווירקט געוואָרן.

דערפאַר לאָזט אייך דאָס בוך נישט זיין בלויז און נאָר אַ זייטיקער "באַאָבאַכטער" און לייענער. איר ווערט אַ טיילעכל פון אָט די פאַרשריבענע מעמואַרן, וואָס רייסן אייך מיט מיט זייער באַגלייבטקייט.

יעקב צבי שאַרגעל

מיין אָנקומען קיין פוילן

אין דער תקופה ווען איך האָב ענדלעך באקומען די רעכט צו רעפּאטריאירן זיך פון ראטן־פארבאנד קיין פוילן (סוף 1957), איז די פּאָליטישע אטמאָספער אין לאנד געווען א ליבעראלע אין פארגלייך צו אנדערע קאָמוניסטישע סאטעליטן־לענדער. די בלוטלאָזע רעוואָלוציע, דער "פּוילישער אָקטאָבער" קעגן מאָסקווע און איר רעזשים פון פארשקלאפונג און עקאָנאָמישער פארוויסטונג, האָט אויפגעשטורעמט דאָס פּוילישע פאָלק קעגן זיינע היסטאָרישע (און קעגנווארטיקע) אונטערדריקער, הגם די פולע פרייהייט איז נישט געקומען, ווייל דאָס לאנד איז אינדוסטריעל־ווירטשאפטלעך פארבליבן אָפּהענגיק פון דעם גרויסן שכן. דערצו נאָך איז געאָגראפיש פוילן געווען ארומגעקרייזט, אינערלעך און אויסערלעך, פון דער מעכטיקער סאָוויעטישער ארמיי.

די אָקטאָבער־אויפטרייסלונג איז געגאנגען צוזאמען מיט א ווילדער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאגאנדע און פארן שעיר־לעזאזל פון אלדאָס שלעכטס זענען ווייטער געווען יידן — די מינצ'ס, בערמאנס — די סטאליניסטן, וואָס האָבן געמאָרדעט פּאָלאקן און רואינירט די פּוילישע ווירטשאפט. מען האָט איינגעפירט עקאָנאָמישע רעפאָרמען פון אָפּשאפן און ליקווידירן די מיט געוואלד געשאפענע קאָאָפּעראטיווע און מלוכהשע אגראר־ווירטשאפטן. אין די שטעט האָט מען געגעבן רעכט אויף פּריוואטע איניציאטיוון אין האנדל, קליין־אינדוסטריע און באדינונגען; א געוויסע פרייהייט פון אויסדרוק אין דער פּרעסע און ליטעראטור. מיט א סך באגרענעצונגען האָט מען צומאָל געקענט באקומען א פּאספּאָרט פאר טוריזם אין די קאפּיטאליסטישע לענדער. ס'איז אָבער געווען א שטילע, נישט אָפיציעלע הסכמה פאר יידן־אויסוואנדערונג. און עטלעכע פּערציק טויזנט, צוזאמען מיט די נישט־לאנג רעפּאטריאירטע פון ראטן־פארבאנד, האָבן דאָס גלייך אויסגענוצט. אמערסטן האָבן זיי דעמאָלט עולה געווען קיין ישראל.

ווען איך ("דער רעהאביליטירטער") בין פון ראטן־פארבאנד געקומען צו פאָרן קיין ווארשע, זענען שוין געווען פארשפרייט די אנטיסעמיטישע לעגענדעס וועגן די "גאָלדענע פאטעלניעס" און דעם רייכטום בכלל, וואָס יידן האָבן ארויסגעפירט קיין ישראל און נאָך מער פאראָרעמט פוילן.

דוד ספארד שרייבט אין זיין לעצטן בוך "מיט זיך און מיט אנדערע" (ז' 200), אז "די פארבליבענע יידישע קאָמוניסטישע שרייבער האָבן בפרהסיא געפאָדערט די רעכט פון די יידן עולה צו זיין אין זייער היימלאנד. אין נאָמען פון פרעזידיום פון קולטור־געזעלשאפטלעכן פארבאנד, זענען געגאנגען דעלעגאציעס אויסצופועלן אין פארשידענע אמטן פארלייכטערונגען ביים ארויספאָרן, ווי די רעכט פון יידישע ארבעטער מיטצונעמען זייערע ארבעט־מכשירים".

וואָס אן אמת, האָב איך אָנגעטראָפן אויף א קעגנזעצלעכער מיינונג פון מיינע יידישע קאָמוניסטישע יוגנט־חברים, אז אוועקפאָרן פון פוילן איז א פאראט נישט בלויז פון קאָמוניסטישן שטאנדפונקט, נאָר אויך פון יידיש־נאציאָנאלן, ווייל דאָס שוואכט אָפּ דעם יידישן ישוב און העלפט אומדירעקט רעאליזירן דעם ווילן פון די רעאקציאָנערע, אנטיסעמיטישע עלעמענטן צו מאכן פוילן ריין פון יידן.

אין דער "פאָלקס־שטימע" האָבן זיך געדרוקט רעפּאָרטאזשן וועגן דער נויט און ווייעשריי פון די עולים אין ישראל, וואָס באלאגערן די פוילישע אמבאסאדע און פאָדערן מ'זאָל זיי דערלויבן צוריק צו פאָרן. מעגלעך, אז ס'זענען געווען אזעלכע פאלן, ווייל אין וועלכן אימיגראציע־לאנד, אפילו אין דעם סאמע רייכסטן, אָרדנט מען זיך איין אין געציילטע חדשים?

אויך אויף מיר איז געווען חל דאָס געזעץ פון רעפאטריאציע, הגם איך בין שוין געווען 25 יאָר א סאָוויעטישער בירגער, ווייל כ'בין געקומען אָפיציעל ווי א פּאָליטישער עמיגראנט, וואָס האָט געדארפט באשטעטיקט ווערן דורך דער געשיכטע־אָפּטיילונג פון דער קאָמוניסטישער פארטיי אין פוילן. דאָס האָט מיך, אין א געוויסער מאָס, פארפליכטעט, אז איך זאָל נישט קאָנען אדורכפירן מיין פאָרויס באשטימטן אינערלעכן באשלוס, וועגן מאכן באמיאונגען צו פארלאָזן פוילן. איך האָב אויך נישט געקאָנט אזוי האנדלען לגבי מיינע יוגנט־חברים, וואָס האָבן נאָך צו יענער צייט געארבעט אויף אָפיציעלע פארטייאישע אָדער מלוכהשע אמטן און האָבן

געהאט אינטערוועניִרט לטובת מיין ארויספאָר פון ראטן־פארבאנד.

די ערשטע שוואלב וואָס איך האָב ארויסגעשיקט, איז געווען מיין זון, צו מיין פרויס צוויי ברידער וואָס האָבן געלעבט אין פאריז.

איך דארף אנערקענען, אז עקאָנאָמיש, און טיילווייז פּאָליטיש־מאָראליש, איז דאָס לעבן אין ווארשע פאר מיר געווען, אין פארגלייך מיט מיין עקאָנאָמישן לעבן אין ראטן־פארבאנד — ממש א גן־עדן, הגם איך האָב געארבעט אין א שניידער־קאָאָפּעראטיוו, און ענלעכן ווי דאָרטן.

דערוויסנדיק זיך אין פוילן, אז איך געהער צו די גליקלעכע נאָך דעם גרויסן חורבן פון דעם אייראָפּעישן יידנטום, ווייל מיין גאָר נאָענטע משפחה (די מאמע, שוועסטער און ברידער) זענען צווישן די לעבן געבליבענע, וואָס דער גורל האָט זיי פון די דייטשע אונר"א־לאגערן געפירט קיין ניו־יאָרק — האָט דאָס הארץ ממש געפלאטערט פון דעם דראנג צו דערגרייכן דעם גליקלעכן צוזאמענטרעף מיט זיי. איך האָב זיך געריסן מיט אלע כוחות צו באגעגענען און נאָך טרעפן לעבעדיק מיין אלטע, שטענדיק ליידנדע מאמע, וואָס איך האָב דאָס לעצטע מאָל מיט איר זיך געזעגנט אויפן גיכן שפרונג, אין 1927, נאָכן באפרייט ווערן פון דער זאמאָשטשער תפיסה.

נאָר אין צווישנצייט פון מיין זוכן און אָנהויבן מאכן באמיאונגען צו באקומען די דערלויבעניש אויף א באזוך אין אמעריקע, איז מיין פרוי שווער קראנק געוואָרן. טאָ ווי האָב איך זי געקענט איבערלאָזן אין אזא צושטאנד, איינזאם, און פאָרן זיך פרייען מיט מיינע נאָענטסטע?

מחמת אַ נישט ריכטיקער דאָזע פון נארקאָז, אזוי האָב איך געגלויבט, בעת דער אָפּעראציע פון מיין פרוי, איז זי אויפגעקומען מיט אַ שווערן נערוון־שאָק און מ'איז געווען געצוווּנגען זי איבערצופירן אין אַ פסיכיאטריש שפּיטאָל. אַ שרעקלעכע, ממש מיטלאלטערלעכע באדינונג, אין שווידערלעכע באדינגונגען, ס'איז אַך־און־וויי געווען צו די אומגליקלעכע קראנקע. און אַ וואָסערע אוממענטשלעכע עקספּערימענטן מ'האָט אויף זיי געמאכט. ווי די ווילדע חיות האָט מען זיי בייטאָג געהאלטן אין גרויסן האָל, אַ 50 — 60 פרויען צוזאמען. די קראנקע האָבן זיך געשלאָגן, איינע האָט פון דער צווייטער אָראָפּגעריסן דאָס אָנטועכץ. אויך די סאניטארן — באדינערס, וואָס האָבן אויף זיי אכטונג געגעבן — האָבן זיי געשלאָגן. אַן אמתדיקער גיהנום. און דאָס האָט געזאָלט הייסן: מאָדערנע היילונג... צו דעם אלעמען,

זענען נאָך קיין מעדיקאַמענטן נישט געווען. בין אין געווען געצווונגען זיי צו קויפן אין קאָמיסיאָן־מאַגאַזין, וואָס מענטשן דערהאַלטן פּריוואַט פון אויסלאַנד רעצעפּטן און דער מאַגאַזין קויפט און פאַרקויפט זיי הונדערט פּאַכיק טייערער, ווי אין דער מלוכהשער אַפּטייק. אָבער כּדי די קראַנקע זאָלן באַקומען די פּריוואַט געקויפטע מעדיקאַמענטן, האָב איך זיי געדאַרפט איבערגעבן אין שפּיטאָל, נאָר אָן דער זיכערקייט און גאַראַנטיע, צי די זעלבע מעדיקאַמענטן ווערן נישט אויפסניי פאַרקויפט. די פּריוואַט געצאָלטע וויזיטן וואָס איך האָב געמאַכט ביי דעם הויפּט־דאָקטער פון שפּיטאָל האָבן געהאָלפן, אַז די באַדינגונגען דאָרט זאָלן זיך טיילווייז פאַרבעסערן, לויט דער רעקאָמענדאַציע פונעם הויפּט־דאָקטער, אַז פאַר איר פאָדערט זיך אַן ענדערונג פון דער סביבה און באַהאַנדלונג, ווי אויך דאָס זיין צוזאַמען מיטן זון און ברודער, פון וועלכע זי הערט נישט אויף צו ריידן, אַז מ'וויל זיי פון איר צונעמען — וועט אפשר ווירקן צום גוטן.

האָב איך גענומען לויפן אין דער פּאַספּאָרטן־אָפּטיילונג, מען זאָל איר דערלויבן אַ טוריסטן־רייזע קיין פראַנקרייך מיט מיין באַגלייטונג, ווייל אַליין איז אוממעגלעך זי זאָל קאָנען פאָרן. אויך די שפּיטאָל־דירעקציע האָט פאַרלאַנגט. איך האָב אויסגענוצט אַלע באַקאַנטשאַפטן און גאָר באַזונדערס — אַ ריי חברים און חברטעס, וואָס האָבן געאַרבעט אין געהיים־דינסט. ענדלעך, נאָך גרויס מי און מאַטער, האָט זיך דאָס אייז געבראָכן. אין אָקטאָבער 1959, בין איך צוזאַמען מיט איר אָנגעקומען אויף דעם פּאַריזער באַן־הויף, פון וואַנעט איך בין מיט 27 יאָר צוריק (און זי — מיט 26 יאָר), געהאַט אוועקגעפאָרן אין דעם גליקלעכן ראַטן־פאַרבאַנד.

די נייע פּאַריזער היים

אויב איך בין מיט 30 יאָר צוריק אָנגעקומען קיין פּאַריז מיט אַ צווייפלהאַפטיקן פּאַספּאָרט, וואָס כ'האָב אים געדאַרפט צוריק שיקן, און קיינער האָט מיך דעמאָלט נישט געקאָנט און נישט אָפּגעוואַרט, איז דאָסמאָל, ביים צווייטן באַזוך, האָבן אונדז אָפּגעוואַרט מיין פרויס צוויי ברידער, דער זון און דער דיכטער משה וואַלדמאַן, וואָס איז מיט מיין

פאמיליע געווען באפריינדעט נאָך פון די 30קער יאָרן. "פּאָלאַ", זאָגט ער צו איר, "דו דארפסט זיך פרייען, וועסט לעבן אָן מורא ווידער ארעסטירט צו ווערן. ביסט איצט ארומגערינגלט מיט ליבשאפט און גוטע פריינד".

אָבער ליידער, איז זי געווען א גייסטיק אויסגעלאָשענע. "ניין", ענטפערט זי, "איך קאָן זיך מער נישט פרייען. דו מיינסט, אז נאָר משה האָט געליטן. איך בין דאָך געבליבען אליין מיט אן אכט חדשימדיק קינד, אָן ארבעט, ווייל קיינער האָט נישט געוואָלט צונעמען א פרוי פון אן ארעסטירטן שפּיאָן, א קאָנטררעוואָלוציאָנער. איך האָב געהאט אויסצושטיין פּיין. ליידן אוו הונגער־יאָרן, לאנג קיין בריוו נישט דערהאלטן, אָפּגעריסן פון די ברידער, אָן א פּערספּעקטיוו, אָן האָפענונג. איצט איז שוין אלץ צו שפּעט".

כדי צו קאָנען פארבלייבן אין פראנקרייך אויף די רעכט פון א שטאטלאָזן בירגער, דארף די פראנצויזישע פּאָליציי־פּרעפעקטור געבן וווינונגרעכט. נאָר ווען איך בין געקומען מיט דער ביטע, האָט מיר דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר דערקלערט, אז איך בין שוין געווען אין פראנקרייך. איך האָב דערווידערט, ווייל כ'בין אין די 30קער יאָרן צוויי מאָל געווען ארעסטירט און צוגעפירט צו דער גרענעץ. איך זאָל דאָס אנערקענען, וואָלט איך קיינמאָל נישט באקומען קיין וווינונגרעכט. דער איינציקער אָנשפּאר אויף וואָס איך האָב געהאָפט, אז דער ליגן וועט מיר אדורכגיין, וואָס דער זאלצמאן פון די 30קער יאָרן, איז געווען מיט איין יאָר עלטער און געבוירן אין א צווייטן חודש. ווייל אויף דעם פאלשן פּאספּאָרט, מיט וועלכן איך בין אוועקגעפאָרן קיין ראטן־פארבאנד, איז געווען די דאטע פון געבורט וואָס איך טראָג היינט. ווען מ'האָט מיר אין מאָסקווע ארויסגעגעבן א רוסישן פּאס, האָב איך דעמאָלט געבעטן אָנגעבן דעם נאָמען מיינעם, אָבער נישט געמאכט קיין באמערקונג אויף דער געבורט־דאטע. אָט יענער טעות, האָב איך געהאָפט, וועט מיר איצט ארויסהעלפן. מ'האָט מיך ארויפגעשיקט אויף דעם בארימטן 5טן שטאָק, אין דער אָפּטיילונג וואָס פארנעמט זיך מיט די פארדעכטיקטע אויסלענדער. דער אויספאָרשער האָט מיך מיט א פּאָליציאנט געשיקט צום יוסטיץ־פּאלאץ, וווּ ס'געפינט זיך דער ארכיוו און קארטאָטעקע פון די געוועזענע ארעסטירטע און פארדעכטיקטע. האָט מען ארויסגענומען דאָס פּעקל דאָקומענטן מיט די פּאָטאָס פון די זאלצמאנס, אָנהייבנדיק פון 1901. איך האָב "געלייגט

די פינגער", מען האָט מיך אויפסניי פאָטאָגראַפירט, אפילו געמאָסטן דעם קאָפּ. צווישן די פאָטאָס האָב איך זיך אליין דערקענט, מיט נומערן אויף דער ברוסט און אין א זייט. ווען מ׳האָט מיך ארויסגעשיקט אין 1931, האָב איך באמת נישט געקאָנט פארשטיין דעם נס: דער אינספעקטאָר, וואָס האָט קאָנטראָלירט אלע פריערדיקע דאָקומענטן און זיי פארגלייכט צו די איצטיקע, האָט טעלעפאָנירט אראָפּ, אז "ס׳איז נישט ער". אויפן סמך פון דעם, האָט מען מיר ארויסגעגעבן א צייטווייליקע קארטע, גילטיק א חודש. מיט דעם האָב איך אָנגענומען די שטאָטלאָזע קארטע און איבערגעלאָזט מיין פוילישן פאס.

באזיצנדיק די קארטע, האָט שוין נישט די פראנצויזישע פאָליציי קיין רעכט מיך ארויסצושיקן אדמיניסטראטיוו פון לאנד, אָבער האָט רעכט נישט דערלויבן מיר צו וווינען אין פאריז און באשטימען א צווייט וווינאָרט. האָבנדיק א קראנקע פרוי און א זון און וואָס ארבעט אין פאריז, וואָלט אויך דאָס געווען פאר מיר א נישט קליינע שטראָף.

אין דער "צווייטער ביוראָ"

אין געציילטע טעג נאָכן ארויסבאקומען מיין צייטווייליקן וווינונג־דאָקומענט, האָט מען מיך אויפסניי גערופן אין דער פרעפעקטור, ווו א פאָליציי־אינספעקטאָר האָט מיך געפירט צו דער "צווייטער ביוראָ", וואָס פארנעמט זיך מיטן קאָנטר־שפיאָנאזש — און די אויספאָרשונג האָט זיך אָנגעהויבן אויפסניי.

דאָ איז די רעד־שפראך געווען רוסיש, ווי די גאנצע סביבה און די מאפּעס אויף די ווענט — אלץ אויף רוסיש. מ׳האָט מיר געוויזן אן ארעסט־פראָטאָקאָל, אונטערגעשריבן פון משה זאלצמאן אין 1937. דער פראָטאָקאָל איז געווען אַן אלטער; איך האָב פאשטאנען זייער טעות, אז די איינס וואָס איז "געלעגן איינגעבויגן", באקומט זיך ווי א 7. דאָ האָב איך דערוווּדערט, אויפווייזנדיק, אז אין דעצעמבער 1936 איז געבוירן געוואָרן מיין זון און סעפטעמבער 1937, די דאטע פון פראָטאָקאָל, האָב איך דאָך דאָקומענטן, אז איך בין שוין געזעסן אין דער קיעווער תפיסה.

די אויספאָרשער האָבן געענטפערט, אַז דער סאָוויעטישער שפּיאָנאַזש באַנוצט אַ סך מאָל אַזעלכע מעטאָדן: מען ווערט כלומרשט אַרעסטירט, פאַר דער משפּחה קומט אויס, אַז ביסט אין אַ סאָוויעטישער תּפיסה, נאָר אין דער זעלבער צייט, שיקט מען אויף געפערלעכער אַרבעט קיין אויסלאַנד, האַלטנדיק די משפּחה פאַר אַ "משכּן".

נאָכן געבן די אונטערשריפטן פאַר אַן אַנאַליז, האָט זיך פאַרפירט אַ זייער לאַנגער שמועס וועגן מיין צען־יאָרקן לעבן אין תּפיסות און לאַגערן און 9 יאָר אין אַ צוגעטיילט וווינאָרט — ביזן ווערן רעהאַביליטירט. דערמיט האָט זיך די אוידיענץ פאַרענדיקט.

בלויז איין וואָך שפּעטער בין איך אויפסניי גערופן געוואָרן, צוזאַמען מיט מיין פרוי און זון. מ'האָט יעדן באַזונדער געפאָרשט. מיר האָט דער אינספּעקטאָר דערקלערט, אַז לויטן אַנאַליז פון די אונטערשריפטן און אַלטן פּראָטאָקאָל און איצטיקן, זענען זיי די זעלבע. איז שוין נישט קיין ספק, אַז ס'איז דער זעלבער פּערזאָן, דאָך האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן צו קאָמפּליצירן, ווייל מיין זון איז אַ... צייכענער און ער האָט אוודאי געקענט עפּעס "נאָכמאַכן". ווען איך האָב געזען, אַז דער שפּיל איז פאַרן טייוול, האָב איך אָנערקענט דעם פּראָטאָקאָל, אַז ער איז נישט פון 1937, ווען איך בין אַרעסטירט געוואָרן פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט און געוואָרן צוגעשטעלט צו דער בעלגישער גרענעץ.

אויף דער פראַגע פאַר וואָס איך האָב געלייקנט, איז מיין ענטפער געווען, אַז ס'איז אמת, אַז אין 1937 בין איך אין פראַנקרייך נישט געווען און דער ענין פון בלייבן אין פּאַריז, איז געווען לעבנסוויכטיק צוליב דער נערוון־קראַנקייט פון מיין פרוי, וואָס האָט יאָרן־לאַנג געשטרעבט צו זיין נאָענט מיט אירע ברידער און זון וואָס לעבן דאָ. דעריבער האָב איך נישט געקענט איינשטעלן, אַז מ'זאָל אונדז פאַרווערן די וווינונג־רעכט.

דער ענין איז איבערגעגאַנגען צום אינערן־מיניסטער.

צייטווייליקע וווינונג־רעכט

פארן באנייען מיין צייטווייליקע רעכט צו לעבן אין פראנקרייך, בין איך יעדן חודש אדורכגעגאנגען אן אויספאָרשונג. מען האָט אויך קאָנטראָלירט מיין פארדינסט. ס'איז ווידער אויסגעפאלן אויף מיין גורל צו לעבן אונטער א פּאָליטיש־פּאָליצייאישער קאָנטראָל.

גליקלעכערווייז איז דאָס פאָרגעקומען אין דעמאָקראטישן פראנקרייך, ווייל אין ראטן־פארבאנד, איז בלויז פאר אזא פארדאכט, נישט נאָר איך, נאָר אפילו מיין זון, וואָלט געדראָט די געפאר צו באקומען א צעניאָריקן אורטייל. פריינד האָבן מיך רעקאָמענדירט צום אדוואָקאט פרענקעל, וואָס האָט זיך בארימט געמאכט מיטן פארטיידיקן פאר דער מלחמה דעם יידישן בחור גרינשפּאן, וואָס האָט דורכגעפירט דעם אטענטאט אויפן סעקרעטאר פון דער דייטשער אמבאסאדע אין פאריז, אלס נקמה פארן ארויסיאָגן פון דייטשלאנד די אָפּשטאמיקע פון פוילן יידן, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפינען זיינע עלטערן.

דער אטענטאט האָט געדינט פאר דער היטלער־מאכט ווי א פרעטעקסט צו אָרגאניזירן בלוטיקע פּאָגראָמען איבער גאַנץ דייטשלאנד, מיט פארברענען שילן און פארניכטן היסטאָרישע דענקמעלער, באקאנט ווי די טרויעריק בארימטע "קרישטאל־נאכט".

אַדוו' פרענקעל האָט מיר אויפגעקלערט, אז ענינים וואָס אונטערליגן דער "2טער ביוראָ", זענען כלומרשט איינגעהילט אין מלוכה־סודות און מ'דארף זיי לאָזן "אויסשטיין" פון זיך אליין און בלויז דעמאָלט קאָן אן אדוואָקאט אינטערווענירן. אָן א לעגאלער וווינונג־רעכט, האָב איך נישט געהאט קיין דאָקומענט צו קענען באזוכן מיין אלטע מאמע אין אמעריקע. מיין רייזע האָט געמוזט אָפּגעלייגט ווערן אויף אן אומבאשטימער צייט.

אָבער ווי האָב איך געקענט מסכים זיין זיך "אריינצולייגן אין וואטע" און נישט פרווון אנטייל צו נעמען אינעם פּאָליטיש־קולטורעלן און געזעלשאפטלעכן יידישן לעבן?

איך האָב געפילט א מאָראלישע פליכט לגבי מיינע אומגעקומענע חברים אין ראטן־פארבאנד, אויפן מזבח פון זייערע אנטוישטע קאָמוניסטישע

אידעאלן, פאר וועלכע מ'איז גרייט געווען אויסצושטרעקן אונדזערע העלדזער. איך האָב וועגן דער שליחות געחלומט אלע יאָרן פון מיין לעבן אין ראטן־פארבאנד, צו טרעפן זיך מיט חברים פון די יוגנט־יאָרן און באמיען זיך אויפצוקלערן, אז דער קאָמוניסטישער וועג איז א פאלשער, א פארפירערישער, א פארבלענדעניש, און גאנץ באזונדער — פאר אונדז יידן, הן ווי יחידים, הן ווי א פאָלקישער קאָלעקטיוו. איך האָב גלייך געזוכט פערזענלעכע קאָנטאקטן און דווקא אויף זיי האָט מען מיך געפרעגט ביי דער אויפאָרשונג, צו זיי זענען מיר באקאנט. "וואָס, דעם מאָריס טאָרעז פון די יידן, קענסטו אפילו נישט?" וואָס אן אמת, האָב איך זיין ריכטיקן פאמיליע־נאָמען נישט געקענט, טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען מיין יוגנט־חבר, צוויי יאָר געוווינט צוזאמען אומלעגאל אויף א פאריזער בוידעם־שטיבל און געטיילט איין אייזערנעם בעטל מיט נאָך צוויי חברים. אָבער מיר האָבן נישט געוווּסט אונדזערע אמתע פאמיליע־נעמען.

איך האָב באזוכט דעם יידישן סטענד אויף דעם יום־טוב פון דער "הימאניטע", געטראָפן א ריי חברים פון די יוגנט־יאָרן, דעם רעדאקטאָר פון דער "נייע פרעסע", מלך קעניג; דעם סעקרעטאר פון "אוניאָן", אדאמיטש; דעם רעדאקטאָר פון דער פראנצויזישער ביילאגע פון דער "נייע פרעסע" — מאניקאָווסקי; אלפרעד גראנט, גענעראל־סעקרעטאר פון פארבאנד פון די יידישע געזעלשאפטן; די סינדיקאלע טוער אלפרעד בעסערמאן, זשאק לעדערמאן, אלעקסן אאנ"ד. זיי אלע האָבן זיך מיט מיר ארומגעכאפט ווי מיט איינעם, וואָס איז אויפגעשטאנען תחית המתים. קעניג האָט זיך אפילו אויפריכטיק מיט מיר צעקושט. ס'איז אָבער גענוג געווען א קורצער ווערטער־אויסטויש, איך זאָל פארשטיין, אז מיינע רייד זענען ארויסגעוואָרפן. זיי אין פאריז קענען בעסער די פאקטישע לאגע אין ראטן־פארבאנד ווי איך, וואָס האָב דאָרט געלעבט 25 יאָר. מען דערלאָזט נאָך א קריטיש וואָרט קעגן פוילן, אָבער דאָס פארהייליקטע לאנד איז ווי אין די פריערדיקע יאָרן א "טאבו". מען באדויערט דעם טעראָר אין 1937, פון וועלכן איך בין געווען א קרבן, מ'האָט אָבער די גרייטע, אויבערפלעכלעכע תירוצים: בעריא־קליקע; פערזאָנען־קולט; מען באנוצט זיך מיטן מעסטער פון גוטס און שלעכטס; דאָס גוטע וועגט איבער; די ריזיקע דערגרייכונגען פון בויען דעם סאָציאליזם; א דאנק דעם ראטן־פארבאנד, הערשט שלום

אויף דער וועלט; די עוולה, וואָס מ׳איז באַגאַנגען מיט דער יידישער קולטור, איצט פאַראַכטן; און וועגן דעם גרויסן אויפטו פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, מאָריס טאָרעז, איז אַ דאַנק אים געשיקט געוואָרן אַ דעלעגאַציע פון פּאַריז צו אינטערוועניִרן. מ׳וויל מיר "פאַררעדן די ציין", פאַר וואָס זיי האָבן נישט פאַרעפנטלעכט דעם באַריכט פון דעם שרייבער אין דער דעלעגאַציע, ד״ר חיים סלאָוועס, אַז די אַמעריקאַנער "יידישע קולטור" האָט דאָס געדאַרפט פאַרעפנטלעכן און דער זשורנאַל "אייניקייט" אין פּאַריז (אַרויסגעגעבן דורך דעם לינקן שרייבער בנימין שלעווין), האָט דאָס איבערגעדרוקט.

איך בין געקומען צום אויספיר, אַז מיט קאָמוניסטן־פּראָפעסיאָנאַלן טאָר מען נישט דיסקוטירן, ווען זיי זענען צוזאַמען. נאָר איך זוך אַלץ ענטפער, הלמאי זאָלן זיי נאָך אין יאָר 1960 האָבן מאַסן אָנהענגער, נאָך דעם ווי ס׳איז שוין אָפיציעל אָנערקענט געוואָרן פון דער סאָוויעטישער אָנפירונג, פון דער יידישער קאָמוניסטישער צייטונג אין פּוילן, וועגן דער גרויסער צאָל יידישע קרבנות פון דעם מאַסן־טעראָר, ביז דער ליקווידירונג פון דער יידישער פאָלקס־קולטור מיט אירע אויסגערימטע שעפער.

לויט מיינע דערפאַרונגען אין ראַטן־פאַרבאַנד, אין אַלע יאָרן פון טעראָר, זענען די קרבנות ביי יידן פּראָפּאָרציאָנעל געווען גרעסער, ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער. שוין אין 1917, שרייבט מאַקסים גאָרקי אין זיין בוך "קולטור און רעוואָלוציע", אַז די פאָרמולע ייד־באָלשעוויק פון די אַנטיסעמיטן, איז אַ געמיינע, רכילותדיקע באַשולדיקונג. צווישן די מענשעוויקעס איז דאָ אַ סך מער יידן. די צייטונג "ריעטש", וואָס ווערט גערופן אַ יידישע צייטונג, ווו עס אַרבעטן אַ היפּשע צאָל יידן, זענען פיינטלעך צו די באָלשעוויקעס און איז געווען, צווישן די ערשטע, פאַרמאַכט צו ווערן. דאָס זעלבע די צייטונג "נאָוואָיע ווריעמיאַ". אַזוי אויך — ביים קריגס־קאָמוניזם, ביי דער ליקווידירונג פון "נעפּ", די קאַמפּאַניע קעגן גאָלד־באַזיצער און קאַמף קעגן טראָצקיזם, ווי די טרויעריק באַרימטע יאָרן 1937 — 1939, ביז צו דער אָפּענער, ריין אַנטי־יידישער קאַמפּאַניע, וואָס איז אין 1948 געפירט געוואָרן קעגן קאָסמאָפּאָליטיזם. די עקאָנאָמישע פּראָצעסן אין פעריאָד פון כרושטשאָוו — מער ווי הונדערט פאַרמשפּטע צום טויט.

משה זאַלצמאַן

סאָציאַלער באַשטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג

א געוואַלדיקע סאָציאַלע דיפערענצירונג איז פאָרגעקומען ביי דער יידישער באַפעלקערונג, עמיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע, זייט מיין פאַרלאָזן פאַריז אין 1933. די ווייט גרעסטע מערהייט האָט דעמאָלט זיך אָנגעהערט צום אַרבעטנדיקן עלעמענט, נאָר פראָפּאָרציאָנעל — אין גרויס אָרעמקייט, דאַכלאָזע, אָן אַרבעט־רעכט און אָן לעגאַלע וווינונג־רעכט. אין יאָר 1960, איז די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער ווייט גרעסטער מערהייט, גיכער זיך אָנגעהערט צום באַלעבאַטישן בירגערטום, ווי דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון דער פעריפעריע, ווו יידישע קאָמוניסטן האָבן נאָך זייער אָנשפּאַר און איינפלוס. די אונטער־סינדיקאַלע קאָמיסיע שפּילט שוין נישט וועלכע ס'איז ראָל, אפילו נישט דער האַנטווערקער־פאַרבאַנד, וועלכער איז אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה געווען א מאַסן־אָרגאַניזאַציע. אָן אָרגאַניזאַציאָנעלער כוח איז דער פאַרבאַנד פון די געוועזענע יידישע פרייוויליקע, פראָנט־קעמפער, געוו. דעפּאָרטירטע, "פריינד פון יוגנט", ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע, דער "אוניאָן" (געשאַפן געוואָרן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע), מיט אָפּטיילונגען אין די שטעט מיט יידישע ישובים און אין פאַריז — מיט אָפּטיילונגען אין די אַראַנדיסמאַנען, ווי אויך דער פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן און לאַנדסמאַנשאַפטן.

די סיבות וואָס האָבן אויסגעווירקט אויף דעם איינפלוס:

1. די גלאָריע פון יידישן קאָמוניסטישן ווידערשטאַנד, טויזנט פאַכיק געכפּלט מיטן זיג פון ראַטן־־פאַרבאַנד;
2. די גרויסע קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין פראַנקרייך, וואָס האָט באַקומען 25 פּראָצענט שטימען ביי די וואַלן;
3. די לאַנגיאָריקע דערפאַרונג פון די יידישע קאָמוניסטישע טוער, וואָס זענען געווען אונטערגעוואָרפן א פעסטער דיסציפּלין.

דאָס אַלץ האָט געווירקט, אַז זייער השפּעה נאָך דער מלחמה, טראָץ דעם גרויסן בלוט־אָפּפלוס אין די חורבן־יאָרן, זאָל זיין שטאַרקער ווי

פאר דער מלחמה. לויט די אָנגאבן פון היסטאָריקער ש. פרידמאַן (ש. שייקאָווסקי), אין סאמע בלי־פעריאָד פון פאר דער מלחמה, בעת דעם פאָלקס־פראָנט, האָבן די פריינד פון דער "נייע פּרעסע" געציילט 2700 מיטגלידער, און די ציוניסטן האָבן צום לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס פאר דער מלחמה, פארקויפט אין פראנקרייך 9000 שקלים. פארן קרן־היסוד האָבן אין פאריז זיך באשטייערט 581 מנדבים, פארן קרן־קימת – 4000. דער פארבאנד פון פראָ־פאלעסטינער יוגנט־אָרגאניזאציעס, ווו ס'זענען געווען אין אים אָנגעשלאָסן אלע ציוניסטישע יוגנט־באוועגונגען, געגרינדעט אין 1938, האָבן געהאט אין פראנקרייך 47 אָרגאניזאציעס מיט 5000 מיטגלידער.

ערב יום כיפור אויפן בית־עולם אין באניע

אין מזרח־אייראָפע איז אין די טעג פון עשרת ימי תשובה געווען א רעליגיעזע טראדיציע, באזונדערס ביי פרויען און יתומים, צו גיין אויף קבר אבות און אויף קברים פון פארהייליקטע רבנים, זיי זאָלן זיך מיען פאר די לעבעדיקע. די קאָמוניסטישע אָנפירערשאפט פון פארבאנד פון די יידישע געזעלשאפטן, האָט אויסגענוצט די טראדיציע און איינגעאָרדנט ערב יום־כיפור א פּאָליטישע דעמאָנסטראציע־מיטינג ביים מאָנומענט פון די געפאלענע יידישע פראָנט־קעמפער קעגן נאצי־דייטשלאנד. נאָך די רעדעס, הערט מען פונעם רב־חזן דעם "אל מלא רחמים" און אויך "קדיש". נאָך 27 יאָר לעבן אין אן אטעיסטישן סיסטעם, איז דאָס פאר מיר געווען א נייעס. איינדרוקספול איז פאר מיר געווען דער מארש פון טעלעכע צענדליק געוועזענע דעפּאָרטירטע אין זייערע ווייס־שווארץ־פאסיקע בלוזעס, מיט אָנגעצונדענע, גרויסע מזכיר־נשמות ליכט און די ריזיקע מאסע פון הונדערטער יידן.

שטיי איך אן איינזאמער און פאריתומטער. לויט די נעמען פון די טעלעכע צענדליק פענער פון סאָסיעטעס און לאנדסמאנשאפטן, זענען די 14 – 16 טויזנט קדושים פון מיין געבוירן־שטאָט זאמאָשטש – אויך פאריתומט.

פון מיינע רעיונות פירט מיך ארויס דער רעדאקטאָר פון דער "נייע פרעסע", מלך קעניג, וואָס באַגעגנט מיך מיט פריינדשאפט:

— דו וווּנדערסט זיך, אוודאי, פון דער צערעמאָניע, וואָס דער פארבאנד פון די געזעלשאפטן, מיינע חברים, זענען פון דעם די איניציאטאָרן? מיר דארפן זיך צופאסן צו דער פסיכאָלאָגיע פון די סאָסיעטע־יידן, מ'טאָר זיי נישט פארלירן. מיר זענען נישט קיין סעקטאנטישע דאָגמאטיקער.

— הלוואי וואָלט דאָס אמת געווען, אז איר זאָלט נישט זיין קיין דאָגמאטיקער אויף אלע געביטן פון די יידישע פאָלקס־אינטערעסן. פארן פרייז פון איינהאלטן אייער השפעה, זייט איר מסכים צו נעמען אויף אייערס א פאָליטישע אונטערנעמונג א חזן, א רב; אויך די פראנצויזישע קאָמוניסטישע פארטיי ווענדעט זיך צו די קאטאָליקן מע זאָל זיי שטיצן, נאָר זיי פארשווייגן, אז דאָרט ווו קאָמוניסטן זענען ביי דער מאכט, גאָר באזונדערס אין ראטן־פארבאנד, ווערט יעדע רעליגיעזע טעטיקייט אונטערדריקט. און וואָס איז מיט אייער פארשווייגן יאָרן־לאנג און אָפלייקענען די ליקווידירונג פון דער יידישער קולטור און אירע שעפער, ביים גלייכצייטיקן אקצעפטירן אלע פאָליטישע האנדלונגען פון די קאָמוניסטישע הערשער לגבי די מיליאָנען רוסישע יידן און רעשטלעך לעבן געבליבענע יידן אין פוילן, רומעניע, טשכאָסלאָוואקיע, שוין אָפגערעדט פון אייער בלינד אונטערשטיצן יעדע פאָליטישע האנדלונג, וואָס איז קעגן מדינת ישראל. דיין מורא פאר דער אָפשוואכונג פון דער פארטיי האָט דערפירט, אז דו זאָלט זיין קעגן אויפדעקן אויפן 20סטן פארטיי־צוזאמענפאָר אין מאָסקווע דעם בלוטיקן טעראָר מיט זיינע מיליאָנען אומשולדיקע קרבנות. און צווישן זיי — צענדליקער טויזנטער טרייע קאָמוניסטן, פעיקע, מיט איינגעבוירענער אינטעליגענץ, ווי אזעלכע ווי דו, מלך קעניג. איך דערמאָן דאָס וואָס האָסט מיר געזאָגט אין 1958, בעת דיין באזוך אין ווארשע, צו דער פייערונג פון 15 יאָר געטאָ־אויפשטאנד, אין דער ווינונג פון לואי גראנאָווסקי, געוועזענער רעדאקטאָר פון די "נייע פרעסע" אין מיין צייט, פירער פון דער אָפטיילונג פאר אויסלענדישע ארבעטער ביים צענטראל־קאָמיטעט פון דער פארטיי און נאָענטער מיטארבעטער פון זשאק דיקלאָ בעת דער דייטשער אָקופאציע. "ליגן קאָן אָבער נישט זיין קיין מיטל צו פארווירקלעכן

גערעכטיקייט, שקר פּירט צו אונטערגאַנג" — האָט מיט רעכט דערקלערט דער רוסישער סאָציאַליסטישער דענקער פּיאָטר לאַווראָוו.

דער שמועס האָט זיך פריינטלעך פאַרענדיקט. ער לאַדט מיך איין צו זיך, טיילט זיך מיט זיין משפּחה־נחת, רעדט וועגן זיינע גרעאָטענע זין און לייגט פאָר, איך זאָל מיטאַרבעטן אין זייערע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס.

— דו מוזט נישט זיין קיין מיטגליד אין דער פּאַרטיי! — גיט ער צו.

זאַמאָשטש

די אָפּוועזנהייט אויפן פּאַריזער בית־עולם פון א מצבה לזכר די אומגעקומענע יידן פון זאַמאָשטש, ווי די נישט עקזיסטענץ פון א לאַנדסמאַנשאַפט פון אַזאַ יחוסדיקער שטאָט, וואָס האָט במשך איר 300־יאָריקער עקזיסטענץ אַרויסגעגעבן 70 מחברים פון ספרים און קאָמענטאַרן צום תלמוד, משנה, שולחן־ערוך, ווי אויך דעם מחבר פון דער ערשטער יידישער פּיעסע "סערקעלע" — ד"ר עטינגער; דער ערשטער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פון דער יידישער פּרעסע אין דער צאַרישער אימפּעריע, אַלעקסאַנדער צעדערבוים; דער זיידע פון די באַוווּסטע סאָציאַליסטישע טוער אין רוסלאַנד — די ברידער מאַרטאָוו; דער גרויסער י.ל. פּרץ; די טעאָרעטיקערין פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ראָזאַ לוקסעמבורג און"ד. איז מעגלעך, אַז אין פּאַריז זאָל זיך נישט געפינען קיין מנין יידן, וואָס כאָטש אין יאָרטאָג פון אומברענגען די קהילה דורך די דייטשישע רוצחים, זאָל אַזאַ שטאָט נישט דערמאָנט ווערן? אין 1933, פאַר מיין פאַרלאָזן פּאַריז, האָבן מיך געזעגנט עטלעכע צענדליק לאַנדסלייט פון דעם פּאַטראָנאַט פאַר די זאַמאָשטשער פּאָליטישע אַרעסטירטע. צווישן זיי זענען געווען צוויי חברים, מיט וועלכע איך בין אין 1927 געזעסן אין דער זאַמאָשטשער תפיסה. ליידער, פון די וואָס איך האָב איבערגעלאָזט אין פּאַריז, זענען בלויז צוויי לאַנדסלייט געבליבן לעבן. די אַנדערע זענען געוואָרן דעפּאָרטירט פון פּאַריז און געטיילט דעם גורל פון זייערע אויסגעמאָרדעטע משפּחות אין זאַמאָשטש.

מיט דער הילף פון די צוויי לאַנדסלייט, האָב איך בשעתו גענומען שאַפן

די זאַמאָשטשער געזעלשאַפט אין פּאַריז. כ׳האָב זיך דערוווּסט, אַז אזא פּרווו איז געמאַכט געוואָרן מיט 12 יאָר צוריק פון מרדכי שטריגלער, רעדאַקאָר פון דער פּאַריזער טאָג־צייטונג ״אונדזער וואָרט״. ער איז די לעצטע שרייבערישע פּערזענלעכקייט, וואָס זאַמאָשטש האָט זוכה געווען אַרויסצוגעבן. דער מלחמה־אויסברוך טרעפט אים אין וואַרשע אין אַנגוסט און ווי, עטלעכע מאָל געכאַפּט געוואָרן אויף אַרבעט און אַרעסטירט. דערקליבן זיך צו זיינע עלטערן און זיבן שוועסטער, וואָס האָבן געלעבט אין זאַמאָשטש און דאָרט צוגעזען דעם שוידערלעכן אומקום פון א שטאָט יידן און דערנאָך אליין אדורכגעמאַכט אַלע שבע מדורי גיהנום פון היטלעריסטישן פּיין.

דער אינערלעכער דראַנג צו אָרגאַניזאַציאָנעלע אַקטיוויטעטן און איניציאַטיוון, וואָס איז יאָרן־לאַנג געווען אין מיר דערשטיקט — האָט אויפסניי דערוואַכט, און מיט ברען. לויט מיינע באַשרענקטע מעגלעכקייטן און פעיקייטן, איז צו דער 18טער יאָרצייט פון אומקום פון דער זאַמאָשטשער קהילה, פאָרגעקומען צום ערשטן מאָל אין פּאַריז אַן עפנטלעכע אזכרה, אין 1961. אינעם צייטונג־באַריכט אין ״אונדזער וואָרט״ וועגן דער אזכרה איז געווען אָנגעמערקט, אַז אין יידישן סעקטאָר איז צוגעקומען א נייע געזעלשאַפט.

צו דער 20סטער יאָרצייט, איז אויפן פּאַריזער בית־עולם פאָרגעקומען די אַנטהילונג פון אַן אָנדענק־מצבה נאָך דער אומגעבראַכטער יידישער קהילה פון זאַמאָשטש. ביי דער אַנטהילונג איז אַרויסגעטראָטן דער קונסט־מאָלער און ליטעראַטור־קריטיקער באָרווין־פרענקעל.

נעמענדיק אין אַכט וואָס קיין גרויסע צאָל לאַנדסלייט האָבן נישט געוווינט אין פּאַריז, האָבן מיר זיך קאָלעקטיוו אָנגעשלאָסן אין דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט. נאָכן עולה זיין קיין ישראל פון דעם סעקרעטאַר לייבעלע עדעלשטיין, בין איך אויסגעוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון דער לאַנדסמאַנשאַפט ״פאַראייניקטע לובלינער און אומגעגנט״.

פּאַריז איז געוואָרן דער אַדרעס און פאַרבינדלער מיט די פינף עקזיסטירנדיקע זאַמאָשטשער לאַנדסמאַנשאַפטן אין דער וועלט: תל־אביב, חיפה, ניו־יאָרק, מאָנטרעאַל און אַרגענטינע. די אָנפירער פון די דאָזיקע לאַנדסמאַנשאַפטן זענען אַמערסטן געווען פון מיין יוגנט־דור.

מיין צוזאַמענאַרבעט מיט די זאַמאָשטשער אין פּאַריז, האָט מיך

אַנגערעגט אַנצושרייבן אַן ארבעט וועגן דעם העראָישן זאמאָשטשער קעמפער יוסף עפשטיין (קאָלאָנעל זשיל), וואָס האָט אָנגעפירט מיטן באוואָפנטן ווידערשטאנד בעת דער דייטשישער אָקופּאציע אין פּאריז, ביז זיין ווערן דערשאָסן אויף דעם עקזעקוציע־פּלאץ פון מאָן־וואַלעריאַן.

צוליב די שווערקייטן אויסצוגעפינען מאטעריאלן און גבית־עדות פון זיין קאמפּס־טעטיקייט אין שפּאנישן בירגער־קריג, אלס קאפּיטאַן פון דער אינטערנאציאָנאלער בריגאדע, ווי אין פּעריאָד פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז די באשיידענע מאָנאָגראפיע וועגן אים דערשינען אין 1980 אין יידיש, און אין 1983 — אין דער פראנצויזישער איבערזעצונג. און מיין ארבעט אלס סעקרעטאר פון די לובלינער, האָט מיך באוויגן אַנצושרייבן וועגן בעלא שאפּיראָ, די העלדישע פרויען־פּערזענלעכקייט אין לובלין צווישןביידע וועלט־מלחמות (דערשינען אין 1983). די מאָנאָגראפיע איז אויך דערשינען אין פראנצויזיש אין יאָר 1988.

דאָס שרייבן מיין בוך

ווי נאָר איך האָב דערגרייכט די פרייע וועלט אין 1960, איז מיין שטרעבונג און ענערגיע אוועק אין דער ריכטונג פון ארויסברענגען אויפן פּאפּיר מיינע 25 יאָר לעבן אין ראטן־פארבאנד; צו דעם האָט מיך באזונדערס באוויגן דער פאקט, וואָס אין פּאריז האָב איך זיך נאָך אָנגעטראָפן אויף א גרויסן, קאָמוניסטישן איינפלוס צווישן יידן. פונקט ווי אין די יוגנט־יאָרן אין ווארשע, ווען כ'האָב געשריבן אומלעגאלע, העקטאָגראפישע אויפרופן אין נאָדל־פאראיין, אָדער אין פּאריז ארטיקלען אין דער צייטונג "רויטע הילף", וואָס איז געווען א טייל פון מיינע געזעלשאפטלעכע פונקציעס — אזוי האָב איך מיין שרייבן דאָס בוך געהאלטן ווי א טייל פון דער באנייטער, געזעלשאפטלעכער אקטיוויטעט.

איך האָב נישט פאַרויסגעזען קיין מעגלעכקייט ארויסצוגעבן אין בוך־פאָרם די פארשריבענע בלעטער. ס'האָט אָבער נישט געגעבן קיין רו, בייטאָג און ביינאכט, די כסדרדיקע קאָשמארן און אנגסטן פון שרעק און דערמאָנונגען פון אויפסנייע אדורכמאכן די בלוטיקע אויספאָרשונגען, אָדער די

גהינום־בילדער פון לאגער־לעבן. דער קלאנג און ריטעם פון מיין שניידער־מאשין, האָט אָפּגעהילכט אין די מחשבות נאָך די אדורכגעלעבטע יאָרן. ס'האָבן אויפגעלעבט בילדער און פנימער פון די קרבנות פונעם פינצטערן סיסטעם, וועלכער פארוואנדלט מענטשן אין מוסרים־אונטערדריקער און ליגנער. הגם יעדער ווייסט אז ער ווערט גענארט, נארט ער זיך אליין און נארט יענעם.

דערמוטיקונג־בריוו האָב איך אָנגעהויבן צו באקומען פון אמעריקע, פון מיין לאגער־חבר, שרייבער און ליטעראטור־פאָרשער לייזער ראן. אויף מיינע ספיקות, צי כ'וועל זיין בכוח און האָבן אויסדויער, ווייל איך בין דאָך בסך־הכל א שניידער און נישט קיין שרייבער, האָט ער עקשנותדיק געטענהט:

— דערצייל משה, ווייל אזא מעשה שהיה, איז פיל בעסער ארויסצוברענגען א שניידער, אים וועט מען גיכער גלויבן ווי א שרייבער, וואָס קאָן אויסטראכטן און באפוצן מיט זיינע זעענישן און פאנטאזיעס.

דריי יאָר זענען אדורך אין א שווערן געראנגל פון צוריק אויפשטעלן מיין משפחה־לעבן אין דער פרייער פראנקרייך. נאָך געציילטע חדשים וווינען ביי מיינע שוואָגערס, האָב איך גענומען א וווינונג אין אן אָרעמען קווארטאל אין פאריז, ווו דער רוב איינוווינער זענען אָפּשטאמיקע פון צפון־אפריקע. די מלחמה אין אלזשיריע פאר איר אומאָפּהענגיקייט, האָט געהאט בלוטיקע אָפּקלאנגען אין פאריז, און גאָר באזונדערס — אין די געסלעך ארום "גאָד־אר". דערפאר איז דאָרט געווען גרינגער צו קריגן די וווינונג. פריינד האָבן מיך געוואָרנט, אז כ'וועל אין אָוונט נישט קענען ארויסגיין. דערווייל זענען אדורך 25 יאָר און איך האָב נישט געהאט קיין מכשול. דער גורל האָט געוואָלט, איך זאָל ווערן א היים־ארבעטער, זיין לעבן מיין קראנקער פרוי און אויך ענדערן מיין שניידער־פאך אויף דאמען־קאָנפעקציע, ווייל דאָס באשטעלטע מענער־פאך איז אין פעריאָד פון מאסן־באנוץ מיט אויטאָמאָבילן, כמעט אונטערגעגאנגען.

אין אָנהייב פון די זעכציקער יאָרן, נאָכן גרויסן היטלער־חורבן, איז שוין די ווייַט גרעסטע מערהייט פון די פראָדוצענטן נישט געווען קיין יידן. אָבער די באלעבאטים, אלנפאלס אין פאריז, זענען לרוב געווען יידן.

וואָס שייך פרנסה אין פארגלייך מיט די שניידער־ארבעטער אין די

סאָוויעטישע פאַבריקן, זענען זייערע רעאַלע לוינען צען מאָל גרעסער. אמת די פּראָדוקטיווקייט פון די פּאַריזער היים־אַרבעטער איז אויך פיל־פאַכיק העכער, אָבער נישט דערפאַר, ווייל די אַרבעטער אין ראַטן־פאַרבאַנד זענען פוילער, נאָר דערפאַר ווייל זיי זענען באַרויבט פון פּערזענלעכע איניציאַטיוון, א שרייפעלע און א מעכטיקער מאַשין, וואָס הינקט אונטער. אונדזער גרויסער י.ל. פּרץ האָט אין זיין אַרטיקל אין 1906 "האָפענונג און שרעק" נביאיש פאָרויסגעזען: "באַצווינגער זינדיקן קעגן מענטשלעכן גייסט. איר וועט זיך פאַרנעמען מיט רעגלאַמענטירן, מיט שרייבן און שאַצן, ווי אָפט סע מעג שלאָגן א מענטשלעכער פּולס".

במשך פון די דריי יאָר — דערלעבט א ביסל נחת. מיין זון האָט חתונה געהאַט און ס'איז אויך געבוירן געוואָרן אן אייניקל. אָבער מיין רעכטלעך־אַדמיניסטראַטיווע לאַגע האָט זיך ניט געענדערט. אויף מיינע ווענדונגען צום אינערן־מיניסטער, נישט באַקומען קיין ענטפער. איך האָב אויסגעמיטן צו זוכן פּראָטעקציע ביי מנהיגים פון יידישן ישוב, אָבער מיין מאַמע האָט איבערגעשפּאַנט דאָס 80סטע לעבנס־יאָר — און א מענטשלעך לעבן האָט דאָך א לימיט. בין איך געווען געצוווּנגען אויך דאָס געווער אויסצונוצן. וועגן צוויי אַזעלכע יידן וועל איך דערמאָנען, ביידע זענען שוין אויפן עולם האמת.

פּייוול שראַגער און שלמה פרידריך

ביז מיין פאָרן אין 1933 קיין ראַטן־פאַרבאַנד, בין איך דריי יאָר געווען באַפריינדעט, פּערזענלעך און אידעיש, מיט פּייוול שראַגער. מיטגעאַרבעט מיט אים אין דער יידישער סעקציע, וווּ ער איז געווען סעקרעטאַר און א צייט מיט אים געווען אין סעקרעטאַריאַט. פאַר די יאָרן איז ביי אים פאָרגעקומען א רעוואָלוציע. בעת די מאָסקווער פּראָצעסן אין 1937, איז ער אַרויסגעטראָטן פון דער פּאַרטיי, געוואָרן דער פירער פון בונדישן אַקטיוו, אַנטייל גענומען אין אַנטי־נאַצישן ווידערשטאַנד, רעדאַקטאָר פון דער בונדישער צייטונג נאָך דער באַפרייונג. אין די זעכציקער יאָרן געווען דירעקטאָר פון "אָרט" אין פראַנקרייך, מיטגליד פון "קריף", פון יידישן

וועלט־קאָנגרעס, פון קולטור־קאָנגרעס אאנ"ד. א גלענצנדיקער רעדנער. אין "אָרט" האָט ער צוזאמענגעארבעט מיט פּאָליטישע פּערזענלעכקייטן, ווי דער זון פון לעאָן בלום, דער געוועזענער מיניסטער דאניעל מייער און אנדערע. דאָס איז פאר מיר געווען א גרויסע סאטיספאקציע און פרייד. פארשטענדלעך, אז איך האָב זיך צו אים געוואָנדן דורכן טעלעפאָן, האָט ער זיך דערפרייט, אז איך בין געבליבן נאָך דעם סאָוועטישן גהינום. האָב איך געהאָפּט אויף א חברישע, ברודערלעכע אויפנאמע. נאָר ווען איך האָב אים באזוכט, אין זיין ביוראָ, האָט געהערשט א בייזע, שטילע קאלטקייט — און נאָכן אויפקלערן אין א וואָסער סיטואציע איך געפין זיך, אנשטאט אן עצה, א ווארעם וואָרט, שטעלט ער זיך אויף (דאָס הייסט, אז מיין וויזיט איז פארענדיקט) און דערקלערט:

— משה! איך בין נישט מער אין דער פּארטיי.

— א וואָסער אמעריקע אנטדעקסטו מיר? ווען דו ביסט אין דער פּארטיי, וואָלט איך דען צו דיר געקומען?!...

עפּעס אנדערש איז פאָרגעקומען מיט שלמה פרידריך. א פּיזיש אנטוויקלטער מענטש, הויך און גלייך ווי א סאָסנע, וואָס בלויז דער אויסערלעכער אויסזען האָט ארויסגערופן רעספּעקט און אָפּשיי. א מאסן־רעדנער, זשורנאליסט, פירער פון "חירות" אין פראנקרייך, מיטגליד אין ציוניסטישן אקציאָנס־קאָמיטעט, רעדאקטאָר פון צייטשריפטן. און צו די אלע אמטן און פעיקייטן, האָט ער אויך געדאוונט פארן עמוד. ער איז געקומען קיין פראנקרייך נאָך דער מלחמה און אין די זעכציקער יאָרן געווען אן אָנגעזעענער מנהיג פון יידישן ישוב; גענעראל־סעקרעטאר פון דער פריינדשאפט־געזעלשאפט פראנקרייך — ישראל און געשטאנען אין פארבינדונג מיט די אָנגעזעענסטע פּאָליטישע און אינטעלעקטועלע פּערזענלעכקייטן אין פראנקרייך, ווי: זשאק סוסטעל, געוועזענער מיניסטער; פאָרזיצער פון סענאט פאהער; סאָציאליסטישער סענאטאר זשיראָ אאנ"ד. האָב איך זיך געוואָנדן צו אים.

ער האָט מיך פריינטלעך אויפגענומען און זיך געוווּנדערט, פאר וואָס איך האָב זיך צו אים נישט געוואָנדן א סך פריער. ער האָט גלייך מיך רעקאָמענדירט צו א געוועזענעם פּרעפעקט פון פאריז, וואָס האָט פון זיין ביוראָ אין מיין אנוועזנהייט, טעלעפאָנירט צום אמטירנדיקן פּאָליציי־

פרעפעקט, אַז פרידריך פּאַרזיכערט אים, אַז משה זאַלצמאַן איז איצט נישט קיין קאָמוניסט. אויף יענעמס ענטפער, האָט ער אים צוריק געענטפערט, אַז מאַלראָ (באַרימטער שרייבער און געוו. מיניסטער) איז געווען אַ קאָמוניסט, וועסטו אים מאַכן אויס מיניסטער ביים גענעראַל דע־גאָל?

נאָך דעם טעלעפאָנישן געשפּרעך, האָב איך אין געציילטע טעג, באַקומען אַ דאָקומענט פון דער פּרעפעקטור, אַז די פריערדיקע אויסווייזן אויפן סמך פון געזעץ פון 18טן מערץ 1946 וועגן באַקומען וווינונג־רעכט פאַר אויסלענדער, ווערן אַנולירט — און איך בין נישט קיין אויסנאַם.

אין אַמעריקע

ווי נאָר כ'האָב באַקומען מיין וווינונג־רעכט, בין איך אין זעלבן חודש געפאָרן קיין אַמעריקע באַזוכן מיין מאַמען, שוועסטער און ברידער. ווען איך ווייס נישט, אַז דאָס איז מיין מאַמע, וואָלט איך זי נישט דערקענט. זי איז געוואָרן קלענער, אַ גליקלעכער שמייכל איז געווען אויסגעגאָסן אויף איר צעקנייטשט, ממש צעקאַרבט פּנימל, וואָס האָט געהאַט אַ קאָליר פון אַלטן פּאַרמעט. איר פרייד, אַז זי האָט דערלעבט צו זען איר אויסגעבענקטן בכור אַ לעבעדיקן, האָט זיך כסדר געביטן: אָט אַ שמייכל, אָט גיסט זיך אַ ים פון טרערן.

— מאַמע! — פרעגט די גאַנצע משפּחה: די שוועסטער מיט איר מאַן און פאָטער, דער ברודער מיט זיין פרוי, קוזינען און קוזינקעס — פאַר וואָס־זשע וויינסטו?

— ווי קאָן איך נישט וויינען, אַז איך האָב זוכה געווען ביים רבונו־של־עולם, נאָך אַלע נע־ונדן, אים צו זען אַ לעבעדיקן, ווען אַפילו דער זאַמאָשטשער יזכור־בוך האָט געשריבן, אַז ער איז געשטאָרבן אין ראַטן־פאַרבאַנד. און וועמען האָב איך אין יענעם לאַנד געקאָנט אָנפרעגן? נאָר די מאַמעס האַרץ האָט עקשנותדיק געגלויבט, אַז ער לעבט. שוין כמעט 5 יאָר, ווי ער איז אַרויס פון דעם סאָוויעטישן גן־עדן — און יעדעס מאָל אַ נייער מכשול. די אויגן זענען מיר שוין אַרויס פון קאָפּ, דאָס האַרץ האָט זיך כסדר געשראָקן, אַז זיי וועלן זיך בכלל צומאַכן, כ'האָב דאָך שוין פון

לאנג געשענקטע יאָרן. נאָר דאנקען גאָט, אז ביסט דאָך געקומען.

באלזאק שרייבט ערגעץ, אז "מאמעס האָבן אָפט ליב גראָד יענע קינדער, וועלכע האָבן זיי פארשאפן אמערסטןליידן". און איך האָב זיי איר פארשאפן גלייך ביי מיין געבוירן, ווייל דריי טעג האָבן געדויערט די געבורט־ווייען. אויסער די אָרעמע שכנים, וואָס האָבן איר בלויז געקענט העלפן מיט שטילע תפילות, זי זאָל וואָס גיכער אויסגעלייזט ווערן, מיט דעם אָדער אָן דעם באשעפענישל — איז פון ערגעץ ניט געקומען די ישועה.

קינדער־יאָרן

מיין מאמעס משפחה האָט געוווינט אויפן דאָרף, געהאלטן סעדער; מיין געבורט איז פונקט געווען אין דעם "הייסן" סעזאָן, ווען מען נעמט אראָפּ די פרוכטן פון דיביימער. טאָ ווער געדענקט דעמאָלט אז א שוועסטער, צי א טאָכטער דארף געלעגן ווערן? און אז מען געדענקט, קאָן מען אין אזא צייט זיך אָפּרייסן פון דער ארבעט?

מיין פאָטערס שטאָטיש־חסידישע משפחה איז געווען פול מיט שנאה צו מיין מוטער מיט איר משפחה. זיי האָבן זיך געפילט באליידיקט פונעם שידוך, ס'האָט זיי ארונטערגעריסן דעם יחוס. ווי ס'האָט געטראָפן ביי יידישע דאָרף־ישובניקעס, איז א פלעק אין דער משפחה געווען א געשמדטער. אפילו ווען דאָס איז פאָרגעקומען מיט א גאנץ ווייטן קרוב. איז געווען געווען, מ'זאָל זיך נישט וועלן משדך זיין. און דאָס האָבן זיי נישט געוואָלט מוחל זיין מיין פאָטער, אָבער דעם גאנצן האַס און צאָרן האָט מען ארויסגעוויזן צו מיין אָרעמער, ערלעכער, נאַיוו־פרומער מאמען. מיין טאטע, אן אסטמע־ליידנדער, מיט געל אָפּגעלאָמעטע אויגן, די ברעמען, ווי זיי וואָלטן געווען אָפּגעברענט; מאָראליש דערשלאָגן, א ביטערער אָרעמאַן, געארבעט ביי זיין מוטער און ברודער פאר א נידעריקן לוין, ביים פארגרייטן אויף די דערפער פיש צום פארקויפן ערב שבת. און די מאמע — האָט פשוט געהונגערט.

די שטאָטישע סביבה איז איר נאָך געווען פרעמד. צוריק פאָרן א היים, אויפן דאַרף, האָט זי נישט געהאט קיין דרייסטקייט, זיך געשעמט. אין איר

היים זענען געווען זעקס דערוואקסענע קינדער, דערונטער פיר שוועסטער – און אלע שוין ראוי לחופה. מ'האָט געדאנקט גאָט, אז מען האָט זי ווי ס'איז חתונה געמאכט. אז מיין פאָטערס יינגסטע שוועסטער האָט מען געדארפט חתונה מאכן אזש קיין סמאָלענסק, איז אין אלץ געווען שולדיק דער "פלעק" אין דער מאמעס משפחה...

געבוירן ביי אן אויסגעהונגערטער מאמע און שוואכן טאטן, בין איך געווען א קרענקלעך, ליידנדיק קינד, אז אפילו צום ברית פון אברהם אבינו האָט מען מיך נישט געקאָנט אריינגעמען צו די אכט טעג. וויפל טרערן האָט דערפאר מיין מאמע פארגאָסן!

אן אויסברוך מיט כעס קעגן באליידיקן און פארשעמען, וואָס האָט זיך טיף איינגעקריצט אין מיינע קינדער־יאָרן, האָט אויך מיין מאמען פארשאפט פיל ליידן. נישט געגעסן צו דער זעט, אָן וויטאמינען, האָב איך אָן אויפהער געקרענקט. אָבער דאָס ערגסטע איז געווען צו זיין אויסגעשטעלט אויף חוזק און שפּאָט צוליב די אויסגוסן אויפן קעפל, טראָץ דעם וואָס צווישן די קינדער כ.ן דער יידישער אָרעמקייט, איז דאָס נישט געווען קיין זעלטנהייט. ווען אָבער איך האָב אין חדר זיך געוואָרפן אויף מיינע קינדערישע פארפאָלגער, און דאָס איז געווען א מיוחסדיק־גביריש קינד, האָבן דער רבי מיטן באהעלפער, אנשטאט צו באשיצן מיך, דעם באליידיקטן, האָט מען מיך אריבערגעלייגט מיט כוח און דאָס היטל איז ביי מיר אראָפּגעפאלן. דער חוזק פון די קינדער ארום, האָט מער וויי געטאָן ווי דעם רבינס קאנטשיק. כ'האָב זיך ארויסגעריסן און אנטלאָפן, אָבער זיך נישט געקאָנט בארואיקן, ביז וואנען איך האָב נישט נקמה גענומען אין די שויבן־פענצטער, נישט טראכטנדיק דערביי, אז דער שטיין קאָן אויך טרעפן וועמען פון די קינדער.

כ'האָב זיך באהאלטן אויפן בוידעם אין שטאל, אין א שכנותדיקן הויף, ווו דער דראָזשקאזש, וואָס איז ביינאכט געקומען א היים, האָט ער אויסגעשפאנט דאָס פערד און פארשלאָסן די שטאל. איך בין אנטשלאָפן געוואָרן.

אויפכאפנדיק זיך, איז מיך באפאלן א קינדערישער פחד אין דער פינצטערקייט, טראָץ די לבנה־שטראלן פון דער זומערדיקער־נאכט, וואָס האָבן אריינגעלויכטן דורך די שפארעס. ס'האָט געשראָקן די איינזאמקייט

און די גרויסע שאָטנס. איך בין געווען הונגעריק און מקנא געווען דאָס פערד, וואָס האָט אָן אויפהער געגעסן און געהירזשעט, געקאָפּעט מיט די פיס און געשמיסן מיטן וויידל צו פאַרטרייבן די זלידנע פליגן. איך בין אראָפּ פון בוידעם און געפרווווט דאָס מזל ביי דער טיר, אָבער זי האָט זיך ערשט געעפנט, ווען דער דראָזשקאזש איז געקומען נעמען דאָס פערד צום אָנטרונקען.

דערזעענדיק מיך, האָט זיך ביי אים אָנגעצונדן די רוגזה:

— דו ממזרוק, וואָס טוסטו דאָ? די מאמע דיינע לויפט דאָך ארום א גאנצע נאכט דיך זוכן. אלע דיינע חברים האָט מען אויפגעוועקט און געפרעגט צי מ'האָט דיך נישט געזען — און דו ביסט אויסגערונען געוואָרן.

נאָך דעם האָב איך זיך עקשנותדיק אָפּגעזאָגט צו גיין אין חדר. ס'האָט נישט געהאָלפן דאָס וויינען און בעטן פון דער מאמען, נישט מיט גוטן און נישט מיט שלעכטן. אויסגעלייזט האָט מיך מיין באָבע, וואָס האָט מיך מיטגענומען אויפן דאָרף, אין א נייער, גרויסער וועלט, וועלכע מיין קינדערישע נשמה האָט אנטדעקט אין איר פולער שיינקייט, טראָץ דעם וואָס די גאס ווו מיר האָבן געוווינט, האָט דערגרייכט צום עק פון דער שטאָט, ווו ס'האָבן זיך אָנגעהויבן גערטנער און פעלדער. אָבער פאַר יידישע קינדער, איז דאָס געווען א נישט אָנגעצייכנטע גרענעץ. דאָרטן האָט זיך אָנגעהויבן די שרעק פאַר די גויאישע הינט און שקצים. און דאָ, מיט איינמאָל, זיץ איך אויף א פויערישן וואָגן, לעבן פעטער יאָסל און די באָבע מרים און מיר פאָרן אין דאָרף אריין.

פוןביידע זייטן וועג — אַ נישט איבערגעריסענער ים פון תבואה־פעלדער, די זון שפּיגלט זיך אָפּ מיט פיל קאָלירן. גאָר באזונדערס גלאנצן ארויס די רויטע מאָן־בלומען, וואָס צווישן די הויכע קאָרן־זאנגען. אָבער נאָך מער באצויבערט בין איך פון דעם העל־בלויען הימל, וואָס אָט־אָט, נישט ווייט, פאלט ער זיך צונויף מיט דער ערד. און עס ווילט זיך, אז דאָס פערד זאָל וואָס גיכער לויפן און וואָס געשווינדטער דערגרייכן דאָס פארכישופטע אָרט.

איך בין גליקלעך, וואָס דער פעטער יאָסל וואָס האלט די לייצן, האָט מיר געגעבן צו האלטן די לאנגע, דינע צווייג, וועלכע דינט אים פאַר א בייטש. איך וואָלט אוודאי געוואָלט האָבן אין האנט אן אמתע בייטש, ווי מיין שכן

דער דאָראָזשקאַזש, אָבער מיין פעטער האלט נישט פון קיין בייטש. "א פערד דארף מען גלעטן", זאָגט ער, "און נישט שמייסן, ווייל ס'איז קלוג און ווייסט אליין ווען צו לויפן, ווען צו שפרינגען". די צווייג האלט ער בלויז אויף אָפּצויאָגן די פליגן, וואָס האָבן ליב זיך צו זעצן אויף דעם פארשוויצטן קארק פון פערד, וואהין דער ווידל פון פערד דערגרייכט נישט. די באָבע וועלכע זיצט אויפן הינטערשטן געזעס, שרעקט זיך פאר מיר און האלט אין איין שרייען:

— יאָסל, האלט צו דאָס קינד ס'זאָל, חלילה, נישט אראָפּפאלן.

איך בין פארחלומט, ווער נישט מיד צו קוקן אויף אלע וואונדער ארום מיר. און וואָס לענגער די פעלדער שוועבן פאר מיינע אויגן, דערגרייכט מען נישט אלץ דעם פארכישופטן דאָרטן, וווּ הימל און ערד פאלן זיך צונויף. פארשיכורט פון דער לופט און פון די איינדרוקן, בין איך זאָרגלאָז אנטשלאָפן געוואָרן אויף דער באָבעס שויס.

נישט געהערט ווען מיר זענען אָנגעקומען, בין איך א דערשראָקענער געשטאַנען אין דער טונקעלער, גרויסער דאָרפישער שטוב, באלויכטן מיט א קליין נאַפט־לעמפּל, וואָס האָט געוואָרפן מער שאָטנס ווי ליכט. ארומגערינגלט מיט די מומעס און פעטערס, נעמט מיך דער זיידע גלייך אויפן פארהער: צי איך קאָן מאכן אלע ברכות אויף דעם עסן? אז איך האָב זיי אָפּגעזאָגט ווי א שטראָמיק וואסער און אלס צולאָג — די ברכה אויף א בליץ און דינער, בין איך געוואָרן דער צענטער פון אלעמענס אויפמערקזאמקייט. דער פעטער וועלוול, א הויכער, אויסגעצויגענער ביז דעם סופית שרעקט מיך, אז היינט וועל איך שלאָפן מיט די מומעס. איך בין שוין גרייט צו וויינען. "אין דער היים בין איך געשלאָפן מיטן טאטן", טענה איך. דער ברייט ביינערדיקער, פעסט־געבויטער זיידע, וואָס דערגרייכט נישט אפילו צו די אקסלען פון פעטער וועלוול, נעמט מיך איין, גלעט מיך און מיט א ליבלעכן קניפּ אין בעקל נאָכן עסן, זאָגט ער מיט מיר קריאת־שמע און פירט מיך אין אַלקער, וווּ עס שטייען צוויי בעטן מיט קישנס ביזן סופית.

אין פרימאָרגן, ווען איך האָב אויסגעווישט די נאָך פארשלאָפענע אויגן, האָב איך זיך דערשראָקן פאר דער פרעמדקייט פון דעם ארום, פאר דער טויט־שטילקייט. מען הערט בלויז דאָס זשומען פון א פליג, וואָס רייסט זיך מיט אימפעט ביי די שויבן פון דעם קליינעם פענצטערל.

ווו זענען זיי? די מומעס, זיידע און די גוטע באָבע מרים? איך פיל זיך ווי פאַרלאָזט פון אַלע. דורכן פענצטערל רייסן זיך אַדורך איבערגעהאַקטע שטראַלן און שפּיגלען זיך אָפּ אויף דער ערד, ווי פייגעלעך וואָלטן זיך באַוועגט. אָט זענען זיי דאָ, אָט דאָרטן, זיי מאַכן מיך שוין פאַרגעסן אין אַלץ און איך שפּרינג אַראָפּ זיי צו כאַפּן אין דרויסן.

אויפן הויף, האָט מיך די באָבע באַגעגנט מיט אַ פּע! אַזאַ גרויס חדר־ייִנגל, לויפט אַרויס נאַקעט. איך פאַרשעם זיך און שלעפּ גיך אויף זיך אַרויף מיינע „בגדי מלכות": די הייזלעך מיטן לייבצודעקל — די ציצה כנפות.

די באָבען האָב איך ליב, זי האָט מיר שטענדיק מיטגעברענגט גוטע זאַכן, ווען זי איז געקומען צו פאָרן אין שטאָט. זי האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן איבערצולאָזן לעצט־געלט אויף צו קויפן אַ צוקערל, בעת איר אַוועקפאָרן. אין קעגנזאַץ צום זיידן, איז זי געווען אַ ברייטע, אַ הויכע, מיט אַן אָפן, תמימותדיק און פריינטלעך פּנים, וואָס האָט פאַרשטעלט אירע שיקלדיקע אויגן. די באָבע האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל ליבשאַפט צו דער מאַמען און צו מיר, אין קעגנזאַץ צו דער צווייטער באָבע, רחלע די פישערקע, אַ קליינוווקסיקע, אַ בייזע, מיט פיל קללות און שטענדיקע טענות צו דער מאַמען און צו מיר.

די באָבע דערמאָנט מיך גוטמוטיק, איך זאָל זאָגן „מודה אני" הויך, קושן די ציצות און אַריינקוקן אין סידור, ווייל אויב נישט, האָט דער זיידע געזאָגט, וועסטו פאַרגעסן וואָס האָסט געלערנט אין חדר.

אָבער דער עיקר — איך וויל עסן, וואָס די באָבע גיט מיר מיט דער פולער האַנט און אַזעלכעס, וואָס איך האָב אין דער היים נישט געהאַט אין די בעסטע טעג. די מאַמע פלעגט מיר געבן אין דער פרי אַ ביסל באַוואַרקע מיט שוואַרצע קאָרן־ברויט, און אין חדר מיטגעגעבן ברויט, אָנגעריבן מיט קנאָבל. אויך אַ שטשיפּיאָרעק איז שוין געווען אַ גאַנצער יום־טוב.

די מומע גולע

די מומע גולע, אַ הויך־וווקסיקע, גלייך ווי אַ סאָסנע, האָט זיך גאָר באַזונדער מיט מיר אָפּגעגעבן. זי איז דעמאָלט געווען אַ פאַרליבטע צו איר

חתן־מאן, וואָס איז גלייך פון אונטער דער חופה (געשטעלט שטילערהייט, ווייל ער האָט געדאַרפט אנטלויפן), אוועק קיין אמעריקע, כדי אויסצומיידן אן ארעסט פון דער צארישער אָכראנע. אלץ איז געווען איינגעהילט אין סודות... זי האָט מיט אומגעדולד געווארט אויף דער שיפסקארטע. איר ליבשאפט צום מאן, האָט זי, אומדירעקט, אויסגעדריקט דורך מיר. אז איך וועל גרעסער ווערן, זאָגט זי מיר צו, וועט זי מיך אראָפנעמען אין דעם פרייען, רייכן לאנד, ווו מען עסט (ווי עס זינגט זיך אין דעם ליד), יעדן טאָג ווייסע חלה.

זי האָט מיך מיטגענומען אין דעם גרויסן סאָד, וואָס דער זיידע האלט. סארא שפע פון פרוכטן האָט זיך דאָרטן געפינען. די אויגן זענען געוואָרן פארבלענדט און דער גומען צערייצט. אלץ וואָס איך זע, וויל איך עסן: וויינפערלעך, שווארץ־בלויע אגרעסן, פאָזשעמקעס, קארשן און וויינשל, די זומערדיקע פריע עפל, די ווייסע "פאפיערוווקעס", וואָס וואלגערן זיך שוין אונטער די ביימער. אז איך צעשטעך זיך און מאך א געוואלד, פארשעמט מיך דער פעטער וועלוול: "אזא גרויסער יונג"! אָבער די מומע גולע נעמט מיך ארום, גלעט און קושט מיך. איך פארשעם זיך, אָבער מיר איז גוט. איך האָב נישט געדענקט, אז די מאמע זאָל מיר ווען געבן א קוש. אפילו ווען זי וואָלט שוין געוואָלט, האָט זי זיך געשעמט פאר דער בייזער באָבע רחלע, וואָס איז כסדר געווען מיט אונדז, ווייל מיר האָבן געווינט ביי איר אין אלקער.

פון די פיר מומעס, וואָס זענען געווען מיט מיר אין דאָרף, האָט אויף מיר דעם טיפסטן איינדרוק געמאכט די מומע גולע. שוין זייענדיק א יינגל פון א יאָר 14 — 15, פלעג איך געבן א ציטער, ווען איך האָב געזען איר פאָטאָ, וואָס איז אָנגעקומען פון אמעריקע. אויך פון ווייטן אמעריקע האָט זי ארויסגעוויזן גוטסקייט און ליבשאפט צו דער גאנצער משפחה. אויף סוכות און פסח פלעגט זי אונדז שיקן געלט און דאָס איז געווען דער איינציקער מקור, פון וועלכן מיין מאמע האָט געצאָלט דירה־געלט. דאָס ענלעכע האָט זי געטאָן פאר דער באָבען און פאר דער מומע מירא, וואָס איר מאן איז געווען א שוסטער, נאָר אַן אָרעמאן. אין 1963, ווען איך בין געווען אין אמעריקע, האָט זי שוין נישט געלעבט. איך האָב זיך דערוווּסט, אז זי האָט געהאט א שווער, אָרעם לעבן. דער מאן האָט געארבעט אין שאָפ ביי היטלען,

געווען אַן אַקטיווער "אוניאַן"־ טוער. ס'איז אים אָפּט אויסגעקומען צו זײַן אַרבעטלאָז, געקעמפּט קעגן די שטרײַקברעכער, וואָס איז געווען אַ טרויעריק קאַפּיטל אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. אין די צוואָנציקער יאָרן געשטאָרבן אין שאַפּ, בײַ דער מאַשין.

זי האָט געהאַט פיר קינדער און שווער געאַרבעט. כדי צו קאָנען שיקן די פּאָר דאָלאַר, האָט זי פּשוט צונויפגענומען אַ טייל בײַ דער משפחה און אַ טייל בײַ אירע פרײַנט.

אירע צוויי זין האָבן געירשנט די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציע פון פאָטער, אַנטייל גענומען אין שפּאַנישן בירגער־קריג, אין דער לינקאָלן־בריגאַדע.

די טאָכטער פרענסיס, מײַן קוזינקע, וואָס איך האָב געהאַט דעם כבוד צו באַקענען, האָט אין זיך געהאַט אַלע גוטע אייגנשאַפטן פון איר מוטער. אַליין אַ מאַמע פון 5 קינדער. איר מאַן האָט דעמאָלט (אין 1963) געהאַט אַ שפּײַז־געוועלב אין האַרלעם, וווּ זיי האָבן געאַרבעט ביז 10 — 11 בײַנאַכט, ווײַסע האָבן שוין אין דעם קוואַרטאַל כמעט נישט געוווינט.

די אַנדערע שוועסטער אירע, אַ קראַנקע, האָט זי אויסגעהאַלטן בײַ זיך און צו דעם צו זי באַזוכט צוויי מאָל אין דער וואָך, אין די פּסיכיאַטרישע שפּיטעלער, ווען זי איז געווען אײַנזאַם. צי איז נישט אַזאַ פרוי אַ צדיקותטע, לויט י.ל. פּרצ'ס דערוויז "אויב נישט נאָך העכער".

מײַן חדר — אין סאָד

אויסער דעם פּריצישן סאָד, וואָס דער זיידע האָט געהאַלטן, האָט ער אויך געהאַט אַ באַלעבאַטישקייט מיט אַ גרויסן גרינוואַרג־גאָרטן. אויפן הויף — שטאַלן, אַ פערד, צוויי קי, אַ יאַלעווקע און פיל אַרבעט־מכשירים; אויך הינער, גענדז, קאַטשקעס און אַ קליינע קראָם, ווו ס'איז געווען זאַלץ, נאַפט, ליכט, דזשעגעכץ אאז"וו. די שכנישע פּויערים האָבן בײַ אים געקויפט אין די זומער־חדשים, ווען זיי האָבן נישט געהאַט קיין צײַט צו פאָרן אין שטעטל.

די גאַנצע משפּחה האָט שווער געאַרבעט און געהאַט ווייניק צײַט צו מיר. כדי איך זאָל נישט אָנטאָן קיין שאָדנס און זיך נישט אַרומיאָגן נאָך די

עופות און אינגאנצן ווערן פארווילדעוועט, האָט מען מיך אריבערגעפירט אין סאָד אריין, ווו איך בין צוזאמען מיט די פעטערס געשלאָפן אין א פאלאטקע. ביינאכט האָבן זיי, לויט דער ריי, געהיטן דעם סאָד מ׳זאָל נישט גנבענען קיין פרוכטן און דערביי צעברעכן דיביימער. דער פעטער וועלוול האָט מיט מיר געלערנט צוויי מאָל אין טאָג פון סידור. אין דער ערשטער צייט, האָב איך געהאָלפן צונויפקלייבן די אראָפּגעפאלענע פרוכטן און זיי טראָגן אין דער פאלאטקע. צו דעם האָב איך צובאקומען א חבר — דעם הונט, וואָס איז געווען אזא שטיפער ווי איך. אויך ער האָט ליב געהאט צו לויפן און שפרינגען.

בלויז שבת האָבן מיר זיך געטראָפן מיטן זיידן אין א גרויסער שטוב, ביי א יידישן שכן, ווו ס׳האָט זיך צונויפגענומען א מנין. מ׳האָט געדאווענט און די שבת־יום־טובדיקע סעודה געפראוועט צוזאמען מיט דער גוטער באָבע. די מומעס האָבן געהיטן דעם סאָד. דער זיידע מיטן פעטער וועלוול האָבן בעתן עסן געזונגען זמירות און שפעטער האָט ער אויך אריינגעקוקט אין אַ ספר. א שבתדיקע, מנוחההדיקע שטימונג האָט באהערשט די יידיש־דאָרפישע שטוב.

מיט 20 יאָר שפּעטער, אין 1933, האָב איך אים אויפסניי באגעגנט אין זיין קליינער, מאָסקווער וווינונג, ווו ער האָט פון אן אלטן, צעריסענעם חומש געלערנט מיט זיינע צוויי זין. אויף מיין פראגע, פאר וואָס ער שיקט ניט די קינדער אין א יידישער שול, האָט ער געענטפערט, אז זייט ער געפינט זיך אין מאָסקווע, פון נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט קיין יידישע שול קיינמאָל נישט עקזיסטירט און ״איך וויל, אז מיינע קינדער זאָלן וויסן און קאָנען ביסל יידישקייט; אז זיי זענען יידן — דערמאָנען זיי אָן אויפהער די שכנישע, רוסישע קינדער״...

צוריק אין דעם היים

ערב די יום־טובים האָט מען מיך געברענגט א היים. נישט באוויזן גענוג זיך אָנצופרייען מיט דער מאמען און מיט מיין קליין שוועסטערל, אויסבארימען זיך פאר מיינע חברים פון אונדזער הויף מיט די נייע מלבושים

וואָס די מומע דינה, די דאָרפֿישע שניידערין, האָט מיר אויפֿגעניייט — איז אָנגעקומען מיין באָבע. ווי נאָר זי האָט מיך דערזען, האָט זי אָנגעהויבן מיט א וויינענדיק קול צו שרייען און רופֿן דעם טאַטן גרשון:

— ווי איז מיר, איך האָב דיך כסדר געוואָרנט, אין וועמענס הענט גיסטו איבער דאָס יינגל. דאָס אויסגערומטע משפּחהלע וועט אים מאַכן פֿאַר א גוי, ער האָט דאָך נישט קיין צורה פֿון א יידיש קינד. א רויט, אָפּגעברענט פּנים, ווי א קיילער־יונג, דער קאָפּ האָר פֿאַרוואָקסן ווי ביי א רוסישן פּאָפּ. ווי איז אונדז, דער טאַטע וואָס די גוים די רוצחים האָבן דערהרגעט, וועט אין קבר נישט האָבן קיין רו, ער טראָגט דאָך זיין גאָטזעליקן נאָמען.

מיין טאַטע האָט זי נישט געקאָנט באַרואיקן. די מאַמע האָט אָנגעהויבן וויינען פֿאַרן פֿאַרשעמען איר דאָרפֿישע משפּחה. דער טאַטע האָט מיך גענומען פֿאַרהערן, ווי פֿריי איך זאָג עברי. "בלי נדר, צום נייעם זמן, נאָך סוכות, וועל איך אים געבן אין חדר, ער וועט קאָנען אָנהויבן צו לערנען חומש".

מיט אומגעדולד האָב איך שוין געוואַרט, אַז מיין נייער רבי נתן פֿאַנק זאָל קומען צו אונדז אויף א קידוש און מיך פֿאַרהערן די פּרשה חומש. מ'האָט מיר צוגעזאָגט, אַז די באָבע און די צוויי פֿעטערס וועלן אויך קומען און געבן מתנות. זיי האָבן ביידע געדאַוונט אין זעלבן חסידישן שטיבל ווי דער טאַטע, נאָר זענען געזעסן ביי דער מזרח־וואַנט. צוזאַמען מיטן טאַטן, האָבן מיר זיי פֿאַרבעטן צו אונדז גלייך נאָכן דאַווענען, אָבער זיי זענען נישט געקומען. דער טאַטע איז געבליבן א פֿאַרשעמטער. מיר איז נאָר געווען א שאָד די מתנות, וואָס איך האָב געהאָפֿט צו באַקומען. די מאַמע האָט געוויינט פֿאַר פֿרייד און פֿאַר דעם צער פֿון מיין טאַטנס פֿאַרשעמונג. אויך די באָבע, וואָס מיר האָבן געוווינט ביי איר אין אַלקער, האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט פֿאַרגינען אַזא קליינע שמחה ביי דער פֿאַרהאַסטער שנור און האָט זיך פֿאַרהאַלטן ביי א שכנטע נאָך איר צוריק קומען פֿון שיל און איז געקומען נאָכן פֿאַרהערן מיך.

א צייט שפּעטער האָבן מיר געדונגען אַן אַנדערע שטוב און די מאַמע איז געוואָרן די גאַנצע פֿאַרדינערין. זי האָט אָנגעהויבן באַקן היימיש ברויט צום פֿאַרקויפֿן.

ווען די באָבע רחלע איז אַראָפּ פֿון איר גדולה, ווייל א פֿערד האָט

איר געגעבן א קאָפּע און זי איז געוואָרן פּאַראַליזשירט, האָבן איר די צוויי פּעטערס (דעם טאַטנס צוויי ברידער), וואָס זענען געווען אין שטיבל בעל־תּפילות און בעל מנגן ווו דער טאַטע האָט געדאַוונט — נישט געוואָלט נעמען צו זיך. איז זי געווען ביי אונדז ביז איר טויט, טראָגן דעם, וואָס אַלע יאָרן האָט מיין אָרעמע, ערלעכע מאַמע געליטן פון איר.

אויסברוך פון דער מלחמה

גלייך אין די ערשטע טעג פון אויגוסט 1914 ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט זיך די געשעעניש גלייך אָפּגערופן, מיט דער גאַנצער ברוטאַלקייט, אויף אונדזער שטוב, וועלכע איז געווען נאָענט צו דער עסטרייכישער גרענעץ. דורך דער שטאָט האָבן זיך אָן אויפהער געצויגן צו די פראָנט־ליניעס קאָזאַקן אויף פערד און האַרמאַטן. די וועגן זענען געוואָרן פאַרשטאָפּט פון די אָבאָזן און דאָס איז פאַר זיי געווען די פּאַסיקע צייט צו ראַבירן און פּאָגראָמירן די יידישע באַפעלקערונג. דער ערשטער צילברעט איז געווען — יידן מיט בערד. די געוועלבער האָט מען געהאַלטן פאַרמאַכט, דער גאַנצער האַנדל און די אַרבעט פון די בעלי־מלאכות האָט זיך אָפּגעשטעלט. די בעלי־עגלות האָבן אויסבאַהאַלטן זייערע פערד, ווייל די מיליטערישע מאַכט אין שטאָט האָט זיי רעקווירירט. די חדרים זענען געוואָרן פונאַנדערגעלאָזט. פאַר די חדר־יינגלעך איז געוואָרן א יום־טוב אין דער וואָכן, מען האָט זיך זאַט נישט געקאָנט אָנקוקן מיט די כסדרדיקע מיליטערישע מאַרשן — און צו דעם אַלעמען איז מען געוואָרן הפקר. דער הונגער האָט זיך אַריינגעריסן אין א טייל הייזער, וואָס האָבן נישט באַוויזן און נישט געהאַט פאַר וואָס אָנצוגרייטן פּראָדוקטן. מיר, די חדר־יינגלעך פון די אָרעמע היימען, זענען געלאָפן אויף די פעלדער און געגראָבן קאַרטאָפל מיט צוקער־בורעקעס.

מיין פאָטער, וואָס פלעגט פאָרן אין די דערפער פאַרגרייטן פיש, וועלכע מען פלעגט פאַרקויפן ערב שבת, איז מיט גרויס זאָרג פאַרבליבן אין דער חיים. די פיש, וואָס זענען פון פריער געווען איינגעזאַמלט אין די קאַסטנס אויפן טייך, האָט מען צערויבט.

ווען די רוסישע ארמיי האָט געהאט פארלוסטן און געווען געצוווּנגען זיך צוריקצוציען, האָט אלץ מער און מער זיך פארשפרייט דער בילבול, אז יידן האָבן געהיימע טעלעפאָנען און גיבן איבער ידיעות דעם שונא. א גאַר טרויעריקע ראָל האָבן דעמאָלט געשפּילט די פּוילישע אנטיסעמיטן. אויך אין זאמאָשטש האָבן די פּאָלאַקן פארמסרט די יידן, אז זיי העלפן דעם שונא. פארן פארלאָזן די שטאָט, האָבן זיי געשאפן א ציווילע, שטאָטישע מיליץ. אין לעצטן טאָג האָבן זיי אלע יידן פון דער דורך זיי געשאפענער מיליץ — אויסגעשאָסן. מיט נאהייקעס און שווערדן ארויסגעיאָגט די גאנצע יידישע באפעלקערונג פון די וווינונגען, אונטער דער דראָונג, אז די וואָס וועלן זיך אויסבאהאלטן, וועלן אויפן אָרט דערשאָסן ווערן.

און א וואָסער טייוולאָנישער פּלאן איז צוגעטראכט געוואָרן פאר די יידן ? מ'האָט זיי אלע געטריבן צו דער פראָנט־ליניע אויף דער רעכטער זייט, בעת אויף דער לינקער זייט האָבן מארשירט אָפּטרעטנדיקע סאָלדאטן און אויף די פעלד־בעטלעך האָט מען די פארוווּנדעטע געטראָגן אין שטאָט אריין.

דאָס איינציקע "געווער" ביי די אומגליקלעכע יידן איז געווען, וואָס זיי האָבן געשריגן "שמע ישראל"! מ'האָט אונדז געטריבן מיט נאהייקעס. ווי איז געווען צו די אלטע, קראנקע און קאליקעס, וואָס האָבן אמערסטן געליטן פון דעם גירוש. א סברה, אז דער געשריי צום רבונו־של־עולם האָט יאָ געהאָלפן, ווייל נאָך עטלעכע שעה, האָט מען אָנגעהויבן יאָגן אויף צוריק. וויפל וווינונגען זענען פאר דער צייט געוואָרן צערויבט און וויפל יידן זענען אומגעקומען — האָט מען קיין סך־הכל נישט געמאכט. דערנאָך האָט די גאנצע באפעלקערונג זיך אויסבאהאלטן אין די קעלערן, ווייל דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו דער שטאָט פון דעם טאָמאשאָווער־לעמבערגער וועג.

פארשיידענע לעגענדעס זענען ארומגעגאנגען וועגן דעם, וואָס האָט געראטעוועט די יידן פון דעם טייוולאָנישן פּלאן. דער שרייבער ש. אנ־סקי, וואָס האָט געשריבן וועגן חורבן פוילן־גאליציע, דערציילט וועגן דער זאמאָשטשער לעגענדע, אז א רוסישע לערערין און א ציווילער רוסישער ריכטער, האָבן זיך געבעטן ביי דער מיליטערישער מאכט, מ'זאָל נישט ארויסטראָגן דעם טויט־אורטייל, ווייל די יידן זענען אומשולדיק.

"קומט מיט אונדז" — און מ'האָט זיי געפירט צום גראף זאמאָיסקיס הויף, ווו מ'האָט געטראָפן די גרעפין זאמאָיסקי רעדט דורכן טעלעפאָן מיט די עסטרייכער. די לעגענדע, שרייבט אנ־סקי, האָט ער געהערט אין מינסק. און ענלעכע לעגענדע האָט ער, אנסקי, געהערט וועגן דעם אין לובלין, אז די פּאָלאקן זענען געווען איבערגעטאָן ווי חסידישע יידן.

טרויעריק איז געווען ביי מיין באָבע־זיידעס דאָרפישער משפחה: דעם פעטער וועלוול האָט מען מאָביליזירט אין דער ארמיי; דעם פעטער יאָסל האָט מען רעקוויזירט, צוזאמען מיטן פערד־און־וואָגן; ביי דעם כלומרשטן זוכן בראָנפן, האָבן זיי אונטערגעצונדן דאָס הויז און די משפחה איז קוים מיטן לעבן אנטלאָפן אין שטאָט אריין. קורץ נאָך דעם, איז דער זיידע געשטאָרבן אויס קרענקונג, וואָס די שווער אָנגעהאָרעוועטע ווירטשאפט איז אוועק מיטן רויך.

בלויז ביי מיר, דעם קליינעם יינגל, האָט אויף שטענדיג זיך פארקריצט די שיינע, דאָרפישע היים פון זיידע־באָבע; די שיינקייט פון דעם גרויסן סאָד. מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך פלעג ליגן אויף די הארטע, געהויקערטע, נישט־געהובלעטע נארע־ברעטער אין דעם פינצטערן, חושכדיקן באראק פון סאָוויעטישער פארשיקונג, מיט דעם ווילדן טומל און שרעקלעכע זידלערייען פון מיינע עטלעכע צענדליק באראק־שכנים, צערייצטע ווי ווילדע חיות, פלעג איך זיך איבערדעקן מיט דער לאגער־"טיליגרעיקע" אָדער "בושלאט" און אויפסניי דערמאָנען דעם שיינעם, אימפּאָזאנטן סאָד.

מיט רעכט האָט ערגעץ־ווו געשריבן לעוו טאָלסטאָי, אז א קינד נעמט אויף ביזן עלטער פון פינף יאָר מער איינדרוקן, ווי אין משך פון דעם גאנצן לעבן.

די עסטרייכישע ארמיי

מיטן אריינקום פון דער עסטרייכישער ארמיי, האָט זיך די זיכערקייט־לאגע פון דער יידישער באפעלקערונג נאָרמאליזירט, אָבער די ווירטשאפלעכע לאגע האָט זיך ווייט נישט פארבעסערט. זיי האָבן פארווערט דעם האנדל, די פּראָדוקטן וואָס מ'האָט אויסגעטיילט אויף די קאַרטן, זענען

געווען באַגרענעצטע און ס'האָט זיך אָנגהויבן דער אומלעגאַלער האַנדל און דער שמוגל. אַלע האָבן געשמוגלט, אויך מיין מאַמע מיט איר ברויט באַקן און קויפן אַ פּוד מעל.

אויך איך בין געוואָרן אַריינגעצויגן אין דעם שמוגל, צו העלפן דער מאַמען. צוליב דעם הונגער און שמוץ, ווייל ס'איז נישט געווען קיין זייף, און מ'האָט נישט צו דער צייט צוגענומען די הונדערטער מלחמה־הרוגים, זענען אין 1915 אויסגעבראָכן עפּידעמיעס, וואָס מ'האָט זיי באַצייכנט: "הישפּאַנקע", די כאָלעריע, וועלכע האָבן פאַרשניטן אַ סך לעבנס, יונג און אַלט. אין 1916 איז געשטאָרבן מיין יונג ברודערל, און שפּעטער – דער פאָטער, וואָס איז קוים אַלט געווען 36 יאָר. שטיל געלעבט און נאָך שטילער געשטאָרבן. דער טרויעריקער מאָמענט האָט זיך ביי מיר פאַרקריצט אויף אייביק. געווען איז עס אַ פאַרנאַכט, צווישן מנחה און מעריב, סוף זומער. די מאַמע איז אַ פאַריאַכמעטע געקומען צו לויפן פון איר ברויט־פאַרקויף, אָנגעצונדן דאָס נאַפט־לעמפּל און געגעבן צו זויגן דעם קינד. דער טאַטע רופט מיך צום בעט, וווּ ער איז געלעגן געציילטע טעג, ווייל שבת האָט ער נאָך צוזאַמען מיטן גבאי צונויפגענומען די טליתים ביי די מתפללים, כּדאי אויסצולייזן זייערע חובות אין חסידים־שטיבל.

– משהלע, זאָגט ער, זאָל די מאַמע אָנצינדן דאָס לעמפּל.

– טאַטע – עס ברענט דאָך שוין!

– אַזוי – ענטפערט ער מיט פאַרוווּנדערונג, דרייט זיך אויס צו דער וואַנט און הויכט אויס זיין נשמה.

די מאַמע איז צוגעלאָפן צום בעט.

– גרשון! גרשון!

איך בין מיט אַ געוויין אַריינגעלאָפן אין קוזמיר חסידים־שטיבל, צו דעם לאַנגן טיש, וואָס איז געשטאַנען ביז צו דער טיר (מ'האָט אים אויך גערופן דער תהילים־ און משניות־טיש). דאָרט פלעגט זיצן מיין טאַטע. איך גיב איבער די טרויעריקע ידיעה. אַלע חסידים זענען גלייך געקומען זיך מתעסק זיין אַרום דעם נפטר.

אַ פיינלעכער טרויער האָט אַרומגענומען די שטוב. דאָס ביסל פרייד וואָס דער שטילער, שבת־יום־טובדיקער ייד האָט פאַרשאַפן – האָט זיך אָפּגעטאָן. טראָץ דעם וואָס ער האָט אַזוי פיל געליטן פון זיינע חולאתן,

ווי אויך מאָראַליש, ווייל די לעצטע יאָרן איז די מאמע געווען די גאנצע פאַרדינערין און ער האָט איר בלויז צוגעהאָלפן — האָט ער אונטערגעשאַצט, וואָס פאַר אַן אָנגעזעענע ראָל פאַר דער משפחה האָט געהאַט זיין בלויזע אַנוועזנהייט, פיזיש און מאָראַליש.

נאָך זיין אוועקגיין אין דער אייביקייט, האָט אַ שוידערלעכע נויט און אומעט אַרומגענומען די פאַראַבלעטע היים. און ווי שטענדיק, ברענגט מיט זיך איין צרה אַ צווייטע: די סאַזשע האָט געברענט אין קוימען, און אין די זומער־חדשים, ווען דער שינדל־דאַך איז אויסגעטרוקנט, איז טאַקע גרויס די געפאַר, אַז פון קלענסטן פונק זאָל דאָס גאַנצע הויז אַוועק אין פלאַמען. צום גליק, איז גאָרנישט געשען, אָבער דער בעל־הבית פון הויז האָט פאַרבאָטן צו באַקן ברויט. די מאַמע, אַן אומבאַהאָלפענע, טענהט זיך אויס מיטן רבונו־של־עולם, אָבער נישט מיטן הויז־אייגנטימער, וועלכער דראָט איר אַרויסצוואַרפן פון דער שטוב.

— פון וואַנעט וועל איך ציען חיונה פאַר מיינע דריי יתומים? פון וואַנען וועט קומען מיין הילף?

אַ סך פון אונדזערע קונים פלעגן נעמען אויף באָרג. די רעכענונגען פלעגט פירן דער טאַטע. נאָך זיין טויט, האָבן אַ טייל געזאָגט, אַז זיי האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט גרשונען. גלייך נאָך דער שבעה, האָט מען געדאַרפט קויפן דאָס מעל אויף באָרג. אין חדר האָט דער רבי, און באַזונדערס די רביצן, כסדר דערמאָנט:

— זאָג דער מאַמען זי זאָל שיקן געלט — ביז מען האָט מיך אַהיים געשיקט. די מאַמע האָט געספּאַזמעט, געריסן זיך פון צער די האָר פון קאָפּ, זי האָט מיך געשיקט צו די פעטערס, דעם טאַטנס צוויי ברידער, אפשר וועלן זיי באַצאָלן, איך זאָל לערנען אין חדר. אָבער איך האָב זיך עקשנותדיק אָפּגעזאָגט צו גיין בײַ זיי בעטן.

איך האָב גיך דערפילט, וואָס הייסט זיין אַ יתום און דערצו אַ הונגעריקער, וואָס אַלע האָבן מורא און פאַדרעכטיקן, אַז אים קאָן זיך עפּעס צוקלעפּן צו די פינגער...

די מאַמעס אַ ברודער האָט געהאַט אַ קליינע בעקעריי, וואָס האָט געבאַקן בייגל און פלעצלעך מיט מאָן. די סלינע פלעגט מיר קומען אין מויל און די אויגן האָבן געברענט פון תאווה, ווען איך פלעג קומען צו

אים. איך האָב אים געהאָלפן טראָגן די קוישן געבעקס אין מארק אריין, אריינגעברענגט האָלץ. דער פעטער, וואָס איז געווען א גוטע נשמה, האָט מיר געגעבן א צוגעברענט פלעצל, אָדער שטיקלעך צעבראָכענע בייגל. אָבער די מומע, וואָס איז געווען א לאָמע און א שלעכטע, פלעגט מיך ארויסיאָגן מיט געשרייען אויף דער גאס, אז איך פרעס אויף א העלפט געבעקס און צעטראָג איר די בעקריי. זי האָט מורא געהאט, אפשר וועט דער גוטער ברודער עפעס מיר געבן פאר דער הונגעריקער שוועסטער.

געהאט אויך א מומע חנה, די מאמעס א שוועסטער, א שיינע און שלאנקע. איר מאן איז געווען דער לאָמער אַנטשל. (אלע שוועסטער און ברידער פון דער מאמען האָבן זיך משדך געווען מיט קאליקעס). פונקט ווי זי, די מומע, איז געווען גוט, אזוי איז ער געווען ביטער־שלעכט. די מומע האט געהאנדלט מיט זויערע אוגערקעס און ווינטער – מיט זויערע עפל, שטשאַוו, רויטער באָרשטש. ווען איך פלעג צו איר קומען, האָט זי מיר געגעבן עפעס צו עסן. דער פעטער אנטשל האָט געקויפט ביי די פויערים ווייץ, קאָרן. אין אלקער, ביי זיי, פלעגן כסדר זיין אָנגעשיט קערנער, וועלכע מ׳האָט געדארפט שופלען, איבערשיטן מיט א הילצערנער לאָפּאטע, זיי זאָלן נישט קאליע ווערן.

איך האָב זייער ליב געהאט די ארבעט און פלעג זיך ארייַנלאָזן צווישן די קערנער ווי אין א טייך. דער פעטער האָט אמאָל באמערקט, אז איך האָב ווען געגומען א זשמעניע קערנער אין מויל אריין צום עסן, האָט ער געמאכט א געוואלד, אז איך צעראַביר אים די תבואה און מיט כעס געשריגן אויף דער מומען: "זאָלסט דעם בענקארט אויף דער שוועל נישט לאָזן"...

*

ווען איך שרייב איצט די שורות, זייענדיק שוין אויף דער עלטער, מוז איך דערמאָנען, אז אין מיין קינדהייט האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף שיינע, גוטע יידן, וואָס האָבן טאָג־טעגלעך געדאווענט און מיט טיפער כוונה איבערגעחזרט די 13 עיקרים פון רמב״ם: שכל דברי נביאים אמת.

און וויפל האָבן די נביאים געשטראָפט און געפאָדערט צו האָבן א מענטשלעכע באציאונג און מיט גרויס רחמנות באהאנדלען די אלמנה און דעם יתום. אָבער ביי זיי איז סתם געווען א מיצווה דאָס דאווענען. מיט רעכט האָט רעב מענדעלע קאָצקער געזאָגט: "מקיים זיין א מצווה, כדי

זיך אליין צו באַפרידיקן, אָדער כדי אנדערע מענטשן צו געפעלן — איז עבודה זרה״.

איך בין געוואַקסן מיט א שנאה, ווייט פון וועלכער ס'איז לאַגישער שכלדיקייט, צו די אלע וואָס האָבן עפּעס פאַרמאָגט. און נישט נאָר צו זיי, אפילו צו זייערע אומשולדיקע קינדער. דערפאַר איז דער באָדן ביי מיר געווען צוגעגרייט, אַז זייענדיק כמעט א קינד, זאָלן מיר ווערן נאָענט די אלע, וואָס האָבן געקעמפּט קעגן די רייכע, ווי קעגן די ״וואָס טראָגן א קנעפּל״, די פאָרשטייער פון דער מאכט.

די מאמע ווערט אַן אמתע שמוגלערין

די מאמע האָט אָנגעהויבן ארבעטן ביי א מאַנופאַקטור־סוחר, וואָס האָט איר געגעבן צו שמוגלען ווייסע לייוונט צו א סוחר קיין לעמבערג און יענער האָט צוריק געשיקט אנדערע טעקסטיל־סחורות, וועלכע מ'האָט באַדאַרפט ארומוויקלען ארום דעם קערפּער און אזוי זיי פירן. אַזאַ רייזע האָט געדויערט דריי טעג. צוריק קומענדיק, האָט איר גאַנצער קערפּער ממש געברענט, ווייל מ'האָט געצאָלט לויטן מעטראַזש, וויפל מען פירט. דאָס קליינע ברודערל, וואָס האָט נאָך געזייגט ביי דער מאמען די ברוסט, האָט מען איבערגעלאָזט אויף דער השגחה פון מיר מיט מיין יינגערער שוועסטער. איך פלעג געבן דעם קינד א שטיקל צוקער, איינגעוויקלט אין א לייוונטן שמאַטקעלע און פון דעם האָט ער געצויגן זיין חיונה, בעת דער אָפּוועזנהייט פון דער מאמען. א שכנטע פלעגט זיך טיילמאָל דערבאַרעמען און אים געבן א ביסל וואַסער מיט מילך. אויב מיין ברודער איז אויסגעוואַקסן, איז עס בכלל געווען א נס. (אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט ער פיר יאָר געארבעט אין א קוילן־שאַכטע אויף אוראַל און אויך שפּעטער, אין אמעריקע, האָט ער געארבעט ביי שווערער, פיזישער ארבעט). אַז די שכנים האָבן איר געמאַכט א באַמערקונג:

— סטייטש? ווי קאָן מען איבערלאָזן אויף גאָטס באַראָט אַזאַ פּיצל קינד אויף דריי טעג?

— וואָס? אויף אזא יונג און א מויד קען מען זיך נישט פארלאָזן אכטונג צו געבן אויף א קינד?

איך בין דעמאָלט אלט געווען 9 יאָר, מיין שוועסטערל — דאָס 6טע יאָר. אָבער זי האָט די מאנופאקטור־ארבעט איבערגעלאָזט און איך מיט דער מאמען האָבן אָנגעהויבן שמוגלען ברויט פון א בעקעריי צו א געוועלב, וואָס האָט זיך געפונען א 2 — 3 קילאָמעטער פון שטאָט, לעבן די קאזארמעס. איך האָב געדאַרפט אדורכגיין דעם רוסיש־פוילישן צמענטאזש און דעם יידישן בית־עולם. איין מאָל האָט אונדז א וואכמאן נאָכגעיאָגט, זענען מיר אריין אויפן יידישן בית־עולם און זיך אויסבאהאלטן צווישן די מצבות.

נאָכן טויט פון טאטן, בין איך געווען זייער רעליגיעז געשטימט. נישט נאָר מורא געהאט צו ליגן אויפן בית־עולם, נאָר אויך די מאמע האָט זיך געשראָקן, ווייל מיר האָבן זיך דאָרט אויסבאהאלטן, ביז ס'איז געוואָרן גוט פינצטער. ביי ביידע האָבן האסטיק געקלאפט די הערצער פון מורא.

גוטע מענטשען האָבן זיך "אריינגעלייגט" און דער באלעבאָס פון הויז האָט אויפסניי דערלויבט דער מאמען צו פירן איר נעבעכדיקע בעקעריי פון שווארץ־היימיש קימל־ברויט. זי האָט געארבעט שווער, דער אויוון איז געווען א קליינער, בלויז פאר משפחה־באנוץ, אזוי אז ס'איז איר אויסגעקומען צו באקן 3 מאָל, נאָר ביינאכט, ווייל בייטאָג האָט זי געדאַרפט פארקויפן. אויף צוצוטראָגן צו קונים, האָט זי זיך שוין באנוצט מיט מיר און מיטן שוועסטערל.

צו לייגן זיך שלאָפן, האָט די מאמע זיך אויסגעטאָן איין מאָל אין דער וואָך, פון פרייטיק צו פרייטיק. יעדע נאכט, פלעגט זי זיך צולייגן אין אָנטועכץ און די פיס האלטן אויף א טאבאָרעט, כדי נישט שטארק שלאָפן. אז זי פלעגט אריינזעצן דעם ערשטן געבעקסברויט אין אויוון, פלעג איך זיצן און וואַרטן אנדערהאלבן שעה, ארויסנעמען דאָס ברויט, אריינלייגן האָלץ אין אויוון און דאן אויפוועקן די מאמען, וואָס האָט אונטערגעהייצט דעם אויוון, אויסגעקנאָטן די ברויטלעך אויפן ברעט און צוגעגרייט די ראָשטשינע פארן דריטן געבעקס. אז דאָס ברויט איז געווען אין אויוון, האָט זי פארקנאָטן אין דער דייזשע צום דריטן מאָל און ווען זי האָט דאָס אריינגעזעצט אין אויוון נאָכן ערשטן צוטרוקענען זיך פונעם ברויט פון דעם ערשטן פארגרייט, איז שוין דאָס ברויט געווען צוגעבאקן. דאן האָט

זי איבערגעזעצט און געביטן די פּאָזיציעס פון די ברייטלעך – די ערשטע ריי אויף דער לעצטער.

דעמאָלט פלעגט זי מיך אויפוועקן, ווייל ס'איז שוין געווען פאַרטאָג און זי האָט זיך ווידער צוגעלייגט אויף א שעה, אנדערהאַלבן. נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן דער טאָג־טעגלעכער הו־האַ.

צוריק אין חדר

ס'איז געווען א מאָדערן חדר, דעם רבין האָט מען גערופן לערער. אנשטאט דעם קאַנטשיק, איז נעבן אים געלעגן א דעמבענער שטעקן. די קינדער, איינגעטיילט אין דריי קלאסן, האָבן געלערנט אין איין גרויסער שטוב, וווּ ס'זענען געשטאַנען דריי טישן. זיין געהילף האָט געלערנט שרייבן, ווי אויך די ערשטע כללים פון מאטעמאטיק. די קינדער זענען געווען אין עלטער פון 8 ביז 11 יאָר, און אזעלכע קאָן מען ניט שמייסן אין הינטן, האָט מען די פאַרזינדיקטע געשלאָגן, ווו דער שטעקן איז געפאלן. דערצו איז דער לערער געווען מיט א פיזישן חסרון – איין פוס א קירצערער און אן אויסגעבויגענע דלאָניע פון דער האנט. ד'ערפאר האָט מען אים גערופן שלמה הענטיע. א ייד א קענער פון תנ"ך, פון העברעישע און יידישע ליטעראַטור, אליין אונטערגעזינדיקט מיט שרייבעריי און מיט זיינס א פּאָעמע אפילו געפּאָרן אויף מבינות צו י.ל. פרצן. ער האָט דערציילט, אז די פּאָעמע וועלכע ער האָט פּאָרגעלייענט פאר פרצן, איז געווען וועגן א שלאנג. האָט אים י.ל. פרץ געפרעגט, צי ער האָט שוין אמאָל געזען א שלאנג, האָט ער זיך מודה געווען, אז ניין. האָט אים פרץ דערקלערט, אז זאָגן ליגנט איז נישט גוט, נאָר שרייבן ליגנט, ס'זאָל בלייבן פאר דור דורות ליגנט – איז בעסער ער זאָל זיך פארנעמען מיט מער נוצלעכע עניינים. זיין פּאָטער איז געווען א גרויסער גמרא־קענער. ביי אים האָבן געלערנט עלטערע בחורים, האָט ער געעפנט א מאָדערנעם חדר.

ער פלעגט פירן שמועסן וועגן ליטעראַטור און מאָלעריי מיט זיינע געוועזענע שילער, צו וועלכע אויך איך האָב אָנגעהערט, ווען כ'בין שוין געווען א קאָמוניסטישער יוגנט־אקטיוויסט.

ווען איך בין אָנגעקומען אין חדר, האָב איך געלערנט תנ״ך און בין געווען באַגייסטערט; אויך אָנגעהויבן לערנען גמרא בבא־קמא און בבא מציעה. פאַר די צוויי זמנען וואָס איך האָב געלערנט אין דעם חדר, געהאַט אַ דורכפאַל ביי אַ פאַרהער אין תנ״ך, פון וועלכן דער לערער האָט געהאַט פאַרדרוס. איך האָב געהערט צו די בעסערע תלמידים פון תנ״ך, טאָ אפשר האָט ער געוואָלט, איך זאָל באַקומען אַ מתנה פון דער גרופּע וווילטעטיקע פּרויען, וואָס זענען געקומען צום פאַרהער. די פראַגע וואָס איז מיר געשטעלט געוואָרן: ביי וועלכער סיטואַציע האָט שפּינוועב געראַטעוועט דוד המלך?

דער תנ״ך דערציילט אונדז, אַז בעת דעם בונט פון אבשלום, ווען דוד איז געווען געצוווּנגען צו אַנטלויפן, איז ער אַריין אין אַ הייל און אַ מלאך האָט פאַרוועבט דעם אַריינגאַנג מיט שפּינוועב. ווען די וואָס האָבן אים נאָכגעיאָגט האָבן דערזען די שפּינוועבס, האָבן זיי געקלערט, אַז דאָ איז קיין מענטש נישט אַריין, זענען זיי געלאָפן ווייטער — און דאָס האָט געראַטעוועט דוד המלך.

פאַרן נישט ענטפערן, האָב איך געהאַט אַ סך בושה און אַ דאָפּלטן פאַרדרוס. אינערלעך האָב איך טיף איבערגעלעבט דעם דורכפאַל, ווי אויך נישט באַקומען די מתנה.

איך האָב אויך אָנטייל גענומען אין צוויי אָרגאַניזירטע אַקציעס קעגן לערער און דערפאַר באַקומען נישט ווינציק קלעפּ.

דאָס ערשטע — מיר האָבן ביי אים צוגעגנבעט דעם שטעקן. האָט ער אויסגעזעצט אַלע עלטערע ייִנגלעך און אויסגעקליבן דריי, צווישן וועלכע איך בין אויך געווען און אונדז געשלאָגן מיט אַ שטיק האָלץ. אַלע דריי זענען שוין נישט געווען קיין געצערטלטע קינדערלעך, נאָר יאַטן וואָס האָבן שוין געהאַט הענט, געהאַקט האָלץ אין זייערע היימען, געטראָגן וואַסער פונעם ברונעם און געטאָן אַנדערע פיזישע אַרבעטן. יעדער פון אונדז איז געווען פעיק ביי אים אַרויסצורייסן דאָס האָלץ און באַרואיקן, נאָר דער דרך־ארץ און ליבשאַפט פאַר זיין לערנען תנ״ך און די שמועסן, האָבן אַלץ געמאַכט הכנעהדיק.

דאָס צווייטע מאָל — ער האָט געזאַמלט געלט ביי די שילער צו קויפן אַ בוך און זינגען ייִדישע לידער. אָבער נאָך מנחה־מעריב, האָט מען גאָר געלערנט זינגען העברעיִשע לידער. אונטערן איינפלוס פון מיינע חברים,

וואָס האָבן געהאַט עלטערע ברידער בונדיסטן, האָבן מיר אָנגעשריבן אַן אַנאָנים בריוול, אַז מיר ווילן זינגען נאָר יידישע לידער. האָט ער אויסגעזעצט אַלע קינדער און יעדן געפרעגט: ווער האָט געשריבן דעם בריוו? קיינער האָט זיך נישט מודה געווען, אָבער לויט דער האַנטשריפט האָט ער געוווּסט ווער ס'האָט עס געטאָן, נאָר ס'איז נישט געווען יענעמס קאָפּ, דערצו איז דאָס געווען דעם רבס אַן אייניקל. האָט ער אויסגעקליבן עטלעכע תלמידים (און מיך צווישן זיי) און נישט געגלעט דערפאַר איבער די קעפּלעך...

מ'איז אויפסניי געווען געצוווּנגען איבערצוחזרן דאָס לערנען אין חדר, ווען אַ פּאָגראָם־שטימונג האָט אַרומגענומען דעם אָרעמען טייל פון שטאָט (די ניישטאָט), וואָס איז געווען נאָענט צו די אַרומיקע דערפער. די עסטרייכישע מאַכט אין שטאָט איז אין אויגנבליק זיך צעפאַלן. מאַסן יונגע פּויערים האָבן געשטראָמט אין שטאָט אַריין, ווו פּילסודסקיס לעגיאָנערן, די שטאָטישע פּאָלאַקן האָבן זיך אָנגעטאָן אין די אוניפאָרמען פון "סאָקאָל". מ'איז באַפאַלן די קאַזאַרמעס און אַלץ איסגערויבט. מ'האָט געזוכט און גערעאָגט די פאַרבליבענע עסטרייכישע סאָלדאַטן וואָס אַ טייל פון זיי האָבן זיך איבערגעטאָן אין ציווילע קליידער.

פאַרשיכּורט פון זייער לייכטן זיג, האָבן די פּאָלאַקן אָנגעהויבן באַפאַלן יידן און רויבן די געשעפטן. קיין לעגאַלע, אַנערקענטע מאַכט האָבן זיי נאָך נישט באַוויזן אויפצושטעלן, האָבן מען גערעדט, אַז איצט וועט מען זיך נעמען צו די "זשידעס".

אין דער זעלבער צייט, האָבן איגנאַצי פּאַדעראַעווסקי און ראָמאַן דמאָווסקי, וואָס זענען געשטאַנען בראש פון דער פּוילישער גלות־רעגירונג, זיך פאַרבונדן מיט יידישע פּערזענלעכקייטן (ווי לואי מאַרשאַל אַאנ"ד) מיט פאַרזיכערונגען, אַז די פּוילישע מלוכה וועט זיין אַ דעמאָקראַטישע און רעגירן לויט די פּרינציפּן פון פרייהייט און גערעכטיקייט; אַז אַלע בירגער, אָן אונטערשייד פון געשלעכט, ראַסע אָדער גלויבן, וועלן זיין גלייך פאַרן געזעץ. די אַלע הבטחות זענען געווען, כדי דורך די יידן אויסווירקן אַ פּאָזיטיווע באַציאונג פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג.

אָבער אין די שטעט און שטעטלעך פונעם נאָר וואָס זעלבשטענדיקן פּוילן, האָט די יידישע באַפעלקערונג געלעבט אין מורא און שרעק.

משה זאַלצמאַן

דער רויטער אויפשטאַנד

די יידישע באַפעלקערונג האָט, פאַרהעלטנישמעסיק, לייכטער אָפּגעאָטעמט, נאָך דעם קאַשמאַרן איבערגאַנג־פּעריאָד צו דער מאַכט פון די פּוילישע אויטאָריטעטן, מיטן אויפקום פון דער צייטווייליקער מאָראַטשעווסקי־רעגירונג אין לובלין. אויף די גאַסן האָבן זיך באַוויזן נייע אָרדענונגהיטער, מיט די גרויסע, פּוילישע וואָנצן און זייערע אוניפאָרמען, מיט שווערדן ביי דער זייט, לויט דעם צאַרישן "גאָראָדאָוואָי". די יידן האָבן זיי גערופן "מולאַזשעס". דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן, דער האַנדל און האַנטווערקעריי האָבן צוריק אָנגעהויבן אַרבעטן ווי פריער. ס'זענען אויך באַנייט געוואָרן די גרויסע דאָנערשטיק־יאַרידן, וואָס א העלפט יידן פון דער ניישטאָט האָבן פון דעם געצויגן זייער חיונה. פון די חדרים האָבן זיך ווייטער געלאָזט הערן די קינדערישע קולעכלעך.

אָבער אומגעריכט האָט די שטאָט אויפסניי אַרומגענומען דער פּחד און זאָרג קוים וועט אויסברעכן א פּאָגראָם.

אין א שבתדיקן נאָכמיטאָג אין יאַנואַר 1918, איז געוואָרן א בהלה און שיסעריי אויף די גאַסן. דער עכאָ פון דער רוסישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט אָפּגעהילכט אין זאַמאָשטש. באַוואָפנטע אַרבעטער און פּאַראָבקעס פון די גרויסע פּריצישע הייף, ווי אויך א גרופּע סאָלדאַטן, אָנגעפירט פון סערזשאַנט גראַבטשאַק, האָבן פאַרלאָזט די קאַזאַרמעס און גאָר לייכט איבערגענומען דעם מאַגיסטראַט, די שטאָט־קאָמענדאַנטור און דעם פּאָליציי־צערקל. די שטאָט איז געוואָרן אָפּגעשלאָסן פון דער גאַנצער געגנט. מיט דער פאַרשטאַרקונג פון פּוילישן מיליטער, האָט נאָך צוויי טעג זיך פאַרענדיקט דער וואָלונטוריסטישער אויפשטאַנד. טראָץ דעם וואָס די יידישע אַרבעטער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אָנגעפירט פון "בונד", האָבן נישט אַנטייל גענומען אין אויפשטאַנד, האָט מען די גאַנצע שולד אַרויסגעוואָרפן אויף דער יידישער באַפעלקערונג. עטלעכע יידן האָט מען אומגעבראַכט, מיט דער אויסגעטראַכטער באַשולדיקונג אַז זיי האָבן געשאָסן פון די פענצטער. דאָס מיליטער האָט גערויבט אין די יידישע היימען און מער ווי הונדערט יידן האָט מען אַרעסטירט. רייטער־פּאָליציי

מיט אנטבלויזטע שווערדן, האָבן זיי דורך די גאסן געפירט אין תפיסה. דאָס יידיש־געזעלשאפטלעכע לעבן איז געוואָרן פארבאָטן, מ'האָט פארמאכט די גרויסע י.ל. פרץ ביבליאָטעק און אלע פאראיינען; טעראָר און שרעק האָבן אויפסניי באהערשט די יידישע באפעלקערונג.

דער שורש און ציל פון דעם אויפשטאנד איז געווען: אָפּצורייסן די כעלעמער גובערניע פון פוילן און זי אָנשליסן צו דער סאָוויעטישער אוקראינע. אין יענעם ראיאָן האָבן געלעבט א 520 טויזנט אוקראינער. צוליב דעם, איז אויך אין לובלין אנטשטאנען א רעווקאָם (רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט), וואָס איז גלייך פון אָנהויב געווען דורכגעפרעסן מיט פּראָוואָקאטאָרן. פאָרזיצער אין געווען א געוויסער וויקוש, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער אָנפירער פון דער פּוילישער געהיים־פּאָליציי ("דעפענסיווע") אין דער שטאָט כעלעם.

נאָך עטלעכע חדשים, האָט מען כמעט אלע אומשולדיקע יידן באפרייט און צוריק לעגאליזירט די יידישע אינסטיטוציעס. ס'איז דאָך געווען דער פּרילינג־פּעריאָד פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט.

די באלפור־דעקלאראציע

ס'איז גענוג געווען א קורצע הפסקה אין די טרויעריקע טעג פון אומזיכערקייט און שנאה, ווי מיט איינמאָל איז די גאנצע ניישטאָט זאמאָשטש באהערשט געוואָרן מיטן טרוים און האָפענונג פון גאולה אין ארץ־ישראל. ביי קליין און גרויס, אויפן מארק, ווי אין די חסידים־שטיבלעך און בתח־מדרשים, איז די איין־און־איינציקע טעמע געווען — וועגן גיכן אויפריכטן א יידישע מדינה. מיינע אויערן פלעגן מיט נייגיר זיך צוהערן צו די שמועסן. באזונדערס האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון די ארויסגעזאָגטע מיינונגען צווישן די טרעגער און דראָשקאזשעס:

— זאָלן די באלעבאטים געבן געלט און מיר וועלן געבן הענט און פּלייצעס. וואָסי, די פּוילישע מולאזשעס האָבן געקענט אויפבויען א מלוכה — און יידן נישט?

מ'האָט דעמאָלט געזאמלט גאָלד, זילבער, צירונג. אויך מיין אָרעמע

מאמע האָט אָנגעטאָן די יום־טובדיקע שאַל, וואָס זי פלעגט טראָגן יום־כיפור אין שיל און מיט נאסע, וויינענדיקע אויגן פון פרייד, אוועקגעטראָגן אונדזער איינציק פארמעגן — עפּעס א בעכערל א זילבערנס, צי א גאָלדנס, וואָס איז געווען באהאלטן אין קופערט — אן אָנדענק פון מיין טאטן.

שבת נאָך מיטאָג איז די גרויסע שיל געווען געפּאַקט, ממש קאָפּ אויף קאָפּ, ווייל מ'איז געקומען הערן די ארויסטרעטונגען פון ציוניסטישע מנהיגים. די בונדישע אָפּאָנענטן האָבן געפּרווט אָפּשוואכן די אויפגעברויזטע פאָלקס־באגייסטערונג, אז דאָס איז א חלום, אן אוטאָפּיע, דאָס לאנד איז אָרעם, נישטאָ קיין וואסער, די ענגלענדער מיינען נישט די טובה פון יידישן פאָלק, נאָר האָבן אין זין זייערע גרויסמאכט־אינטערעסן. און דער עיקר — דאָרטן זענען נישטאָ, פּראָפּאָרציאָנעל, ווינציקער גויים, ווי ביי אונדז דאָ. אז אין פוילן וועט קומען דער סאָציאַליזם, וועלן מיר דאָ לעבן פריי און גליקלעך.

— מיט וועמען? מיט די פּוילישע פּאָגראָמשטשיקעס — האָט דער עולם געשטורעמט. איך פערזענלעך האָב איבערגעלעבט א פּסיכאָלאָגישע געשפּאָלטנקייט: פון איין זייט טוט מיר ווייי און איז אומפארשטענדלעך, פאר וואָס די ארבעטער (ווייל די ארבעטער און "בונד" זענען ביי מיר געווען אידענטיש) צו וועלכע איך, דער 12־יאָריקער געהער שוין, ווילן נישט קיין יידיש לאנד, און פון דער צווייטער זייט, האָב איך פיינט די באלעבאטישע יונגלייטלעך, וואָס אויף אונדז, די אָרעמע, הונגעריקע, אָפּגעריסענע יאטלעך, קוקן זיי פון אויבן אראָפּ.

דער מלחמה־אויסברוך פוילן — ראטן־פארבאנד

די ענטוזיאסטישע באגייסטערונג פאר ארץ־ישראל, ארויסגערופן דורך דער באלפור־דעקלאראציע, האָבן די אויסערלעכע געשעענישן אָפּגערוקט אָן א זייט. דער הימל האָט זיך ווידער פארצויגן מיט שווארצע וואָלקנס פון יידישער אומזיכערקייט צוליב דער מלחמה פון פוילן מיטן ראטן־פארבאנד, ווייל די ערשטע האָט געוואָלט דערגרייכן צום שווארצן ים.

מאסן דאָרפישע רעקרוטן זענען שיכורע געקומען אין שטאָט און אין

איין וועג זיך געלאָזט ווילגיין איבער דער יידישער באפעלקרונג מיט באפאלן און ראבירן, אָבער זיך אָנגעטראָפן אויף אן אָרגאניזירטן ווידערשטאנד פון די יידישע ארבעטער. צו הילף זענען געקומען די טרעגערס און דראָזשקאזשעס און מ׳האָט "אָפּגעקילט" די פּאָגראָמשטשיקעס.

אזוי לאנג ווי די פוילישע ארמיי האָט געזיגט אויף די פראָנטן, איז געווען שלום ושלווה אין שטאָט. אָבער ווי נאָר די רויטע ארמיי האָט אָנגעהויבן א קעגן־אָפּענסיווע און די פוילישע ארמיי האָט געליטן וויסטע מפּלות, אזוי איז די לופט געוואָרן פארסמט מיט אנטיסעמיטישן האס.

פון די פראָנט־ליניעס האָבן זיי דעמאָלט אראָפּגענומען יידישע סאָלדאטן און זיי פארשפארט אין דער פעסטונג פון יאַבלאָנני. די רויטע ארמיי איז אריבער דעם טייך בוג און ביי די טויערן פון זאמאָשטש זענען פאָרגעקומען פראָנטאלע קאמפן פוןביידע ארמייען. די מאכט אין שטאָט האָט מען איבערגעגעבן א בירגער־מיליץ, וואָס טראָץ דעם וואָס זיי האָבן נישט געהאט קיין געווער, האָט מען דאָך פארהיטן, אז די טונקעלע עלעמענטן זאָלן נישט ראבירן. די לאגע איז אָבער געוואָרן טראגיש, ווען א שבתדיקן טאָג, איז די שטאָט פארפלייצט געוואָרן מיטן מיליטער פון גענעראל בולאק באלאכאָוויטש, פּעטליורעס א פארטרעטער — די בארימטע פּאָגראָמשטשיקעס, וואָס האָבן דעמאָלט געקעמפט אויף דער זייט פון פוילן. א פּאָגראָם איז ממש געהאָנגען אין דער לופטן. די יידישע באפעלקערונג האָט זיך אויסבאהאלטן און באפעסטיקט אין די הייזער און אין די קעלערן. אָבער ווי נאָר ס׳איז צוגעפאלן די נאכט, האָבן פון אלע זייטן זיך געהערט הילפס־רופן, ווייל מ׳האָט געראבעוועט, געשאָסן, געשלאָגן מיט די נאהייקעס און ביקסן־קאָלבעס. יאָמערלעך זענען געווען די געוויינען און געוואלדן פון די געשענדעטע פרויען.

איך מיט מיין מאמען זענען כמעט געווען די איינציקע ביי אונדז אויפן הויף, וואָס האָבן זיך נישט אויסבאהאלטן. איר מוח איז מער געווען פארנומען מיט דער ברויט־ראָשטשינע, וועלכע זי האָט, ווי דער שטייגער, צוגעגרייט פרייטיק, ווי מיט דער לעבנס־געפאר — און זי האָט זיך גענומען צום פארקנעטן. אין דעם מאָמענט זענען דורכן אויפגעריסענעם פענצטער אריין פינף באוואָפנטע באנדיטן און מיט ווילדע געשרייען "גדיע כאָזאיען? דענגי! דענגי!" גענומען שלאָגן די מאמען מיט די נאהייקעס. אָבער די

אָרעמקייט און נויט פון אונדזער שטוב האָט זיי, ווייזט אויס, צוריקגעהאלטן. דערצו נאָך איז ביים שכן אנטקעגן געווען ליכטיק. ער האָט נישט באוויזן זיך אויסצובאהאלטן, אָדער אפשר זיך געשעמט דאָס צו טאָן. ער איז געווען א פעסט־געבויטער, יונגער מענטש, וואָס האָט געהאנדלט מיט פערד און נישט לאנג געהאט צוריק געקומען פון דער רוסישער ארמיי, ווו ער האָט געדינט אין דער קאוואלעריע. ווי די קאָזאקן פון בולאק־באלאכאָוויטשעס ארמיי, האָט ער אוועקגעשטעלט אויסצוטרינקען אויף "ברודערשאפט", אָבער סוף־כל־סוף האָבן זיי ביי אים צוגערויבט וואָס נאָר ס'איז געקומען אונטער די הענט און אים אויך שווער פארוווּנדעט. צום גליק פאר דער שטאָט, איז די ארמיי אין יענער טרויעריקער שחיטה־נאכט איבערגעשיקט געוואָרן אין איילעניש אויף א צווייטער פראָנט־ליניע.

דער "נס ביי דער ווייסל", ווי די בעל־גאווהדיקע און חוצפהדיקע פילסודסקי־גענעראלן האָבן זיך גערימט און טריאומפירט, האָט בשעתו ארויסגערופן א העפטיקע דיסקוסיע צווישן לענינען און טראָצקין, צי דער מארש אויף ווארשע, אנשטאט אויף לעמבערג מיט איר אוקראַאינישער באפעלקערונג, איז געווען א פּאָליטישער, אָדער בלויז א סטראטעגישער פעלער. נאָר דער געשלאָסענער שלום, האָט פאר אלעמען דערפרייט די תמיד ליידנדיקע יידישע באפעלקערונג.

די מאָביליזירטע יידישע סאָלדאטן זענען געקומען א היים. אויך די, וואָס זענען געווען ארעסטירט אין מאָדלינער פעסטונג צוליב דעם בילבול, אז זיי זענען שולדיק וואָס דאָס פוילישע מיליטער האָט געהאט א מפלה אויפן קיעווער פראָנט. צווישן די צוריק געקומענע, איז אויך געווען דער פעטער יוסף, מיין מאמעס א ברודער.

דאָס איינגעפונדעוועטע, קאָלירפולע יידישע לעבן האָט זיך האסטיק גענומען צוריק אויפבויען. דער וואָרט־שפיל "מלאכה איז מלוכה", וואָס די מלחמה־יאָרן האָבן פראקטיש דערלערנט דעם ברייטן עולם, האָט זיך פונאנדערגעבליט. פאכן, וואָס האָבן ביז דער מלחמה נישט פארנומען קיין גרויס אָרט, ווי: מעבל־סטאָלערס, טשעסלעריי, קעמלען־ און בערשטל־מאכער, שלאָסערס אאנ"ד, אויסער די טראדיציאָנעלע יידישע פאכן, אריינגערעכנט דעם האנדל, זענען געוואָרן דער מקור פון פרנסה, נאָר אויף א נידעריקן לעבנסניוואָ. אויך די עטוואָס געעפנטע טויערן אין

אמעריקע, האָבן געגעבן האָפענונגען. אין דער ערשטער ריי, האָט די פרייד באגליקט די צענדליקער עגונות מיט די לעבעדיקע יתומים, וואָס זענען געווען אָפגעריסן פון זייערע מענער, טאטעס, ברידער, שוועסטער, זייט דעם מלחמה־אויסברוך אין 1914. ס'האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען דאָלארן, שיפס־קארטן און א העלפט פון די ניישטאָטישע יידן האָבן זיך געגרייט און געהאָפט צו פאָרן קיין אמעריקע. דאָס נייע וואָרט "די קוואָטע" איז געוואָרן זייער פאָפולער. ארום דעם האָט מען געשמועסט, ווער וועט האָבן דאָס גליק ארייַנצופאלן צווישן די "קוואָטע"־קאנדידאטן צו פאָרן קיין אמעריקע. מיט די אָפפאָרנדיקע אין "גאָלדענעם לאנד", איז אויך געווען מיין מאמעס שוועסטער פייגע מיט אירע דריי קינדער.

איך האָב געהאט א פעסטן צוזאָג פון די מומעס פייגע און גולע, אז מען וועט מיר שיקן א שיפס־קארטע. דערווייל האָבן זיי אָנגעהויבן שיקן צו 20 דאָלאר יעדן ערב פסח און סוכות. אָבער ביז וואָס ווען, האָט זיך די קוואָטע וואָס אמאָל פארשמעלערט — און איך בין שוין געבליבן אין זאמאָשטש.

די ערשטע טריט אין געזעלשאפלעכער טעטיקייט

זומער 1921, האָט דאָס וועלט־יידנטום געפירט א הילפס־אקציע לטובת די הונגעריקע יידן אין ראטן־פארבאנד. אויך די יידן פון דער ניישטאָט זאמאָשטש, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער זאמל־אקציע, ווייל א סך זענען משפחהדיק געווען פארבונדן מיט די אָרטיקע יידן. איך האָב געהאט א מומע, דעם טאטנס אן איינציקע שוועסטער, וואָס האָט מיט איר משפחה געוווינט אין סמאָלענסק, און דער פעטער וועלוול, דער מאמעס א ברודער, האָט אויפגעשטעלט זיין משפחה אין מאָסקווע. ס'איז אוודאי אמת דער געדאנק, אז יסורים לייטערן און די וואָס האָבן געליטן און ליידן, זענען באזונדערס פעיק ליב צו האָבן. האָט דער ווייגעשריי פון די הונגעריקע קינדער שטארק געווירקט אויף אונדז אָרעמע, באָרוועסע יאטלעך, קדיש־זאָגערס אין בית־המדרש, נאָכן אויסהערן די פארשידענע דרשות.

די 12 — 13 יאָריקע ייִנגלעך, וואָס האָבן שוין געארבעט ביים לערנען פארשיידענע פאכן און טיף געליטן סיי אין זייערע אָרעמע היימען, ווי ביי

דער ארבעט אין די ווארשטאטן, ווו מ'איז א סך מאָל געוואָרן באליידיקט און אויסגעחוזקט פון די באלעבאטיס, באלעבאָסטעס און די עלטערע ארבעטער – האָבן דעמאָלט גענומען איניציאטיוו און מיט ברען געשאפן א קינדער־אָרגאניזאציע צו זאמלען געלט פאר די הונגעריקע יידישע קינדער. מיט דעם האָט פאר מיר זיך אָנגעהויבן דאָס קלעטערן אויפן לייטער פון די צוקונפטיקע, לאנגיאָריקע, פּאָליטיש־פּראָפעסיאָנעלע און קולטור־געזעלשאפלעכע טעטיקייטן.

מיין מאמע האָט דערנאָך אָנגעהויבן דערפון צו ליידן פון דער פּאָליציי, וועלכע האָט דורכגעפירט רעוויזיעס אין שטוב, ווי פונעם טראָגן עסן, בעת מיין זיצן אין דער שטאָטישער תפיסה. זי האָט אויך נישט ווינציק געליטן מאָראליש און א סך מאָל געוואָרן פארשעמט פון היימישע יידן, פאר מעשים וואָס נישט איר זון האָט געטאָן. האָט מען וועמען פון די יינגלעך געטראָפן רויכערן אין שבת, אָדער פאָרן אויף ראָווערן – איז אין דעם געווען שולדיק איר זון. און ווען מ'האָט אין דער ניישטאָט געעפנט א ביבליאָטעק, מיט רעפעראטן, קעסטל־אָוונטן, שטרייקן און פּאָליטישע אקציעס, האָב איך דאָך אוודאי אָנגעהערט צו די וואָס פארפירן, נעבעך, יידישע קינדער אויף פרעמדע וועגן...

א לאנגיאָריקער טרוים ווערט פארווירקלעכט – איך טרעף זיך מיט דער מאמען

קנאפע 40 יאָר זענען פאָריבער זייט מיין טעטיקייט אין שטעטל. ווי האָט דער דיכטער **לייב פיינבערג** דאָס אויסגעדריקט:

מיר זענען דעמאָלט יונג געווען און זיס,
איז געווען די פרייהייט־טרוים ווי טרויבן.
און ס'האָט דאָס לעבן אונדז די יונגע פיס
באפליגלט דאן מיט האָפענונג און גלויבן.

איבער 36 יאָר בין איך געווען העטוויט פון מיין מאמען און יאָרן־לאנג

— אזש הינטער די הרי־חושך*. איך שטעל זיך פֿאָר, אז דאָס הארץ פון דער יידישער מאמע האָט געוווייטיקט און געבלוטיקט פאר איר זון, ווי איך האָב דאָס ארויסגעפילט פון אונדזער ערשטער באגעגעניש אין ניו־יאָרק, נאָך אזא לאנגער צעשיידונג.

טויט מיד, נאָך דעם ערשטן לאנגן טאָג פון מיין זיין אין אמעריקע, רייך מיט אזוי פיל איבערלעבונגען און איינדרוקן, פון אָנפרייען און אויסדערציילן, איז גענוג געווען צו כאפן דעם ערשטן דרימל און איך האָב זיך גלייך געפינען אין מיינע קאָשמארן, ערגעץ אין א לאגער אָדער בעת אן אויספֿאָרשונג, מיט אירע גרעאנגלעניש און געשרייען. די מאמע וועקט מיך איבער און מיט איר דארער, ביינערדיקער האנט גלעט זי מיך און פרוווט דעם שטערן, צי איך האָב נישט, חלילה, קיין היץ. אָ, ניין! ווי גוט און גליקלעך איך פיל זיך. איך בין נישט מער אין יענעם סאָוויעטישן גהינום. שוין אליין א זיידע, לעב איך אויפסניי איבער די קינדערישע פרייד, אז איך בין אונטער די פליגלען פון מוטערלעכער השגחה.

אויפן צווייטן טאָג פון מיין זיין ביי דער משפחה אין די פאראייניקטע שטאטן, איז דאָס גרויסע לאנד געווען דערציטערט און אויפגעברויזט פון דעם פארברעכערישן אטענטאט אויף דעם יונגן, דינאמישן פרעזידענט דזשאָן קענעדי. די אמעריקאנער יידן זענען געווען באזאָרגט וועגן קומענדיקן פרעזידענט דזשאָנסאָן און זיין באציאונג צו מדינת ישראל. אָבער מיין מאמע האָט בטחון אין אמעריקע, טראָץ דעם, וואָס איר קענטעניש פון אמעריקע זענען די עטלעכע יידישע געוועלבלעך און די שיל וווּ זי גייט שבת און יום־טוב דאווענען, און מיט יעדן רעדט זי נאר יידיש. ווען איך האב איר אויפמערקזאם געמאכט, אז דער מענטש וואָס איז געקומען פאריכטן די וואסער־פּאָמפּע אין קעלער רעדט ענגליש, ענטפערט זי:

— ניין, דאָ ריידן אלע גויים יידיש.

די אלע וואָס זענען געקומען צו דער מאמען און מיין שוועסטער, זענען לאנדסלייט. אלע אירע פירעכצן און קולינארע קונסט, זענען נאָך פון זאמאָשטש. פון דעסטוועגן, ווען אלע "אָלרייטניקעס" וואָלטן זיך

---

* יענע יאָרן האָב איך געשילדערט אין מיין בוך "...און מ'האָט מיך רעהאביליטירט".

צונויפגענומען, וואָלט קיינער נישט געווען אזוי באַגייסטערט פון אמעריקע ווי מיין מאמע. זי האָט אויף דער עלטער זוכה געווען צו זיין א בכבודיקע באַלעבאָסטע, אין שיל רימט זי פאר מיר דער רב, לויבט שטארק די "מיסיס זאלצמאן", ווייל זי איז כסדר מנדב פאר דער שיל און גיט אויך צדקה. די מאמע ווייזט מיר א גאנצע פאָליצע מיט פושקעס, ווי די אוועקגעשטעלטע קערות ערב יום־כיפור אין דער אלטער היים. פאר דער סאטמארער ישיבה, לובאוויטשער, ירושלימער, בני־ברק, קרן קימת און אנדערע.

ווי גוט איז, טראכט איך, אז די פושקעס זענען שטומע קעגנשטאנדן, ווייל די באַלעבאַטים פון די זאמל־פאָנדן זענען גרייט איינער דעם צווייטן די אויגן אויסצודראפּען. איך בין גליקלעך, טייערע מאמע, וואָס געבן צדקה גיט דיר גייסטיקע באַפרידיקונג און מנוחה, אָבער דאָס שטיקל צוקער אָדער ברויט, וואָס האָסט געגעבן אן אָרימאַן אין דער אלטער היים, ווייל האָסט נישט געהאַט צו געבן א גראָשן, איז געווען פון א נישט קלענערן באַטייט, ווי די סענטן און דאָלארן, וועלכע לייגסט אריין אין די פושקעס פאר ליכט־בענטשן לכבוד שבת און יום־טוב.

מיין שוועסטער און ברודער

מיטן ברודער האָב איך כמעט ווי זיך נישט געקענט, ווייל ווען איך האָב פאַרלאָזט די היים, איז ער אלט געווען דאָס צענטע יאָר. די שוועסטער האָב איך געהאַט געזען בעת מיין אָנקומען קיין מאָסקווע אין 1932, נאָכן אָפּזיצן עטלעכע יאָר אין דער פוילישער תפיסה פאר קאָמוניסטישער טעטיקייט. זי האָט געהאַט אדורכגעמאכט א זעקס־טאָגיקן הונגער־שטרייק אין דער תפיסה פון לובלין. נאָכן באַפרייט ווערן, האָט מען איר א קראנקע געשיקט קיין ראטן־פארבאנד, ווו זי האָט געארבעט אויפן מאָסקווער מעטאַל־זאַוואָד "שאַריקע פּאָשיפּניק". אין 1937 האָט מען זי ארעסטירט, געזעסן דריי יאָר אין דער טרויעריק בארימטער תפיסה בוטירקי, געהאַט דאָס מזל ארייננצופאלן אין דעם קליינעם קאָנטיגענט קראנקע, וואָס זענען באַפרייט געוואָרן פון די תפיסות, נאָכן אראָפּנעמען און ליקווידירן דעם בלוטיקן יעזשאָוו. בעריא האָט איבערגענומען די אָנפירונג פונעם געהיים־דינסט ("ענקאַוועדע"). דאָס

איז דערקלערט געוואָרן , מיט גרויס פּראָפּאַגאַנדע, אַז די סאָציאַליסטישע גערעכטיקייט אין ראטן־פארבאַנד, אונטער דער אָנפירונג פון געניאַלן סטאַלין, איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן. צום גליק, האָבן דעמאָלט די מאַמע מיטן יינגסטן ברודער, מיט צרות און מאַטערניש זיך דערקליבן אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע, אַנטלויפנדיק פון זאַמאָשטש, ווען די רויטע אַרמיי האָט די שטאָט איבערגעגעבן דער דייטשישער אַרמיי, ווי ס'האָט פאָרויסגעזען דער מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ אָפּמאַך.

אין 1941 זענען זיי שוין צוזאַמען מיט דער שוועסטער אַנטלאָפן קיין אוראַל. די שוועסטער און ברודער האָבן געאַרבעט אין דער קוילן־שאַכטע פון שטעטל קיזעל, טראַגנדיק אויפרייס־מאַטעריאַל אויף די רוקנס און געדאַרפט קריכן אויף אַלע פיר. נאָכן פאַרענדיקן די קריג, עוואַקואירן זיי זיך קיין פוילן, פון דאָרטן קומען זיי אָן אין די "אונרא"־לאַגערן אין דייטשלאַנד, פון וואַנען דער מאַמעס משפּחה העלפט זיי קומען קיין ניו־יאָרק.

פאַר די 16 יאָר אין דעם "גאָלדענעם לאַנד", ווו זיי האָבן אויפגעשטעלט משפּחות, אַרבעט מען אין די שניידער־פאַבריקן. דער פּראָדוציר־פּראָצעס איז אַזוי צעדריבלט, אַז מ'ווערט פאַרוואַנדלט אין ראָבאָטן־אויטאָמאַטן. מ'איז באַשעפטיקט אין די שניידער־פּאַכן, ווו זיי האָבן צופעליק געפינען אַרבעט בעתן אָנקום אין לאַנד. די דעצענטראַליזירטקייט פון די "יוניאָנס" לאָזט נישט ענדערן די פּאַכן, ווייל דער צוגאָב צו דער עלטער־פּענסיע, וואָס יעדער "יוניאָן"־מיטגליד באַקומט, דאַרף ער האָבן געאַרבעט 25 יאָר ביים פּאַך. איבערגיין, אַ שטייגער, פון אַרבעטן ביי מענער־שניידעריי צו דאַמען־שניידעריי, אָדער קינדער־קליידער, פאַרלירט ער זיינע יאָרן אַרבעט און וואָס ער האָט געצאָלט אין זיין פריערדיקן "יוניאָן".

אונטער אַ פּסיכאָז פון מורא, לעבט יעדער לוין־אַרבעטער, קוים וועט ער קראַנק ווערן, ווייל דאַן פאַרלירט ער יעדן אָפּגעשפּאָרטן דאָלאַר. דאָ, אין דעם רייכסטן לאַנד, ווו דער אַרבעטער־לוין איז אויף דער העכסטער מדריגה, עקזיסטירט אָבער נישט קיין אָבליגאַטאָרישע, מלוכהשע סאָציאַלע פאַרזיכערונג, וועלכע ס'האָט אויסגעקעמפט דער אַרבעטער אין פיל אייראָפּעישע לענדער. די פּריוואַטע, צי אַפילו קאָלעקטיווע פאַרזיכערונג, וואָס זיי האָבן דורכן "אַרבעטער רינג", גיבן נישט די מעגלעכקייטן פון וועלכע

עס געניסט אַן ארבעטער אין פראנקרייך, ווי: באקומען צוריקגעצאָלט 70 פראָצענט פאר מעדיקאמענטן און דאָקטוירים, פאר די טעג וואָס מ'איז קראנק, צי פון קענען זיך אויסקלויבן א דאָקטער לויטן אייגענעם אויסוואל און נישט זיין אָנגעוויזן אויף די דאָקטוירים, וואָס ארבעטן אין דער פארזיכערונג־געזעלשאפט.

אָבער דאָס פארמינערט נישט זייער צופרידנקייט און דאָס גרויסן זיך מיט זייער אמעריקע!

מיין לאגער־חבר לייזער ראן און אלעקסאנדער פאָמעראנץ

פונקט ווי איך האָב ממש געצאפּלט צו זען זיך מיט מיין מוטער, שוועסטער און ברידער, אזוי האָט זיך געוואָלט טרעפן מיט מיין חבר פון די סאָוויעטישע לאגערן — לייזער ראן, שרייבער און ליטעראטור־פאָרשער.

25 יאָר זענען שוין געהאט אדורך, ווי די ענקאוועדע האָבן אונדז אין מיטן טאָג אראָפּגענומען פון דער שקלאפן־ארבעט אין די קאראנדונסקע לאגערן און אוועק געפירט אויף אַן אויספאָרשונג אין דער הויפּט־דירעקציע אין דאָלינקע, אונטער דער באשולדיקונג אין יידישן נאציאָנאליזם. דורך א צופאל האָבן אכט יידישע פּאָליטישע עמיגראנטן זיך געפינען אין איין ארבעט־בריגאדע, איז פארשטענדלעך, אז מיר האָבן אָפט געשמועסט צווישן זיך, דיסקוטירט און געאמפערט אויף יידיש — ביז ס'האָט ווער אונטערגעטראָגן.

בין איך צום ווּיפלטן מאָל אדורך די בארימטע אויספאָרשונגען, מיט אלע זייערע ליגנערישע טריקן און מעטאָדן. מ'האָט אונדז פונאנדערגעשיקט אין פארשיידענע ארבעט־קאָלאָנעס און כ'האָב זיי מער נישט געזען. אלע יאָרן האָב איך געטראכט וועגן דעם גורל פון דער גרופּע חברים, אָבער גאָר באזונדערס — וועגן דעם טייערן לייזערקע.

די עטלעכע חדשים וואָס דער גורל האָט מיך מיט אים צוזאמענגעפירט, זענען פאר מיר געווען די סאמע גייסטיקע און דערהויבענע פאר די צוויי צענדליק יאָר אין די לאגערן און אויף פארשיקונג. אין אלע דיסקוסיעס און אמפּערנישן, איז ער תמיד געווען דער הויפּט בעל־דרשן — דער יינגסטער,

פארכמורעטער, פארעקשנטער ווילנער עילוי. ווי אַן אספּיראַנט אין ייוו"אָ, האָט ער שוין געהאַט הינטער זיך אַ רייכן, ליטעראַטור־פאָרשערישן באַגאַזש. ס'איז געווען צו באַוווּנדערן זיין גיכע אָריענטאַציע וועגן דעם גאַנצן, סאָוויעטישן סיסטעם.

ער האָט נאָך נישט געהאַט באַוויזן צו לעבן אויף דער פריי אין דעם אויסגעבענקטן לאַנד. אין יאָר 1936, האָט אים די ווילנער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע געשיקט לערנען און ער איז גלייך אויף דער גרענעץ אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט זיין פרוי. צום גליק, האָבן זיי באַקומען בלויז אַ "דיעטסקי סראָק" (אַ "קינדער־אורטייל" לויט די באַגריפן פון 1937) — 3 יאָר תפיסה פאַר אומלעגאַל אַריבערגיין די גרענעץ. טראָץ דעם וואָס צווישן די דערמאָנטע אַכט, זענען געווען נאָך צוויי ווילנער און אַנדערע אויף דער אינטעלעקטועלער מדריגה ווי ער, דאָך האָב איך געהאַט דאָס מזל צו געפינען ביי אים חן. מיר האָבן זיך גיך פאַרחברט, געוואָרן "נאַפּאַרניקעס" אין דער אַרבעט און אויך געטיילט דאָס ביסל באַלאַנדע־זופּ פון איין בלעכענע קאָנסערוון־באַנקע. וואַרשיינלעך האָט געווירקט דאָס וואָס שוין דעמאָלט זענען מיר פּאָליטיש געשטאַנען אויף איין שטאַנדפּונקט.

אין די לעצטע יאָרן איז ראַן געווען טעטיק אין קובאַ און אין ניו־יאָרק, זיינע שפּעטערישע, ליטעראַטור־פאָרשערישע אַרבעטן האָבן זיך פונאַנדערגעבליט. איצט האָבן מיר צוזאַמען דערמאָנט יענע טרויעריקע צייטן און דעם גורל פון באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע קרבנות פון די סאָוויעטישע שקלאַפן־לאַגערן.

איך בין געווען גליקלעך, אַז די חברישקייט און דיסקוסיעס איבער אַלטע און נייע פּראָבלעמען, האָבן געהאַט אַ המשך, גלייך ס'וואָלט נישט אַדורך אַ פערטל יאָרהונדערט.

מיט פרייד האָב איך באַגעגנט מיינע פריינד פון קיעוו, דעם שרייבער און עסייאיסט אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ און זיין פרוי פּרענסיס. באַפריינדעט זיך מיט זיי, בעת ער האָט אין 1934 געלערנט אין קיעווער יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אויף אַספּיראַנטור; ווי אויך מיטן שרייבער און קולטור־פאָרשער קלמן מרמר, וואָס איז, ווי פּאָמעראַנץ, געקומען פון אַמעריקע, כדי אין דערמאָנטן אינסטיטוט אַרויסגעבן אַן אַקאַדעמישע אויסגאַבע פון זיינע פאָרש־אַרבעטן וועגן די רעוואָלוציאָנערע, פּראָלעטאַרישע פּאָעטן אין

אמעריקע: דוד עדעלשטאַט, מאָריס ווינטשעווסקי און יוסף באָוושאָווער.

דער צונויפטרעף מיט זיי אין ניו־יאָרק, איז געווען א דאָפּלטער יום־טוב, ווייל ס׳איז אויך געווען א סיום־הספר צום דערשיינען פון זיין בוך "די סאָוויעטישע הרוגי־מלכות — צו זייער 10טער יאָרצייט", וועגן טראַגישן גורל פון די יידישע שרייבער און יידישע ליטעראַטור אין סאָוויעטן־לאַנד.

איך האָב געהאַט א באַזונדערע סאַטיספאַקציע, וואָס דאָס בוך איז אָנגעשריבן געוואָרן פון פּאַמעראַנצן. ווייל אין קיעוו בין איך געווען זייער פּאַרזיכטיק, חלילה נישט ארויסצוזאָגן וועלכע ס׳איז קריטישע מיינונג וועגן דער סאָוויעטיעשער ווירקלעכקייט, נאָר גראָד מיט מרמרן בין איך געווען מער אָפנהאַרציק.

פּאַמעראַנץ איז צוריק געפאָרן קיין אמעריקע אין 1935, נאָכן ביילייגן זיין דאָקטאָראַט וועגן דער "לניוויקיאַדע", וואָס האָט באַרעכטיקט און אפילו גלאָריפיצירט די שטעלונג פון קאָמינטערן צו די אנטי־יידישע אומרוען אין ארץ־ישראל אין 1929, ווי א רעוואָלוציאָנער־באַפרייערישע באַוועגונג, וואָס האָט ביי מיר ארויסגערופן פּאַרזיכטיקייט נישט ארויסצוזאָגן וועלכע ס׳איז מיינונג, וועלכע פאַלט זיך נישט צונויף מיט דער פּאַרטיי־ליניע.

פּאַמעראַנץ האָט איבערגעלאָזט דעם אינסטיטוט ביים סאַמע שווונג פון שעפערישקייט און מרמר, איין יאָר שפּעטער, האָט פּערזענלעך בייגעוווינט דעם פּאָגראָם פון פּאַרמאַכן דעם אינסטיטוט און ארעסטירן אלע מיטאַרבעטער, בראש מיטן פּראָפעסאָר מאַקס עריק. טראָץ דעם איז ער ביז זיין לעצטן לעבנס־אָטעם פאַרבליבן א שוויגענדיקער נאָכגייער פון דער קאָמוניסטישער ליניע.

מיט זאַמאָשטשער לאַנדסלייט

צו א וואַרעמען קבלת־פּנים האָב איך זוכה געווען ביי די זאַמאָשטשער לאַנדסלייט, ווי ס׳האָט געשוועבט דער גייסט פון די צוויי צענדליק זאַמאָשטשער אַרבעטער־טוער, וואָס זענען אומגעקומען אין ראַטן־פאַרבאַנד. אין דער רשימה פון די אומגעקומענע (אין זאַמאָשטשער יזכור־בוך) איז אויך דערמאָנט געוואָרן משהלע זאַלצמאַן. גליקלעכערווייז, איז

מיין פאל געווען נאָר א טעות. יעדער נאָמען וואָס איך האָב באקאנט געמאכט אין מיין גרוס פון די לאנדסלייט אין פאריז, האָט ארויסגערופן פרייד און דערמאָנונגען. די ניו־יאָרקער לאנדסמאנשאפט איז דער רוקנביין פון דער זאמאָשטשער שארית־הפליטה. יידן פון זאמאָשטש האָבן דערגרייכט ניו־יאָרק נאָך אין די 90קער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. אָבער נאָר די פּאָליטישע עמיגראציע, נאָכן דורכפאל פון דער רעוואָלוציע אין 1905, האָט געשאפן דעם יסוד פאר א פּאָליטיש־נאציאָנאלע געזעלשאפט, וואָס איז אָנגעשלאָסן אין ארבעטער־רינג. איינער פון די לאנדסלייט, פישל גאליבטער, דער זאמאָשטשער בונדישער טוער אין יאָר 1905, איז געווען דער בילדונג־סעקרעטאר און רעדאקטאָר פון דער ארבעטער־רינג פרעסע, ביז צו זיין פריצייטיקן טויט אין 1935.

די שפּאלטונגען וואָס די קאָמוניסטן האָבן אדורכגעפירט אין די "יוניאָנס" און אין די לאנדסמאנשאפטן (מיטן שאפן דעם אינטערנאציאָנאלן ארבעטער־אָרדן), האָבן אויך נישט אויסגעמיטן דעם זאמאָשטשער ברענטש, אָבער דאָך איז ער פארבליבן אין ארבעטער־רינג און געקענט אויפנעמען די עמיגראציע פון דער שארית הפליטה, אויפגעשטעלט א ווירדיקע מצבה אויפן בית עולם פון ארבעטער־רינג לזכר די זאמאָשטשער קדושים און אקטיוו זיך באטייליקט ביים ארויסגעבן דאָס יזכור־בוך. פונעם זאמאָשטשער ברענטש, אָנגעפירט פון די קאָמוניסטן, וואָס האָט געטראָגן אזא ווירדיקן נאָמען ווי י.ל. פרץ, האָט קיינער נישט אָנגעשריבן אפילו איין שורה פארן יזכור־בוך. אזוי אויך האָבן זיך געפירט די קנאפע צוויי צענדליק זאמאָשטשער קאָמוניסטן וואָס האָבן נאָך דער מלחמה געלעבט אין ווארשע און א סך פון זיי זענען געווען קאָלאָנעלן און זשורנאליסטן — טראָץ דעם וואָס מ'האָט זיך צו זיי געוואָנדן מצד די ארויסגעבער, זייערע אמאָליקע יוגנט־חברים.

און די אמאָליקע הילף זייערע צווישן ביידע וועלט־מלחמות פאר דער ביבלאָטעק, שול, תלמוד־תורה און אנדערע אינסטיטוטוציעס אין זאמאָשטש, איז פארביטן געוואָרן אויף שטיצע פאר ישראל — נאָכן אנטשטיין פון דער מדינה.

בעת מיין קורצן באזוך אין ניו־יאָרק, האָב איך געשטארקט די פארבינדונג און פריינדשאפט מיט דער משפחה, חברים און לאנדסלייט.

באקאנט זיך מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן פון די לעצטע צוויי דורות עמיגראנטן פון מיין היימשטאָט; זיך דערוווּסט וועגן יידישן, קולטור־געזעלשאפטלעכן לעבן אין דער גרויסער שטאָט און ווייטע מרחבים פון איין אָרט צום צווייטן, וואָס באשוועדט און מאכט אוממעגלעך פרייוויליקע, געזעלשאפלעכע אקטיוויטעטן. די רביים האָבן דאָס דערלערנט און געווירקט אויף זייערע חסידים צו שאפן אין אייניקע ראיאָנען קאָמפאקטע וווין־ערטער און א דאנק דעם האָבן זיי גרויס דערפאָלג מיטן דערציען זייערע קינדער אין די חדרים און ישיבות. אויסער דעם, באנוצן זיי צענדליקער אויטאָקארן אויף איבערצופירן די קינדער פון אנדערע מקומות אין זייערע לערן־אנשטאלטן.

באַרייכערט פון מיין באזוך מיט פיל איינדרוקן און איבערלעבונגען אין דער ריזן־שיינער שטאָט ניו־יאָרק מיט אירע קאָנטראסטן — איז פאריז ממש א ליבלעך־שיין "שטעטל".

אין מדינת ישראל

יאָרן־לאנג, אין א גאנץ קליינעם ישוב אין גרוזיע, ווו איך בין פארשיקט געוואָרן אויפן גאנצן לעבן נאָכן אָפּזיצן מיין 10־יאָריקן תפיסה־לאגער אורטייל, האָב איך מיט ציטער און שרעק, יעדע נאכט אויפגעכאפּט פון ירושלים די ראדיאָ־סטאציע "קול ציון לגולה", טראָץ די שטערונגען מצד מאָסקווע אויף די כוואליעס פון עטער. און אָט האָט דער גורל געוואָלט, אז פיר יאָר נאָך דעם ווי איך האָב געלעבט אין דער פרייער וועלט, זאָל איך האָבן די מעגלעכקייט צו באטרעטן די ישראל־ערד, וואָס האָט ביי מיר ארויסגערופן א טיף־נשמהדיקע איבערלעבונג. די געשטאלטן און געשעענישן אין דער געשיכטע פון דעם לאנד, זענען דאָך געווען טיף איינגעוואָרצלט נאָך פון די חדר־יאָרן. טרויעריק האָבן געגעבערט אין מוח די דערמאָנונגען פון פאָליטיש באקעמפן די טרוימער, וואָס האָבן אין דעם לאנד געזען די נאציאָנאלע גאולה; הלמאי איך האָב נעגירט די חלוצישע פיאָנערן, וואָס האָבן מיט מסירת־נפש געקעמפט און געבויט דאָס לאנד. פאר די אויגן האָט אויפגעלעבט דאָס בילד, ווען נאָך מיין ארויסטריט אויף אן ערשטן מאי־מיטינג אין זאמאָשטש, אין 1926, איז צו מיר צוגעקומען

דער פירער פון די צעירי־ציון אין שטאָט, יוחנן מאָרגענשטערן (אין די יאָרן פון חורבן געווען פאָרשטייער פון פועלי־ציון אין דעם הויפּט־שטאַב פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד) און געזאָגט:

— געדענק משהלע, ווּעסט נאָך קומען מיך בעטן א סערטעפיקאַט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

ס'זענען אדורך שווערע, ביטערע יאָרן. קיין סערטיפיקאַט האָב איך טאַקע נישט געבעטן, אָבער מיין לעבן 27 יאָר אונטער'ן סאָוועטישן רעזשים האָט מיך טיף איבערצייגט, אז איך האָב טאַקע געבלאָנדזשעט, ווייל די באַזע פאַרן המשך פון יידישן פאָלק איז מדינת ישראל.

אין דער שטוב אין רמת־גן ווּ איך האַלט זיך אויף, ביי דער שוועסטער פון מיין פרוי, באַקען איך זיך מער און נענטער מיט די פּראָבלעמען פון דער מדינה.

31 יאָר געפינט זיך די משפחה אין לאַנד, כמעט צוויי מאָל אַזוי פיל ווי זיי האָבן געלעבט אין דייטשלאַנד, ווּ דער שוואָגער איז געווען חזן, שוחט, לערער פון "יידישקייט אויפן שפּיץ מעסער", אָבער די שפּראַך אין שטוב איז דייטש. "ס'טייטש", איז מיין טענה, "אין אייער געבוי'רן־שטאָט לאָדזש, ווּ די נאַצי־באַנדיטן האָבן אויסגעמאָרדעט יידיש לעבן, צוזאַמען מיט אייערע משפחות, האָט איר דאָך גערעדט און געלייע'נט יידיש"? מ'איז אָבער סנאָביש, מיט א פּרעטענסיע אָנצוגעהערן צו דער עדה יידן, אָפּשטאַמיקע פון דייטשלאַנד, וואָס זענען רייך מיט אינטעלעקטועלע פּערזענלעכקייטן. נאָר די 9 אייניקלעך ביי די משפחות פון די דריי זין באַנוצן זיך שוין מיט דער העברעישער שפּראַך און העלפן באַרייכערן דאָס לשון און ווּעלן אומדירעקט מיטווירקן, אז פון די אַלע שבטים זאָל ווערן איין פאָלק. פיר זענען פון א מוטער א תימנערין, און דריי — פון די ספרדישע. א טייל פון די אייניקלעך זענען שוין אין עלטער פון 13 — 14 יאָר, אָבער די באָבע איז נאָך אַלץ נישט צופרידן מיט די שידוכים.

פון מיינע שמועסן מיט די דריי זין פון מיין שוועגערין, ווי אויך מיט זאַמאָשטשער לאַנדסלייט אין תל־אביב, האָב איך באַקומען דעם איינדרוק, אז די ישראלים וואָס האָבן געלעבט אין לאַנד פאַרן מדינה־אויפקום, אָדער אין די ערשטע יאָרן, איז דאָס לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד מיט אירע דריי מיליאָן יידן — א גאָר פרעמדע פּלאַנעטע. און די ישראל־רעגירונג, צוליב

מלוכהשע אינטערעסן און חשבונות, כדי נישט צו דערצערנען דעם רוסישן בער, רעדט ווייניק וועגן די אַנגעווייטיקע פּראָבלעמען פון סאָוויעטישן יידנטום. מיר האָט זיך דעמאָלט (אין 1964) אויסגעוויזן, אז מיט קיין איין אמבאסאדע צאַצקעט מען זיך נישט אזוי פיל ווי מיט דער סאָוויעטישער און פיל פּארטיי־ און מלוכה־מענער האלטן אים, דעם אמבאסאדאָר, פאר א פערזענלעכן פריינד, טראָץ דעם וואָס סטאלין און זיינע יורשים האָבן זיך פארמאָסטן גייסטיק צו פארניכטן דאָס סאָוויעטישע יידנטום.

ס'האָט לאנג נישט געדויערט, ווי דער טרויעריקער אמת האָט זיך אנטפּלעקט מיט דער גאנצער ברוטאלער צינישקייט. דעמאָלט האָבן א סך אנערקענט, אז מ'האָט איבערגעטריבן מיט דעם צוטרוי און פריינדשאפט צום סאָוויעטן־פארבאנד. מיר איז געוווען טרויעריק אויף דער נשמה צוליב דער נאיווקייט פון א סך ישראלים, וואָס אפילו אין סאמע האָניק־חודש פון פריינדשאפט, ווען גאָלדע מאיר האָט ווי די ערשטע ישראל־אמבאסאדאָרין אמטירט אין מאָסקווע, איז אין דער זעלבער צייט אדורכגעפירט געוואָרן א פּאָגראָם אויף דער יידישער קולטור מיט אירע הונדערטער שעפער און טוער.

איך שפּאן אויף די ישראלדיקע גאסן און געסלעך און קאָן זיך נישט אָנזעטיקן מיט איינדרוקן און באוווּנדערונג פון אלץ און אלעמען. פּשוטע נעמען פון די גאסן זענען מיר אזוי נאָענט און היימיש. נאָר א יידישע מדינה קאָן פאראייביקן די נעמען פון די שעפער פון דער יידישער קולטור און ליטעראטור. וויפל ענערגיע און פּאָליטישע קאמפן האָט זיך געפּאָדערט, אז אין זאמאָשטש, די געבורט־שטאָט פון י. ל. פרץ, זאָל אָנגערופן ווערן א גאס אויף זיין נאָמען. ערשט אין 1925, ווען ס'איז געווען א סאָציאליסטישע מערהייט אין שטאָטראט, איז דאָס געלונגען אדורכצופירן. און אין ווארשע, וואָס האָט געהאט א יידישע באפעלקערונג פון 365 טויזנט (קנאפּע 30% איינוווינער), ווו דער שרייבער האָט געלעבט און געשאפן העכער 33 יאָר, האָט יצחק לייביש פרץ נישט זוכה געווען מ'זאָל אָנרופן א גאס אויף זיין נאָמען.

א שבת אין דער פרי. איך געפין זיך ביי א חבר אויף דער באָראָכאָוו־גאס אין תל־אביב. אלץ אָטעמעט מיט שבת־יומטובדיקייט. יידן גייען פון



דער מחבר מיט זיין פרוי פּאָלא ז״ל, ביי דער מצבה אויפן הר ציון אין ירושלים,
לזכר דער אומגעקומענער קהילה זאַמאָשטש

דאַווענען. איך דערזע זיך מיט איין מאָל אין דער אַלטער היים, אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן; רעיונות פון דער געבורט־שטאָט און די שטעטלעך, ווי זייער גרויזאַמען סוף, האָב איך באַזונדער שווער איבערגעלעבט אויפן הר־ציון אין ירושלים, ממש אין אַ "וואַלד" פון אָנדענק־מצבות פון הונדערטער אומגעבראַכטע יידישע קהילות. מיט טיפן יראת הכבוד שטיי איך מיט מיין פּאָלען ביי דער סימבאָלישער מצבה לזכר די קדושים פון זאַמאָשטש. און נאָענט פון איר: קראַסניסטאַוו, בילגאָריי, טישעוויץ, לאַשיץ און קאַמאַראָוו. איך דערמאָן זיך, ווי כ'האָב מיט פרייד און האָפענונג, אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן, שפּאַצירט און דיסקוטירט אין די שטעטלעך, געבויט צוקונפט־פּלענער מיט דער אָרטיקער און האַרציקער יידישער יוגנט.

מיט לאַגער־חברים

מיין באַזוך אין מדינת ישראל איז נישט נאָר געווען אויף אויסצולאָדן זיך פון סענטימענטן און נייגעריקייט. איך האָב אויך זייער געוואָלט אויסגעפינען שפּורן פון לאַגער־חברים פון דער אידעאַליסטישער "בריחה"־גרופּע, וואָס איך האָב באַגעגנט דאָס לעצטע יאָר פאַר מיין באַפרייאונג.

אין דעצעמבער 1946, האָט מען אין דער צענטראַלער קאָלאָניע פון איזשמולאַגער אויפן ווייטן צפון, אין ראַיאָן פון אַרקוטאַ, געבראַכט מיטן עטאַפּ פון דער לעמבערגער תפיסה אַ גרופּע אַרעסטאַנטן, צווישן וועלכע איך האָב אויסגעפונען אויך עטלעכע יידן. הגם דער גאַנצער עטאַפּ איז געווען איזאָלירט, פאַרמאַכט אין באָד, האָב איך, ווי אַן אַלטער לאַגערניק (דערצו נאָך האָב איך דעמאָלט געהאַט דאָס מזל צו אַרבעטן אַלס שניידער), אויסגענוצט אַלע מיינע פאַרבינדונגען און מיט דער הילף פון נאָך עטלעכע יידן אין דער קאָלאָניע, איז דער באַראַק פון די בעלי־מלאכות און די נאָרע ווו איך בין געשלאָפן, געוואָרן זייער טרעפפּונקט אויף פאַר יידישער וואַרעמקייט און סאָלידאַריטעט.

ערשט פון זיי האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן גרויסן יידישן חורבן, וועגן געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע און וועגן דער גרויסער האָפענונג, אַז עס וועט אַנטשטיין אַ יידישע מדינה אין ארץ ישראל, ווי אויך — וועגן

דער אינטענסיווער אומלעגאלער עליה, וואָס גייט אָן פון דער שארית־הפליטה. זיי האָט מען פארמשפט ווי ציוניסטן און אגענטן פון ענגלישן אימפעריאליזם.

פאר די העכער 113 חדשים, וואָס איך האָב ביז דעמאָלט שוין געהאט אָפּגעווען אין די סאָוויעטישע תפיסות און לאגערן, באגעגנט טויזנטער פארמשפטע פאר כלומרשט פּאָליטישע פארברעכנס, איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך טרעף אן אמתדיקע רעוואָלוציאָנערע גרופּע, וואָס האָט נישט נאָר אנערקענט דאָס אין וואָס מ'האָט זיי באשולדיקט, נאָר פארטיידיקט זייער אידעאָלאָגישע אָנגעהעריקייט צום ציוניזם, אָבער אָפּגעוואָרפן די באשולדיקונג, אז זיי דינען דעם ענגלישן אימפעריאליזם. פארקערט, "ציוניסטן קעמפן קעגן דער ענגלישער הערשאפט אין ארץ־ישראל — און איר, וואָס ארעסטירט ציוניסטן וועלכע ווילן פאָרן אהין קעמפן, פארטיידיקט אומדירעקט דעם בריטישן אימפעריאליזם" — האָט דערקלערט דער וואָרטזאָגער פון דער גרופּע, קאָפּל סקאָפּ אויפן פראָצעס אין לעמבערג. איך בין געווען טיף איבערגענומען מיט זייער גלויבן און אידעאליזם.

קאָפּל סקאָפּ האָט ביז דער מלחמה געהערט צום "השומר הצעיר" אין לעטלאנד, וואָס איז נישט געווען פּראָסאָוויעטיש. ווען די רויטע ארמיי האָט פארנומען לעטלאנד, האָט די אָרגאניזאציע, ווי אלע אנדערע נישט קאָמוניסטישע אָרגאניזאציעס, זיך אויפגעלייזט, נאָר איבערגעגאנגען צו אומלעגאלער טעטיקייט. זיי האָבן זיך איינגעטיילט אין "דריילינגס" (מער ווי דריי האָבן זיך נישט געטאָרט קענען). נאָכן איבערפאל פון דער דייטשער ארמיי אויף לעטלאנד, האָט די ווייט גרעסטע מעריהייט זיך עוואקואירט אין טיף רוסלאנד און דערנאָך געזוכט וועגן ווי אזוי צו פארלאָזן דאָס לאנד און פאָרן קיין ארץ־ישראל. אין טאשקענט האָבן זיי באוויזן איינצושטעלן א פארבינדונג מיט די חברים, וואָס האָבן געזוכט וועגן צו דער גרענעץ פון אפגאניסטאן. די אלע פרוּוון זענען נישט געלונגען, דערפאר אָבער איז געשטארקט געוואָרן די מאָראל, סאָלידאריטעט און קאָנטאקטן מיט מיטגלידער פון דער באוועגונג.

אין באדינגונגען פון מלחמה־עוואקואציע, אויסגעוואָרצלט פון דער משפחה און סביבה, כסדרדיקער היימלאָזיקייט, הונגער, קעלט,

קראַנקהייטן, אויסער די שטענדיקע געפאַר מצד מוסרים און פּאָליציי, האָבן זיי דאָך אונטערגעהאַלטן פאַרבינדונגען און סאָלידאַריטעט צווישן די חברים.

מיטן אָנהייב פון דער רעפּאַטריאַציע פון די פּוילישע יידן, איז קאַפּל סקאַפּ, מיט דער פאַרשטענדיקונג פון דער לעטישער גרופּע חברים אין טאַשקענט, געפאָרן קיין לעמבערג, וווּ ס'איז אים געלונגען זיך צו טרעפן מיט א ייד פון דער קהילה און א דאַנק אים באַקומען עוואַקואַציע־פאָרמולאַרן ווי א געוועזענער פּוילישער בירגער.

דער ייד האָט אים אויך איבערגעגעבן, אַז אין די קאַטוילישע קינדערהיימען זענען פאַראַן יידישע קינדער, נאָר פאַר געלט וועט מען זיי קענען אויסקויפן. קאַפּל סקאַפּ האָט געגלויבט, אַז אין פּוילן וועט ער קענען שאַפן די געהעריקע סומע פאַר דעם צוועק. ער האָט זיך אויך מיט אים צונויפגערעדט וועגן צושטעלן 300 עוואַקואַציע־בויגנס פאַר געוועזענע פּוילישע בירגער. אין קראָקע האָט ער געטראָפן א קיבוץ פון השומר הצעיר, נאָר כדי אויסצופירן זיין שליחות פאַר די לעטישע ציוניסטן און פאַר די קינדער פון לעמבערג, איז ער אריבערגעפאָרן אין דער צענטראַלע אין לאָדזש, דאָרט געטראָפן דעם פירער פון השומר הצעיר פון ריגע, מולקע (שמואל) יאָפּע, וואָס האָט באַוויזן אומלעגאַל אריבערצוגיין קיין פּוילן און פון דאָרט — דורך טשעכן און עסטרייך — קיין איטאַליע, אין דער שטאָט מילאַנאָ, וווּ ס'האָט זיך געפינען דער שטאַב פון דער יידישער בריגאַדע און די צענטראַלע פון דער "בריחה"* פאַר מזרח־אייראָפּע. ער האָט פאָרגעלייגט צו שיקן צוויי שליחים קיין ראַטן־פאַרבאַנד און העלפן אַרויספירן די לעטישע יידן. ביים זוכן די געהעריקע קאַנדידאַטן, האָט ער זיך אליין אָנגעגעבן פרייוויליק צוריק צו פאָרן קיין לאָדזש. דאָרט האָט מולקע יאָפּע פאָרגעלייגט קאַפּל סקאַפּ צו שאַפן צוויי צענטערן: אין ווילנע, וווּ ער וועט פאָרן, און לעמבערג זאָל קאַפּל נעמען אויף זיך. (ווי קאַפּל האָט מיר איבערגעגעבן, האָט ער נישט געוואָלט נאָך אַמאָל אריינפאַלן צום רוסישן בער, נאָר וואָס גיכער אָנקומען קיין ארץ־ישראל, וווּ זיין חברטע האָט באַוויזן עולה צו זיין

*"בריחה" (אַנטלויפן). אַזוי האָט געהייסן די קאָנספּיראַטיווע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אומלעגאַלער עליה קיין ארץ־ישראל, פון יאָר 1945 ביזן אַנטשטיין פון דער מדינה, מאַי 1948.

פאַר דעם מלחמה־אויסברוך. אָבער שפּאַצירנדיק מיט אַנטעק צוקערמאַן אויף די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ, האָט ער נישט געקענט אָפּזאָגן אַזאַ מיסיע).

מ'האָט אים געגעבן אַ פאַרבינדונג מיט עטלעכע חברים פון דער חלוצישער יוגנט אין לעמבערג און אויך אַדרעסן פון צוויי הונדערט געוועזענע אַקטיוויסטן אין פאַרשידענע שטעט פון רוסלאַנד, וואָס מ'דאַרף זיי העלפן אַריבערפּאָרן קיין פּוילן. אָבער נאָך אַ קורצער צייט פון זיין טעטיק אין לעמבערג, וווּ זיי האָבן געמאַכט פּרוּוון אויסצוקויפן די יידישע קינדער, איז ער מיט נאָך זעקס חברים, אַריינגעפאַלן. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז צווישן די מיט וועלכע ער האָט מיטגעאַרבעט, איז געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר.

נאָך צוויי חדשים זיין מיט זיי אויף דער קאָלאָניע, האָט מען זיי אַוועקגעפירט מיטן עטאַפּ און זיי זענען פאַרלוירן געוואָרן אין דעם ריזיקן "גולאַג". אַלע יאָרן האָב איך געטראַכט וועגן זייער גורל, אָבער געוווּסט, אַז נאָר אין ישראל, וועל איך קענען געפינען זייערע שפּורן. כ'האָב געגומען צו הילף רות לאַנדוי, די חברטע פון מיין פּרוי, וואָס איך דערמאָן זי מיט ליבּ און באַוווּנדערונג פאַר איר אָפּפערוויליקייט און מעשים טובים פאַר די באַוווּלהטע און ליידנדיקע. זי איז דערצויגן געוואָרן אין אַ יתומים־היים אין לאָדזש, אָנגעפירט ביז דער מלחמה פון דעם טרויעריק באַרימטן חיים רומקאָווסקי. רות איז געווען אַן אַקטיווע קאָמוניסטקע בעת דער בלוטיקער מלחמה, זיך געראַטעוועט אַ דאַנק איר אויסזען און געאַרבעט אַלס קראַנקן־שוועסטער ביי אַ פּוילישן דאָקטער אין לובלין. ווי נאָר לובלין איז געוואָרן באַפרייט, האָבן איר די פריערדיקע חברים אָנגעבאָטן הויכע פּאָסטנס, אָבער זי האָט אָפּגעזאָגט. איבערגעפאָרן קיין לאָדזש און געווען צווישן די איניציאַטאָרן אויפצושטעלן אַ קינדער־היים פאַר די צוגויפגענומענע יידישע יתומים. געווען פאַרבונדן מיט דער "בריחה" און געהאָלפן אַרויספירן, אומלעגאַל די קינדער פון פּוילן, זיי באַגלייט ביז ציפערן, ביז מ'האָט זיי געבערענגט אין מדינת ישראל. אין 1964 איז זי געווען אַ מאַמע און באָבע פון צענדליקער אייניקלעך אין לאַנד. אין כפר־סבא האָט זי אָנגעפירט מיט דער געזעלשאַפט פאַר בלינדע (אגודה למען העיוור ולמנוע העוורון). זי איז בכלל געווען אַ מאַמע צו אַלע בלינדע אין דער מדינה. איך האָב מיט איר באַזוכט עטלעכע אַנשטאַלטן, וווּ בלינדע

האָבן געאַרבעט אין אונטערנעמונגען אין נתניה, ירושלים און אַנדערע ערטער. צו ווען זי איז נאָר צוגעגאַנגען, האָבן איר די בלינדע דערקענט לויט דעם קול.

זי האָט אויך געזאַמלט אָנטועכץ און וועש פאַר די בלינדע, מיטגעהאָלפן איינצואָרדענען קולטור־קלובן. אויסער דעם, האָט זי פרייוויליק געאַרבעט אין שפּיטאָל אין כפר־סבא.

רות לאַנדוי האָט גוט געקענט אַנטעק צוקערמאַן אין נאָכמלחמדיקן פּוילן, דערצו האָט אין כפר־סבא געוווינט אַנטעק צוקערמאַנס אַ שוועסטער. אַזוי אַרום איז אָרגאַניזירט געוואָרן אונדזערס אַ טרעפונג אין תל־אביב. ער האָט פאַרגעדענקט די פאַקטן, וואָס איך האָב אים איבערגעגעבן, אָבער נישט נאָכגעפאָלגט זייער ווייטערדיקן גורל. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז דורכן אויסערן־מיניסטעריום, וועט ער דעם ענין אויפקלערן. אין געציילטע טעג אַרום, האָב איך באַקומען דעם טעלעפאָן פון קאָפּל סקאָפּ פון תל־אביב.

ס'איז פאַר אונדז געווען אַ פרייד די טרעפונג מיט די לעבן געבליבענע. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיי נישט פאַרלאָזט. אין די ראַמען פון די מעגלעכקייטן, האָבן זיי באַקומען מאַטעריעלע הילף פון ישראל. נאָך סטאַלינס טויט, זענען זיי באַפרייט געוואָרן און אין 1954 עולה געווען קיין ישראל — און איך בין באַרייכערט געוואָרן נישט נאָר מיט אַ פריינד, נאָר ממש אַ ברודער.

אַ נר תמיד זאָל זיין מיין דערמאָנען דעם איניציאַטאָר פון אומקערן זיך פון פּוילן קיין ראַטן־פאַרבאַנד און אָרגאַניזירן אומלעגאַל צוויי "בריחה"־צענטערן אין ווילנע און אין לעמבערג — מולקע (שמואל) יאַפּע און דער סאַמע יונגסטער אַנטיילנעמער אין דער לעמבערגער גרופּע, דער חבר פון השומר הצעיר אין פּוילן, דוד פּאָמעראַנץ, אומגעקומען אין אַ סאָוויעטישן לאַגער.

דער חודש פון מיין ערשטן באַזוך אין מדינת ישראל, איז געווען איין גרויסער יום טוב, רייך מיט טרעפונגען און איינדרוקן פון מענטשן, שטעט און אָרטשאַפטן; פון הר ציון און הר הרצל אין ירושלים, ביז די שמאָלע געסלעך מיט די אוראַלטע שילן און קונסט־מאָלער אין צפת; אין די טאָלן און בערג, וואָס די זון־שטראַלן שפּיגלען זיך אין זיי אָפּ; אין

נגב, מיט זיין בראשיתדיקן אויסזען פון דער לאנדשאפט, אויפן וועג קיין אילת.

איך האָב אָפּגעשלאָסן מיין וויזיט אין לאנד, מיטן באזוך אויפן אלטן, און אפשר ערשטן בית־עולם אויף דער טרומפּעלדאָר־גאס אין תל־אביב כדי אָפּגעבן כבוד די גרויסע פּאָעטן ביאליק און טשערני־כאָווסקי, ווי די ערשטע בויער פון דער שיינער, יידישער שטאָט תל־אביב. דערביי איז מיר געקומען אויפן געדאנק א פערז פון משה שולשטיינס א ליד: "ווען מ'האָט מיך אמאָל געפלאנצט מיט ערשטן זאפט געצויגן, האָסטו מיך ווי א גר געווייכט און אָפּגעקערט די אויגן"...

די אויסווירקונג פון דער זעקסטאָגיקער מלחמה

די אנטי־ציוניסטישע, אנטיסעמיטישע און אנטי־ישראלדיקע העצע פון גאנצן סאָוויעטישן בלאָק בעת און נאָך דער מלחמה פון די זעקס טעג, איך אונטערגעהאלטן פון דער פראנצויזישער קאָמוניסטישער פּארטיי און איר טאָג־צייטונג "ל'הימאניטע", האָט ארויסגערופן בארעכטיקטן צאָרן און טיפע אנטוישונג אין די קאָמוניזירטע, יידישע מאסן־אָרגאניזאציעס (די לאנדסמאנשאפטן), ווי אויך ביי א טייל פון יידיש־קאָמוניסטישן אקטיוו. ס'האָט זיך געפילט די רייפקייט און נויטווענדיקייט צו שאפן א ראם פאר די וועקגייענדיקע אין דער שטיל און צוגעבן מוט די צווייפלערס. אין א פארשטענדיקונג מיטן שרייבער בנימין שלעווין, מיט וועלכן איך בין געווען פארבינדן זייט מיין צוריק קומען אין 1960 קיין פראנקרייך, האָבן מיר גענומען די איניציאטיוו און גערופן א צוזאמענטרעף פון געוועזענע יידישע קאָמוניסטן און זייערע סימפּאטיקער. עטלעכע פערציק האָבן זיך אָפּגערופן, צווישן זיי אויך די, וואָס האָבן פריער מיטגעארבעט אין דער קאָמוניסטישער יידישער צייטונג "נייע פרעסע": מרדכי ליטווין, משה שולשטיין, בנימין שלעווין, אברהם בערן, י. מאַניטש, ב. קאץ און איינע אָנפירער פון די לאנדסמאנשאפטן: ראדאָם, דעמבלין, לובלין, אמיקאל פון יאסק, האנטווערקער־פארבאנד.

דער צוזאמענטרעף האָט זיך פּאָרמירט אונטערן נאָמען "פּראָגרעסיווע

יידישע אָרגאַניזאַציע". דער נאָמען "פּראָגרעסיווע" (דער סינאָנים פון א קאָמוניסטישער מאַכערייקע) איז מיר נישט געווען צום הארצן, אָבער איך האָב געמוזט מסכים זיין מיט דער מערהייט — פון בלויז איין שטימע.

די ערשטע פאַרזאַמלונג האָט געהאַט א ברייטן אָפּקלאַנג אין די טאָג־צייטונגען "אונדזער וואָרט" און "אונדזער שטימע", אָבער באַזונדערע עמאָציעס האָט די פאַרזאַמלונג ארויסגערופן ביי מיר זעלבסט. פונקט מיט 30 יאָר צוריק, דעם 10טן נאָוועמבער 1937, האָבן דריי אויספאָרשער אין דער קיעווער נקוו"ד מיך געשלאָגן און געפּייניקט, כ'זאָל זיך מודה זיין, אז כ'בין געווען א שפּיאָן און קאָנטער־רעוואָלוציאָנער. איז די פאַרזאַמלונג אין פּאַריז געווען פאַר מיר די ערשטע פּאָליטישע סאַטיספאַקציע, פון וועלכער איך האָב נאָך געחלומט אין ראַטן־פאַרבאַנד, צו נעמען איניציאַטיוו צו שאַפן אן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל מיטווירקן אויף אָפּצושוואַכן דעם קאָמוניסטישן איינפלוס צווישן יידן.

די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע איז שנעל געוואָרן פּאָפּולער, געהאָלפן שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן יידישן סעקטאָר. ס'איז דערשינען א זשורנאַל "פּאַריזער טריבונע", אונטער דער רעדאַקציע פון בנימין שלעווין. ס'האָט אויך מיטגעאַרבעט די דיכטערין טאַניע זיסמאַן און דער זשורנאַליסט הערשל גאָלדפינגער פון די "נייע פּרעסע". כמעט אַלע פּען־מענטשן אין פּאַריז האָבן פאַרעפנטלעכט זייערע שאַפונגען אין דעם זשורנאַל, וואָס האָט באַקומען אנערקענונג אין פראַנקרייך און אין אַנדערע לענדער.

דער זשורנאַל איז דערשינען אין 15 נומערן, וואָס אויסער דעם ליטעראַרישן מאַטעריאַל, האָט ער אויך ארויסגעבראַכט דעם פּאָליטיש־אידעאָלאָגישן אינהאַלט פון דער אָרגאַניזאַציע. במילא האָבן די פּאָליטישע אַרטיקלען כסדר ארויסגערופן שטרייטן. דער פּאָרגעלייגטער פּראָגראַם צו דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג (פון מיר אָנגעשריבן), איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך אַלע חברים, וואָס האָבן מיט זייער טעטיקייט געשטרעבט צו שטאַרקן מדינת ישראל, אָבער גאָר באַזונדער — דעם סאָציאַליסטישן סעקטאָר, די הסתדרות, קיבוצים. מיר האָבן אפילו זיך געווענדעט צו חייקה גראָסמאַן, צו יענער צייט סעקרעטאַרין פון וועלט־פאַרבאַנד פון מפּ"ם, וועגן שאַפן א וועלט־באַוועגונג "פריינד פון קיבוץ", און אויך געמאַכט באַמיאונגען צו

פאַרבינדן זיך אָרגאַניזאַציאָנעל מיט דער וועלט־באַוועגונג "פריינד פון דער הסתדרות".

נאָך פיר יאָר זיין אקטיוו, איז אידעאָלאָגיש רייף געוואָרן דער געדאַנק — און די אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, ווייל ס'איז פאָרגעקומען א טראַנספאָרמאַציע פון די פּאָליטישע און קולטור־געזעלשאַפטלעכע כוחות אין יידיש־ריידניקן פּאַריז. דער פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן, די מאַסן־באַזע פאַרן יידיש־קאָמוניסטישן איינפלוס, האָט איבערגעריסן זיינע פאַרבינדונגען מיטן "אוניאָן" און "נייע פּרעסע" און אָנגעהויבן אנטיילנעמען אין די אקציעס לטובת ישראל — פּאָליטיש און פינאַנסיעל.

אונדזער טעטיקייט האָט מיטגעהאָלפן דעם פּראָצעס פון אָנשליסן זיך אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

פריינד פון מפ"ם אין פּאַריז

אויף דער איניציאַטיוו פון שליח פון מפ"ם, רעדאַקטאָר פון "ישראל שטימע" דוד שטאָקפיש, האָט אין 1971 זיך אויספאָרמירט די לינק־ציוניסטישע גרופּע "פריינד פון מפ"ם אין פּאַריז". איך האָב זיך גערנוויליק אנגאַזשירט אין דער אַרבעט, ווייל נאָך מיט א יאָר פריער האָב איך פרייוויליק גענומען אויף זיך די אדמיניסטראַטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון דער "ישראל־שטימע".

דער צוזאַמענשטעל פון דער ניי־געשאַפענער אָרגאַניזאַציע איז געווען פון לאַנגיאָריקע געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס האָבן פריער זיך אָנגעהערט צו די קאָמוניסטן. במשך פון די 17 יאָר, האָט די אָרגאַניזאַציע געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין יידיש־רעדנדיקן ישוב אין פּאַריז. די פריינד פון מפ"ם נעמען אקטיוו אנטייל אין אלע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס אין ישוב — אין פּאָלקס־קאָמיטעט צו זאַמלען פאָנדן פאַר ישראל; קאָמיטעט פאַר יידיש; "קריף" אאנ"ד. א העלפט מיטגלידער פון ערשטן קאָמיטעט, האָבן עולה געווען קיין ישראל און געהאָלפן שאַפן יידיש־קלובן, ווי דער חבר מעלמאַן — אין ירושלים, שלמה שאַפּראַן — אין רמת גן, הערשל גאָלדפינגער

— אין חולון. אונטער דער רעדאקציע פון בנימין שלעווין, איז דערשינען א פּאָליטיש־ליטעראַרישער זשורנאַל "פּאריזער טריבונע" (זיבן נומערן).

מיר האָבן ווערבירט צענדליקער אבאָנענטן פאר דעם צוויי־וואָכן זשורנאַל "ישׂראל־ שטימע"; אָרגאַניזירט יעדעס יאָר עקסקורסיע־סעמינאַרן קיין ישׂראל; געשאפן א פאָנד צו שטיצן סאָציאַלע אינסטיטוציעס אין ישׂראל. מיר נעמען אקטיוו אנטייל אין אלע פּאָליטישע אקציעס פון "צערקל בערנאַרד לאזאר" אין פאריז און פירן א פּערמאַנענטע פּאָליטיש־קולטור־געזעלשאפטלעכע טעטיקייט אין דער יידישער שפּראַך.

דאָס בוך פון מיין יסורים־וועג אין ראטן־פארבאנד

מיין אומאויפהערלעך שווערער געראַנגל צו האָבן סטאַבילע ארבעט, האָב איך געפירט נישט אזוי צוליב דער טאָג־טעגלעכער פּרנסה, ווי צו האָבן די רעכט צו געניסן פון דער סאָציאַלער פאַרזיכערונג און אומזיסטע מעדיצינישע היילונג, אין וועלכער מיין פרוי האָט זיך געניייטיקט. אויך די געזעלשאפטלעכע אקטיוויטעט האָט ניט אָפּגעשטעלט מיין אינטענסיווע ארבעט איבערן אויטאָביאָגראַפישן בוך — נישט דערפאר ווייל איך האָב געוואָלט ווערן א מחבר פון א ספר, נאָר דער ווילן ארויסצוברענגען דעם ליידנסוועג פון די טויזנטער אומשולדיקע קרבנות פון דעם דור אידעאַליסטן. דאָס האָט מיר נישט געגעבן קיין רו בייטאָג ביי דער שניידער־מאַשין און ביינאכט — אויפן געלעגער.

דערפאר איז פאר מיר געווען א גרויסע פרייד, אז דער מאַנוסקריפּט, וועלכן איך האָב ממש אויסגעבלוטיקט גאַנצע אכט יאָר, איז געוואָרן אָנגענומען צום דרוק אין פארלאַג "ישׂראל־בוך". פאר דעם צוועק געקומען צוזאַמען מיט מיין פרוי קיין ישׂראל און אראָפּגייענדיק פון עראָפּלאַן, איז זי געפאלן... דאָס געלט וואָס איך האָב געהאט פארן פארלאַג, איז אוועק פארן שפּיטאָל אין כפר־סבא.

מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ בין איך געקומען צום דיכטער אריה שמרי, רעדאקטאָר פון פארלאַג, וואָס האָט מיך זייער געמוטיקט און דערקלערט, אז "ישׂראל־בוך" איז נישט קיין האַנדלס־פארלאַג און אז דאָס בוך וועט

דערשיינען אין צוויי חדשים ארום. "מיר וועלן ווארטן, ביז איר וועט קאָנען באצאָלן". ווייל "און מען האָט מיך רעהאביליטירט" איז נישט א בוך ווי אלע, נאָר פארדינט מ'זאָל מאכן א ברכה און זאָגן דעם מחבר "תחזקנה ידיך". ס'איז דאָס וואָרט פון אָנגעווייטיקטן אמת און אומרואיקן געוויסן, וואָס א געליטענער מענטש און גלויביקער אידעאַליסט הייבט אויף קעגן זיינע פייניקער און אָפּנארער.

די ווערטער האָבן מיר געגעבן מוט און גלויבן אינעם דערפאָלג פון בוך. אריה שמרי האָט מיך איינגעלאדן צום יום העצמאות יום־טוב (1970) ווי זיינס א פערזענלעכער גאסט, צו זיך אין קיבוץ עין־שמר.

איך האָב על רגל אחת דערלערנט דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן אין קיבוץ און זיינע פראָבלעמען, ווי די מאָדערניזאציע און אינדוסטריאליזאציע, הייבן אָן צו פארשווערן דעם פרינציפּ פון ראָטאציע פון די אָנפירנדיקע קאדערן, באזונדערס אין די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון קיבוץ. וואָס שייך דעם פרינציפּ פון אייגענער ארבעט, קומט אויך דאָ אויס צו זינדיקן פון צייט צו צייט.

צום ענדע טאָג, פארנייגן מיר זיך ביים דענקמאָל לזכר די געפאלענע חברים פון עין־שמר. אריה שמרי מורמלט שטיל א פערז:

"אונדזער דאָרף איז נאָך יונג
און ס'מערן זיך קברים"...

"אויב מיין נאָמען געפינט זיך נישט צווישן די געפאלענע חברים דב און דוד" — דערציילט מיר שמרי — "איז דאָס א צופאל. מיט מינוטן פריער, בין איך מיט זיי געשטאנען און געשמועסט. בעת אן איבערפאל אויפן קיבוץ פון אראבער, בין איך געלאָפן א היים אויסגראָבן דאָס געווער, וואָס איז געווען באהאלטן".

אין אָוונט איז דער פלאץ פארן עסזאַל געווען העל באלויכטן מיט נעאָן־לאָמפּן. דער גאנצער קיבוץ, צוזאמען מיט די קינדער, יוגנטלעכע און געסט, האָבן געפראוועט די יוטובדיקע סעודה. א גרויסן איינדרוק האָט אויף מיר געמאכט דער משפּחהדיקער צונויפטרעף פון דריי־פיר דורות צוזאמען.

"דער קיבוץ היט נאָך אמבעסטן אָפּ די גאנצקייט פון די משפּחות", האָט מיר דערקלערט שמרי. (אין דעם פארשיקונג־שטעטל אין גרוזיע, האָב איך

מקנא געווען די גרוזינער פאר דער גאנצקייט פון זייערע משפחות און די אומגליקלעכקייט פון יידישן פאָלק, וואָס כמעט יעדער משפחה־גליד איז צעזייט און צעשפרייט אויף דער וועלט).

לויט מיין דערפארונג פון די 25 יאָר לעבן אין ראטן־פארבאנד, איז די קאָלעקטיווע ווירטשאפט הינטערשטעליק פון דער פריוואטער, אָבער די קיבוץ־ווירטשאפט האָט דווקא באוויזן דאָס פארקערטע. עקאָנאָמיש פראָספערירן די קיבוצים א סך מער ווי 12 פריוואטע אונטערנעמונגען פון זעלביקן פארנעם.

ביים געזעגענען, האָט אריה שמרי מיר געגעבן א מתנה זיין בוך "א שטערן אין פעלד" און אונטערגעשריבן: "צו געדענקען אָט די פעלדער און אָט דעם שטערן". נישט נאָר איך געדענק, נאָר זיי זענען טיף איינגעקריצט אין דער נשמה.

איך בין אויפגענומען געוואָרן אין פארלאג פון "ישראל־בוך" און רעדאקציע פון דער "ישראל־שטימע". אלע זענען געווען באהאוונט מיטן אינהאַלט פון מיין בוך, וואָס דארף אין קורצן דערשיינען, ווי אויך מיט די פינאנסיעלע שוועריקייטן. נאָר מיטן אָפּמאך־דאָקומענט פון פארלאג, האָב איך זיך גענומען די דרייסטקייט צו מאכן א פאָרפארקויף פון בוך ביי מיינע זאמאָשטשער לאנדסלייט אין תל־אביב און חיפה, ווי אויך ביי דער גרופע פון דער "בריחה", מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפן אויף פארשיקונג א פאָר חדשים פאר מיין ווערן באפרייט פון לאגער. מיט דער מיטהילף פון מיינע פריינד, לאנדסלייט און חברים, האָב איך במשך פון 15 טעג פאָרפארקויפט איבער 250 עקזעמפלארן פון דעם בוך, נאָך פארן דערשיינען.

נאָך אזא דערפאָלג, האָב איך פארגרעסערט די אויפלאגע. אין פארלאג האָט מען זיך געחידושט, ווי אזוי איך האָב אין געציילטע טעג באוויזן צו פארשפרייטן אין ישראל אזא צאָל קאָפּיעס. דאָס בוך איז דערשינען אונטערן נאָמען "און מען האָט מיך רעהאביליטירט", איבעלעבונגען פון א יידישן קאָמוניסט אין די סטאלינישע תפיסות און לאגערן. אין פאריז איז דאָס בוך ממש געווען א "בעסטסעלער". אין געציילטע חדשים, זענען פארקויפט געוואָרן 800 קאָפּיעס.

דער צוזאמענטרעף מיט יונגע, יידישע אינטעלעקטואלן

דאָס דערשיינען פון מיין עדות־בוך און די גינסטיקע אָפּרופן פון הונדערטער לייענער, ווי אויך די פּאָזיטיווע אָפּשאַצונגען אין דער פּרעסע, האָט מיר געגעבן מאָראַלישע סאַטיספאַקציע, אַז מיטן ארויסגעבן דעם ספר, האָב איך אויסגעפירט א געזעלשאפטלעכע מיסיע. אין 1972, איז דאָס בוך געוואָרן איבערגעזעצט אין פראנצויזיש דורך מיין פריינדין האלינא עדעלשטיין. אין 1974, איז די איבערזעצונג אויפּסניי באארבעט געוואָרן פון מיין חבר אנרי בולאווקאָ, אָבער נישט געפינען קיין פארלעגער. אין זעלבען יאָר איז דאָס בוך דערשינען אויף עברית אין ישראל, א דאנק דער מיטהילף פון דער לובלינער לאנדסמאנשאפט. אינטערעסאנט, אז 300 פאריזער יידן האָבן אויסגעקויפט דאָס בוך אין דער העברעישער איבערזעצונג און געשיקט מתנות זייערע משפחות אין ישראל.

מיטן פראנצויזישן מאנוסקריפּט, האָט זיך אָנגעהויבן פאראינטערעסירן א גרופּע יונגע יידישע אינטעלעקטואלן, געוועזענע אקטיווע אנטיילנעמער אין די לינקיסטישע סטודענטן־קרייזן און אין די אומרוען פון מאי 1968.

מיין שוועסטערן־זון, פּראָפעסאָר פּרעדיק דאָזשעס, האָט א צוויי צענדליק קאָפּיעס פון דעם מאנוסקריפט אין פראנצויזיש, פונאנדערגעטיילט זיינע קאָלעגן און חברים. א דאנק דעם בין איך איינגעלאדן געוואָרן אויף א דיסקוסיע־פארזאמלונג אין א פּריוואטער וווינונג, ווו עטלעכע צענדליק יונגע מענטשן פוןביידע געשלעכטער, אַ טייל פּאַרוואַקסענע און באבערדלטע, וואָס זיצן אויפן דיל, די פיס אונטער זיך און צווישן זיי — אויך איינער פון די סטודענטן־גדולים אין מאי 1968 — זשיסמאר, וואָס איז נאָך די גרויסע אומרוען, בראש מיט כהן־בענעדיק, (יידיש־דייטשער סטודענטן־פירער, וואָס איז געוואָרן ארויסגעשיקט קיין מערב־דייטשלאנד), איז ער געוואָרן ארעסטירט און נאָך דער באפרייאונג געשאפן די "רויטע הילף", און געפינען עפּעס בשותפותדיק מיט דעם משה פון דער "רויטער הילף" אין די דרייסיקער יאָרן אין פאריז. זשיסמאר איז אָבער געווען א פּרינציפּיעלער קעגנער ארויסצוגעבן דאָס בוך אין פראנצויזיש. זיין דורתדיקע אסימילירטקייט און נאָך נישט אויסגעהיילטער לינקיזם, האָט

נישט געקאָנט אויפנעמען די נאַציאָנאַלע מאָמענטן אין ספר. ער האָט פון מאַנוסקריפּט ציטירט עטלעכע זאַצן, אַז נישט בלויז צוליב עקאָנאָמישע פּראָבלעמען (דאָס הייסט — קלאַסן־קאַמף), בין איך געוואָרן אַ קאָמוניסט, טראָץ דעם וואָס איך האָב געשטאַמט פון אָרעמסטן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, נאָר אַז דער עיקר האָב איך געהאָפט, אַז אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, וועלן אַלע פעלקער זיך קענען אויסלעבן פריי און נאַציאָנאַל, אָן מלחמות, אָן ראַסן־האַס און אַנטיסעמיטיזם. אין מיין ענטפער האָב איך דערקלערט, אַז נישט נאָר אויף מיר, נאָר אויף צענדליקער טויזנטער יידישע יוגנטלעכע אין די לענדער, וו ס'האָבן געלעבט מיליאָנען יידן און זיי האָבן געליטן נאַציאָנאַל און סאָציאַל, האָט די קאָמוניסטישע אידייע געגעבן האָפענונג און גלויבן, אַז דער סאָוויעטישער רעזשים אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט פּאָזיטיוו געלייזט די נאַציאָנאַלע פראַגע פון די העכער דריי מיליאָן רוסישע יידן. נאָר ליידער, האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש און ליגנעריש. די דערפאַרונג פון מיינע 25 יאָר לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט מיך איבערצייגט, אַז אויף דער עקלדיקער דערשיינונג פון אַנטיסעמיטיזם, ווירקן נישט נאָר עקאָנאָמישע סיבות, נאָר אויך — פּסיכאָלאָגישע.

צום מזל פון דעם פראַנצויזישן מאַנוסקריפּט, איז זשיסמאַר געבליבן איזאָלירט און די מערהייט האָט געשטיצט די מיינונג פון פיליפּ גומפּלאָוויטש, וואָס האָט געפירט דעם פּאָרזיץ פון דער פאַרזאַמלונג. דער רוב האָט געהאַלטן, אַז דער אינהאַלט איז אַן אויטענטישער, ערלעכער און שפּיגלט אָפּ דעם לעבנסוועג און קאַמף פון דעם דור פון זייערע אימיגראַנטישע עלטערן. די מערהייט האָט מסכים געווען אַרויסצוגעבן דאָס בוך אין זייער קאָאָפּעראַטיוון פאַרלאַג "רעשערש", קאָלעקציאָן אַנקר.

נאָך האַלבער נאַכט, ווען איך בין פאַרבליבן מיט פיליפן און יאָוואַלן, פרעג איך זיי צי אַלע אַנוועזנדיקע אויף דער פאַרזאַמלונג, זענען יידן. איך באַקום אַן ענטפער:

— ניין! נאָר זיי זענען "פאַריידישט געוואָרן", זיי האָבן געלייענט דעם מאַנוסקריפּט און זענען מסכים, אַז דאָס בוך דאַרף דערשיינען.

דער עקיפּ וואָס האָט צוגעגרייט דעם מאַנוסקריפּט צום דרוק (פיליפּ גימפּלאָוויטש, פרעדעריק דאָזשעס, יאָוואַל מינצמאַכער, יאָסי מאָרגענשטערן און לאָף ראָזענצווייג), האָבן אין זייער קורצן אַריינפיר צו

דער אויפלאגע, דערשינען אין 1977 אין 7 טויזנט קאָפּיעס, אָנגעשריבן צוו. אנד.:

"די דערציילונג פון זאלצמאנען גייט איבער די ראמען, וואָס מ'האָט ניט געקענט ווען ס'איז זיך פאָרשטעלן. און ווי פּאראדאָקסאל ס'זאָל אפשר נישט זיין פאר דער איצטיקער צייט, איז דאָס אונדזער דערפינדונג פונעם וועג צו אונדזער יידישקייט".

די פראנצויזישע איבערזעצונג פון מיין בוך האָט געהאט א קאָלאָסאלן דערפאָלג. איבער צוויי צענדליק אָפּשאצונגען זענען דערשינען אין דער פראנצויזישער טאָג־פרעסע און אין פעריאָדישע אויסגאבעס.

אין 1972 האָט א צווייטער פארלאג ארויסגעגעבן דאָס בוך אין הארטן באנד, אין 14 טויזנט עקזעמפלארן. דאָס זעלבע יאָר האָט אויך א דייטשישער פארלאג אָפּגעקויפט די רעכט איבערצוזעצן דאָס בוך און ס'איז דערשינען אין 7 טויזנט קאָפּיעס, מיט א פאָרוואָרט פון דייטשישן שרייבער ירונג פעטסשער און פון מחבר. אויך די דייטשע איבערזעצונג האָט געהאט א גוטע פרעסע, אפילו אין דער שווייץ.

אז אן עדות־בוך פון א יידישן שניידער זאָל דערגיין צו טויזנטער לייענער און הונדערטער טויזנטער זאָלן וועגן דעם בוך לייענען אָפּשאצונגען אין דער פרעסע, ווי אויך הערן רעדן וועגן אים אין ראדיאָ און טעלעוויזיע, טראָץ דעם וואָס די טעמע איז שוין אין 1977 נישט געווען קיין שום אנטדעקונג, ווייל אויפן ביכער־מארק זענען שוין געווען באַרימטע ווערק פון אלעקסאנדער סאָלזשעניצין, יעווגעני גינזבורג אאנ"ד — האָב איך דאָס צו פארדאנקען די גרופּע יונגע, יידישע אינטעלעקטואלן פון געוועזענעם "נייעם לינקס" אין פראנקרייך. זיי זענען נאָך געווען אזוי יונג און שוין געטראָגן די באצייכענונג פון "געוועזענע", ווייל פאקטיש האָט די באוועגונג נישט געהאט אונטער זיך קיין פעסטן באָדן. ס'איז געווען א מין פייערווערק, וואָס האָט שטורמיש אויפגעבליצט און פונקט ווי שוואַמען נאָך א רעגן, האָבן זיך אויסגעבילדעט פארשידענע גרופּן: אנארכיסטן, טראָצקיסטן, מאַאָיסטן. און ווי שטענדיק אין אן אויפברויז־פעריאָד, איז דער פּראָפּאָרציאָנעל יידישער אנטייל, געווען אן אָנזעעוודיקער. אָבער ווייטיקלעך איז געווען צו הערן, אז אין דער פּראָפּאגאנדע קעגן קאָלאָניאליזם און אימפעריאליזם, זענען אויך פארשפּרייט געוואָרן בלבולים קעגן ישראל און קעגן דעם ציוניזם.

משה זאַלצמאַן

זייער וועג צו יידישקייט

איז פאַר מיר געווען א סאַטיספאַקציע, אַז זיי האָבן זיך אָפּגעקילט פון דער פאַרסמטער פראָפּאַגאַנדע און אַנטדעקט אין מיין בוך זייער וועג צו יידישקייט. מיט עטלעכע פון זיי איז כדאי זיך צו באַקענען:

פיליפּ גימפּלאָוויטש, א שלאַנקער, שוואַרץ־חנעוודיקער יונגער מענטש, א באָבערדלטער, מיט א צעכראַסטעטן, אָפענעם האַלדז, אַרומגענומען מיט א 2־מעטערדיקן שאַל. אַן אימפּעטיקער, אומרואיקער גייסט, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור אין א ליצײ. נאָר אין אַזאַ אומרואיקער צייט האָט ער נישט געקענט בלייבן אין קלאַס און מיט זיין באַליבטער גיטאַרע געווען אין סאַמע צענטער פון די געשעענישן אין די קאַמפּאַסן פון די פּאַריזער אוניווערסיטעטן. און אַזוי איז ער שוין פאַרבליבן א דזשעז־מוזיקער. ער האָט אָנגעשריבן א דאָקטאָראַט־אַרבעט (פון עטלעכע הונדערט זייטן) וועגן מוזיק, געהאַט באַקאַנטשאַפט אין די זשורנאַליסטישע קרייזן און מיט אַנדערע פּערזענלעכקייטן. א דאַנק אים, איז מיין בוך אָנגעקומען צו ניקאָל זאַנד, די ליטעראַרישע רעדאַקטאָרין פון דער פּרעסטיזשפולער, גרויסער נאָכמיטאָג־צייטונג "לע מאָנד" און צו איר מאַן, דער פּאָליטישער רעדאַקטאָר אַמאַלאַריק, וואָס איז צוויי יאָר געווען קאָרעספּאָנדענט פון "לע מאָנד" אין מאָסקווע. מיטביידע האָב איך געהאַט א טרעפונג אין דער וווינונג פון דעם מאָלער, שרייבער און ליטעראַטור־קריטיקער באָרווין פרענקעל — און אין רעזולטאַט פון דעם בשותפותדיקן שמועס, האָט זי פאַרעפנטלעכט איר אַרטיקל אין "לע מאָנד", וואָס האָט דערמעגלעכט אַן אַריינטריט־קאַרטע אין דער פראַנצויזישער פּרעסע.

יואל מינצמאַכער האָט זיין פראַנצויזישע מיליטער־דינסט פאַרביטן אויף צו דינען אין דער ישראלדיקער אַרמיי. א פאַרליבטער און פייקער דזשעז־מוזיקער, האָט ער באַזוכט אַן א צאָל ישובים און קיבוצים מיט זיין דזשעז־פּויק. ער האָט צוזאַמען מיט פיליפּן אַדורכגעמאַכט דאָס באָהעמער־לעבן, ווי אויך זיינע פּאָליטישע אַנגאַזשירונגען און אַנטוישונגען.

פרעדעריק דאָזשעס איז צווישן דער גרופּע געווען דער ייִנגסטער. אין די שטורעמדיקע סטודענטן־אומרוען פון מאַי 1968, האָט ער געדאַרפט

אָפּגעבן דעם מאטורע־עקזאמען, אָבער דאָס האָט אים ניט געשטערט צו זיין אין צענטער פון אלע דעמאָנסטראציעס. א דאנק דעם מאנוסקריפּט פון דער פראנצויזיש־איבערזעצונג פון מיין בוך, האָט ער זיך באקאנט מיט א שטיק פארגאנגענהייט פון זיינע עלטערן, וואָס ביזן 20סטן צוזאמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי אין ראטן־פארבאנד, האָבן זיי זיך אָנגעהערט צו דער פראנצויזישער קאָמוניסטישער פארטיי. דער פאָטער האָט אנטייל גענומען אין דער קאָמוניסטישער יוגנט־באוועגונג אין פוילן און געזעסן אין קארטוז־בערעזע. דאָזשעס איז געווען דער ערשטער טרייב־כוח, אז דאָס בוך זאָל דערשיינען און אויך אקטיוו געהאָלפן דאָס בוך צו פּאָפּולאריזירן. איך בין אפילו איינגעלאדן געוואָרן אויף א דיסקוסיע־פארזאמלונג אין אוניווערסיטעט, וווּ ער האָט געארבעט אלס פּראָפעסאָר. לעצטנס האָט ער אָנגעשריבן א דאָקטאָראט־ארבעט וועגן קינדער־דערציאונג.

לוק ראָזענצווייג איז געבוירן געוואָרן ביי עלטערן, וואָס דער פאָטער — א ייד, א פליט פון דייטשלאנד, די מאמע — א פראנצויזין. געוואָקסן אין א גרויסער פראָווינץ שטאָט, באקומען א וועלטלעך־פרייע דערציאונג, באפארבט מיט די שיינע האָפענונגען פון קאָמוניזם, אין וועלכן די עלטערן האָבן געגלויבט.

אין 1960, בעת דער מלחמה אין אלזשיריע, אנגאזשירט ער זיך פּאָליטיש פאר די רעכט אויף זעלבשטענדיקייט פון אלזשיריאנער פאָלק. געווען פארפאָלגט פון די רעכטע א.א.ס., געוואָרן א רעוואָלוציאָנער. בעת די געשעענישן פון מאי 1968 אין פאריז, איז ער געשווומען ווי א פיש אין וואסער.

לוק האָט מיטגעארבעט מיטן פארלאג און דעם זשורנאל "רעשערש" און אקטיוו זיך באטייליקט ביים רעדאַגירן מיין בוך און אָרגאניזירט דעם פארקויף אין די ביכער־געשעפטן (מיט מיין דעדיקאַציע); אויך איינגעאָרדנט טרעפונגען מיט עלטערע שילער אין די ליציייען, צוזאמען מיט די לערער פאר ליטעראטור. זיין ארבעט ארום דעם בוך, האָט אים דערנענטערט צו די יידישע אינטעלעקטואלן. אין 1979 האָט ער ארויסגעגעבן א בוך־קאטאלאָג — א זאמלונג פון וויסנשאפטלעכע ארטיקלען־פּראָבלעמען. איך בין געווען נשתומם, אז ער האָט אריינגערעכנט מיין ווייניקייט צו דעם צעטל שרייבער: וואָדי אַללען, אלבערט כהן, פראנץ קאפקא, אָסיפּ מאנדעלשטאם, מארקס

גראָשא, שיקא הארפּא, אונטערשטרייכנדיק, אז זיי האָבן אונדז געמאכט פאר יידן, אזעלכע ווי מיר זענען. לעצטנס ארבעט ער אלס זשורנאליסט אין דער פאריזער טאָג־צייטונג ״לע מאָנד״.

בערטראנג וואָלף איז אן אָפּשטאמיקער פון עלזאסער יידישע עלטערן, וועלכע איך האָב באקענט אין דער שטאָט גרענאָבל, ביים אויפנעמען מיך לכבוד דעם דערשיינען פון מיין בוך אין דער פראנצויזישער איבערזעצונג. זיין משפחה זענען געלערנטע און אינטעלעקטואלן. די מוטער — א כעמיקערין, דער פאָטער — מוזיק־פּראָפעסאָר און אָרגל־שפּילער. אין פעריאָד פון די גרויסע סטודענטן־אויפברויזן, האָט בערטראנד וואָלף געהערט צו די עקסטרעמע גרופּן, וואָס האָבן דווקא געוואָלט אדורכפירן א פּראָלעטארישע רעוואָלוציע. ווען די ספּאָנטאָנע, שטורמישע יוגנט־כוואליע האָט זיך איינגעשטילט, האָט בערטראנד נישט געוואָלט אויפגעבן דעם קאמף. ער פאָרט אריבער אין רען (ברעטאניע), אין דער געבורט־שטאָט פון זיין פרוי קאטרין, א פּראָפעסאָרין פון ליטעראטור און גייט ארבעטן אין דער פאבריק פון אויטאָמאָבילן אלס געוויינלעכער ארבעטער, כדי צו זיין נאָענט מיטן אמתן פּראָלעטאריאט. נאָך א יאָר ארבעטן האָט ער פארשטאנען, אז לערנען יוגנטלעכע מאטעמאטיק און פיזיק, איז נישט ווינציקער יחוס און ברענגט מער נוצן פאר דער געזעלשאפט, ווי זיין באשעפטיקט אין א פאבריק.

מיין בוך האט אים דערנענטערט צו די פּראָבלעמען און ליידן פון די יידן אין ראטן־פארבאנד. ער האָט מיך איינגעלאדן אויף א דיסקוסיע־פארזאמלונג אין דער שטאָט רען, צוגעגרייט פון דעם לערער־סינדיקאט, ווי אויך אָרגאניזירט דעם בוך־פארקויף אין שטאָט און אָנגעשריבן אן ארטיקל אין דער אָרטיקער צייטונג. ער איז געוואָרן אן אקטיווער קעמפער פאר די רעכט פון די סאָוויעטישע יידן.

איך וויל שליסן דאָס קאפּיטל מיט דער סאמע טראגישער פערזענלעכקייט פון דער יידישער יוגנט, אין דעם געוועזענעם ״נייעם לינקס״ אין פראנקרייך.

פּיער גאָלדמאן — געבוירן אין די שרעקלעכע יאָרן פון דער היטלעריסטישער אָקופּאציע אין פראנקרייך, ווען יעדער יידישער מאמע און קינד האָט געדראָט די געפאר פון אומקום.

פון זיין ערשטן געבוירנטאָג, האָט מען אים אויסבאהאלטן און ער איז

געוועזן אָן מוטערלעכער השגחה. דער פֿאָטער און די מוטער, קאָמוניסטן, האָבן אַנטייל גענומען אין אַקטיוון ווידערשטאַנד קעגן די נאַצישע קאַניבאַלן מיט זייערע ווישי־מיטהעלפֿער. נאָך דער באַפֿרייאונג, איז די מוטער געפֿאָרן אין קאָמוניסטישן פּוילן, בעת דאָס קינד איז געבליבן מיטן פֿאָטער.

פֿון זײַנע פֿריִע יוגנט־יאָרן, איז פּיער געוועזן אַקטיוו אין דער קאָמוניסטישער יוגנט, אָבער נאָך אַ באַזוך אין פּוילן, אַנטוישט ער זיך אין דעם סיסטעם און אַנערקענט אויך, אַז פּוילן איז אַדורכגעפּרעסן מיטן אַנטיסעמיטישן גיפֿט. נאָר זײַן דראַנג צו רעוואָלוציאָנערע מעשׂים פֿירט אים קיין לאַטײַן־אַמעריקע. אַ צײַט איז ער אין קובאַ. בײַ די סטודענטן־געשעענישן פֿון מאַי 1968, איז ער אין פּאַריז און פֿירט אָן מיט די פּאַרטיידיקונג־גרופּן אין דער סאָרבאָנע. אַז דער שטורעם פֿון די סטודענטן און די שטרייקן אויף די פֿאַבריקן און אינסטיטוציעס האָבן זיך אײַנגעשטילט, איז פּיער גאָלדמאַן אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ שלעכטער סבֿיבֿה, געוואָרן אַרעסטירט און באַשולדיקט אין אַנטייל נעמען אין אַ רויב־אָנפֿאַל, ווי אויך אין אַ מאָרד. דער ייִדיש־פֿראַנצויזישער שרײַבער און יוריסט וולאַדימיר ראַבאַי, וואָס האָט אָרגאַניזירט זײַן פּאַרטיידיקונג, האָט דערקלערט, אַז די באַשולדיקונג אין אַ מאָרד איז אַ צווייטע דרייפֿוס־אַפֿערע. גאָלדמאַן איז פֿאַרמשפּט געוואָרן אויף שווערע יאָרן תּפֿיסה. פֿאַר די זעקס און אַ האַלב יאָר וואָס ער איז געזעסן, האָט ער גײַסטיק אַ סך געאַרבעט איבער זיך, פֿאַרענדיקט זײַן הויך־בילדונג און אָנגעשריבן אַ בוך "אַ ייִד פֿון פּוילן, געבוירן אין פֿראַנקרײַך". דאָס בוך האָט געהאַט אַ גינסטיקן אָפּרוף און אָנגעזעענע שרײַבער, ווי זשאַן פּאָל סאַרטער, סימאָן דע באָוואָר, קלאָד מאָריאַק אאַנ"ד האָבן אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע פֿאַר ר'עווידירן דעם משפּט. אויך דער רבֿ איבער די ייִדישע אַרעסטירטע, האָט אַקטיוו געשטיצט די קאָמפּאַניע, וואָס האָט געהאַט דערפֿאָלג און דאָס קאַסאַציע־געריכט האָט אים באַפֿרייט.

ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער טאָג־צײַטונג "ליבעראַסיאָן", געוואָרן רעדאַקציע־מיטגליד פֿון זשורנאַל "לע טאַמפּ מאָדערן", געשריבן אַ סך אַרטיקלען וועגן דער רעכטער געפֿאַר, מיטגעאַרבעט מיט דעם פֿילם־סצענאַריאָ וועגן דעם ייִדישן אַנטייל אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פֿראַנקרײַך.

נאָכן דערשיינען פון מיין בוך אין דער פראַנצויזישער איבערזעצונג, איז ער צוזאַמען מיטן הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער צייטונג "ליבעראַסיאָן" געקומען צו מיר אין שטוב. ביידע האָבן מיך אינטערוויואירט און דעם 18טן פעברואר 1978, זענען דערשינען צוויי אַרטיקלען אויף גאַנצע צוויי זייטן. א צווייט אַרטיקל האָט ער אָנגעשריבן (אינספּירירט פון א פראַגמענט פון מיין בוך) וועגן דער ליקווידירונג דורכן קאָמינטערן פון דער פוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין 1938, און דאָס פיזישע אומברענגען אַלע פּאַרטיי־קאַדרען, וואָס האָבן זיך געפינען אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע.

דעם 20סטן סעפּטעמבער 1979, צוויי יאָר ווי ער האָט געלעבט אויף דער פריי, איז ער אין מיטן העלן טאָג דערשאָסן געוואָרן אויף דער גאַס, נעבן זיין וווינונג. דעם זעלבן טאָג, האָט זיין פרוי געבוירן א זון.

מיט פּראָטעסטן קעגן דעם מאָרד, זענען ארויסגעטראָטן צענדליקער אינטעלעקטואַלן, שרייבער, די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און איר יוגנט, לינקע ראַדיקאַלן, די סינדיקאַלע צענטראַלע פון ס.פ.ד.ט., דער יוריסטן־סינדיקאַט, די "ליקראַ", "מראַפּ", צערקל בערנאַרד לאַזאַר, די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע יוגנט משמר האַז"ו. טויזנטער יונגע מענטשן האָבן אים באַגלייט אין זיין אייביקער רו, אויף דעם היסטאָרישן בית־עולם פּערלאַשעז.

ווער האָט אים דערמאָרדעט? דעם ענטפער האָב איך באַקומען דעם צווייטן טאָג, אַראָפּגייענדיק אין מעטראָ, ווו א פאַרברעכערישע האַנט האָט אויפגעשריבן: "פּיער גאָלדמאַן איז טויט — מיט איין ייד ווינציקער"! דאָס געריכט האָט טאַקע באַגנעדיקט גאָלדמאַנען און אים פריי געלאָזן, אָבער די אַנטיסעמיטן וואָס האָבן געפּלאַנט דעם מאָרד, האָבן אים זיכער געוואָלט באַשטראָפן פאַר אָפּשפּיגלען אין זיין פּערזענלעכקייט די דרייסטע, קעמפנדיקע יוגנט, דערצו נאָך — א פרעמדער (לויטן נאָמען פון זיין בוך: "א ייד פון פוילן, געבוירן אין פראַנקרייך").

ער האָט געהאַסט א סענטימענט פאַר די אַמאָליקע סטאַליניסטן, ווייל זיי האָבן געגלויבט, אַז ס'וועט קומען א צייט, אַז אַלע מענטשן וועלן זיין ברידער. ער דערמאָנט זיך א סצענע, ווען זיין פאָטער האָט אויסגערופן: "זאָל לעבן דער קאָמוניזם, זאָל לעבן דער אינטערנאַציאָנאַל, זאָל לעבן דאָס יידישע פאָלק"!

היינט וווּנדערט ער זיך נישט, פאַר וואָס זענען פאַראַן אַ סך ייִדן ביי די לינקיסטן. ער האָט דערקלערט, אַז ער וועט זיך קיינמאָל נישט אַסימילירן, ווייל ער אַנערקענט נישט די העכערקייט פון איין גייסטיקער ווערט איבער אַ צווייטער. ער דריקט אויס זיין קעגנערשאַפט קעגן יעדן מין נאַציאָנאַליזם, אויך קעגן ישראלדיקן נאַציאָנאַליזם און קעגן רעוואָלוציאָנערע נאַציאָנאַליזמען. אמת, ער שטיצט געוויסע רעוואָלוציאָנערע, נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונגען, אָבער ער פּאַראַכטעט זיי. אין אַ געוויסער מאָס, איז ער אַסימילירט, געהערט צו דער פראַנצויזישער קולטור, אָבער אַנערקענט זיך אַלס ייִד. ער וויל אויך נישט פּראָקלאַמירן, אַז ער איז אַ פראַנצויז ווי אַלע פראַנצויזן, ווייל ס'איז נישט אמת, כאָטש ער איז פון פראַנצויזישער נאַציאָנאַליטעט און אַ פראַנצויזישער בירגער. ער האָט אַמאָל שאַרף פאַראורטיילט די ייִדישע פּאַסיוויקייט קעגן די שונאים, אָבער לעצטנס האָט ער וועגן דעם געענדערט זיין מיינונג און האַלט, אַז דאָס איז גאָר אַן אויסדרוק פון מאָראַלישער גרויסקייט. אים האָט שטאַרק פאַרדראָסן, ווען אויף אַ קאָנפערענץ אין קובאַ, האָט אַ נעגער אויסגערופן: "מיר זענען נישט קיין ייִדן און וועלן זיך נישט לאָזן פירן צו דער שחיטה ווי שעפּסן".

ער דערמאָנט דערביי די העלדישקייט פון די ייִדישע פּאַרטיזאַנער און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, דאָך האַלט ער, אַז אוישוויץ איז אַ באַווייז פונעם באַנקראָט פון דער ייִדישער רעליגיע. ער האָט אויך ציטירט די באַקאַנטע ציוניסטישע טעאָריע, אַז אַ פאָלק קאָן זיך נאָר באמת פאַרטיידיקן, ווען עס געפינט זיך אין אייגענעם לאַנד, און נישט ווי אַ מינדערהייט צווישן אַנדערע פעלקער.

צום סוף האָט ער פּאַראַפראַזירט אַ טעאָריע פון פרוידן, אַז קיין שום מענטש וויל נישט זיין טויט. נאָר ער, פּיער גאָלדמאַן האָט געהאַלטן, אַז קיין שום ייִד וויל נישט גלויבן אין טויט.

די ענגליש־איבערזעצונג

איך האָב געטראַכט, אַז נאָך דעם ווי דאָס בוך אין ייִדיש האָט געהאַט אַזאַ גוטע קריטיק און אָפּרוף פון הונדערטער לייענער, דאַרף מען עס

איבערזעצן אויף ענגליש, ווייל כמעט די מערהייט פון יידישן פאָלק באנוצט אויך די ענגלישע שפראך. רייפער איז געוואָרן דער געדאנק, נאָכן באקומען א בריוו מיט א פּאָזיטיוון אָפּרוף וועגן דעם בוך, פון דעם לאָנדאָנער יידיש־ענגלישן שרייבער יוסף לעפטוויטש, וואָס האָט איבערגעזעצט א סך יידישע ביכער. ער האָט זיך ארויסגעזאָגט, אז ס'איז ווינטשנסווערט איבערצוזעצן דאָס בוך אויף אן אייראָפּעישער שפראך.

נישט האָבנדיק קיין דרייסטקייט אים צו מאכן דעם אָנבאָט און נעמענדיק אין אכט זיין פאָרגעשריטענעם עלטער, האָב איך דאָס געטאָן דורך מיין פריינד י. ח. קלינגער, דעם לאָנדאָנער שרייבער, רעדאקטאָר פון זשורנאל "יידישקייט", וואָס איז דעמאָלט (אין 1972) דערשינען. לעפטוויטש האָט מסכים געווען. אפילו נישט גענומען קיין האָנאָראר פאר דער איבערזעצונג, נאָר בלויז פארן איבערשרייבן אויף דער שרייב־מאשין. אין 1973 איז די איבערזעצונג געווען גרייט, מיט זיינעם אן ארייגפיר. האָבן זיך אָנגעהויבן באמיאונגען צו געפינען א פארלעגער. דער קאָמיטעט פאר הילף די סאָוויעטישע יידן אין ניו־יאָרק, איז מסכים געווען ארויסצוגעבן דאָס בוך. אָבער ווי נאָר איך האָב איבערגעשיקט אהין דעם מאנוסקריפּט, איז ער דאָרט פארפאלן געוואָרן.

איך האָב נאָך געשיקט דעם מאנוסקריפּט אין א ריי פארלאגן, שוין נאָר דעם ווי דאָס בוך איז דערשינען אין פראנצויזיש און דייטש, אָבער ליידער, האָט דער ענגלישער מאנוסקריפּט נישט געהאט קיין דערפאָלג. אָבער איך האָב די האָפענונג נישט אויפגעגעבן.

דער צווייטער באזוך אין ניו־יאָרק

כדי צו ענדערן מיין געמיט־צושטאנד, בין איך געפאָרן אויף א באזוך צו מיין שוועסטער און ברידער, פריינד, חברים און אויך זיך באקענען מיט די קולטור־געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס. אָבער אין א וואָסער בין־השמשות, פונקט ווי ערב נעילה, האָב איך זיי געטראָפן...

דער ערשטער באזוך איז געווען ביי מיין לאנדסמאן, רעדאקטאָר פון "יידישן קעמפער". די רעדאקציע געפינט זיך שוין נישט אינעם הויז

פון דער ציוניסטישער ארבעטער־באַוועגונג, נאָר מ'איז א סוב־לאָקאַטאָר אין הויז פונעם יוניאָן פון די מענער־שניידער. דער רעדאקטאָר מרדכי שטריגלער ארבעט אין א צימערל, אָן א פענצטער, ארומגעלייגט מיט ביכער און זשורנאלן, מ'זעט אים קוים ארויס. געקומען צו אים בין איך נישט סתם ווי א גאסט, נאָר מיט א שליחות פון דעם שרייבער און מחבר פון דריי ספרים וועגן תלמוד, הרב דוד מלכי, אז שטריגלער זאָל מיטהעלפן ארויסצוגעבן א ספר אין דער ענגלישער איבערזעצונג. האָט מיר שטריגלער אויפגעקלערט די פאָרגעקומענע ענדערונגען אין די לעצטע 18 יאָר, זייט מלכי האָט געהאט באזוכט ניו־יאָרק. אין יענעם פעריאָד, האָט נאָך דער קולטור־קאָנגרעס געהאט השפעה. ס'האָט נאָך געלעבט דער פּאָעט יעקב גלאטשטיין, מענעס אאנ"ד. דעמאָלט איז געווען א געדאנק ארויסצוגעבן זיין ערשטן ספר אין דער ענגלישער איבערזעצונג. ארויסגעבן אזא ספר איצט, דארף מען האבן א צד אין א רבנישן הויף. אויסער דעם, זענען אין די רעליגיעזע קרייזן פאראן אינטעלעקטועלע כוחות, מיט אוניווערסיטעט־בילדונג, וואָס גלייכצייטיק זענען זיי גרויסע תלמוד־קענער און פאָרשער, ענג פארבונדן מיט די רבנישע הויפן און גאנץ אָפט דערשיינען זייערע ווערטפולע ספרים אין דער ענגלישער שפראך.

אויף מיין פראגע, פאר וואָס דערשיינט נישט זיינס א בוך, זייט דער ארגענטינער פארלאג האָט אין 1959 ארויסגעגעבן זיינע צוויי ספרים "שמועסן מיט דער צייט", ווען ער איז אזוי פּראָדוקטיוו און שרייבט סך. האָט ער געענטפערט: נישטאָ קיין צייט צו שרייבן ביכער און נישטאָ קיין פארלאג, וואָס זאָל זיך פארנעמען מיט ארויסגעבן. און צו דעם צו — איז אויך נישטאָ דער ביכער־אָפּנעמער. ס'איז נאָך גוט, אז מיר האָבן דעם אלטן דור לייענער פון די יידישע זשורנאלן.

איך האָב באזוכט דעם ציק"אָ־ביכער־פארלאג, וואָס האָט זיך געפינען אין איין לאָקאל, צוזאמען מיטן וועלט קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון "בונד", רעדאקציע פון זשורנאל "אונדזער צייט" און דער בונדישער ארכיוו. זיי זענען געצוווּנגען געווען צו פארלאָזן דאָס גרויסע הויז, דעם אַסטראָן־צענטער, און געפינען זיך צייטווייליק אין הויז פון לערער־יוניאָן. דערווייל זיצט מען אויף די נישט אויסגעפּאַקטע פּעק ביכער און ווערטפולע, היסטאָרישע ארכיוו־מאטעריאלן. איך האָב באזונדערס געהאט דעם כבוד פריינטלעך

אויפגענומען צו ווערן צוליב מיין ארויסגעגעבענער מאָנאָגראַפיע צום אָנדענק פון דער בונדישער טוערין און לאוניק פון לובלינער שטאָטראט, בעלא שפּיראָ.

כ׳בין אוועק אין דער ניו־יאָרקער שטאָט־געגנט, ווו מיט א האלבן יאָרהונדערט צוריק האָט געשפּרודלט מיט א פארצווייגט יידיש קולטור־לעבן, יידישע טעאטערס, טאָג־צייטונגען, ליטעראַרישע זשורנאלן און דער רייכסטער צענטער — דער "פאָרווערטס", די פארשפּרייטסטע יידישע טאָג־צייטונג, מיט א געבוירן־דאטע פון 1897. איצט געפינט זי זיך ווי סובלאָקאטאָר אין דער געביידע פון "ארבעטער־רינג" און פארוואנדלט געוואָרן אין א וואָכן־צייטונג. דאָרט אויפגענומען געוואָרן דורכן זשורנאליסט ווילק, צוזאמען מיט מיין לאגער־חבר און ליטעראטור־פאָרשער לייזער ראן. מיר האָבן אויך באזוכט די דרוקעריי, ווו ראן האָט אין די פריערדיקע יאָרן געארבעט אלס לינאָטיפּיסט און קאָרעקטאָר. צווישן די ארבעטער אין דער דרוקעריי, זענען דאָ לובאוויטשער חסידים. אין א גרויסער האלע שטייען די שוין איבעריקע, אלטע דרוק־מאשינען, ווי "שמעלץ", וואָס ווירקט פּסיכאָלאָגיש מיט אונטערגאנג.

אויפגענומען געוואָרן פון קולטור־דירעקטאָר, וואָס האָט אין א קורצער נאָטיץ אין "פאָרווערטס" דערמאָנט וועגן דער בעלא שפּיראָ־מאָנאָגראַפיע און וועגן מיין באזוך אין ניו־יאָרק.

אויף דער גאס, ביים הויז פון "ארבעטער־רינג", גייט אונדז אנטקעגן א מאן אויף קולעס, מיט א הילצערנער פּראָטעזע אויף א פוס. ער שפּאנט אָבער מיט ענערגיע און אונדז אזוי איינדרוקספול אָנגעקוקט. איך פרעג ראנען:

— ווער איז דער מענטש?

— דאָס איז דער דיכטער חיים מאלטינסקי, געקומען איצט אויף א באזוך פון ישראל.

— פאר וואָס האָט ער זיך נישט אָפּגעשטעלט? געוואָלט אים באקענען און באגריסן, ער איז דאָך א דאָפּלטער קרבן: פון היטלעריזם — א מלחמה אינוואליד, און פון סטאליניזם — שוין נאָך דער מלחמה, אין ביראָ־בידזשאן.

ראן דערציילט מיר, אז ער האָט אפילו געקלונגען צו מיר, געוואָלט זיך טרעפן, נאָר ער האָט אים אָפּגעזאָגט, ווייל אין דעם בלוטיקסטן יאָר פון

פינצטערן סטאַליניזם, 1937, נאָכן ארעסטירן איזי כאַריק און משה קולבאַק, אסתר פרומקין, משה ליטוואַקאָוון, מאַקס עריק און טויזנטער, טויזנטער אנדערע, האָט ער פאַרעפנטלעכט א ליד מיט א לויב די הענקער...

אמת, דער טעראָר האָט טאַקע אָנגעשראָקן, דערפאַר האָט יעדער זיך געוואָלט ראַטעווען מיט וואָס ער האָט געקענט.

אין זיין וווינונג האָט מיך האַרציק אויפגענומען דער זשורנאַליסט, געוועזענער רעדאַקטאָר פון דער עלטסטער יידישער צייטונג אין אמעריקע, "פרייע ארבעטער־שטימע", אהרן טהאָרן. איך בין מיט אים געווען שריפטלעך פארבונדן במשך עטלעכע יאָר, זייט איך האָב אָנגעשריבן א נאָטיץ אין די "פּראָבלעמען" וועגן מיין באַזוך אין גרענאָבל, ווו אן אָרטיקער אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר, לעווין, האָט פאַרעפנטלעכט אן ארבעט וועגן יידיש־דייטשישן אנאַרכיסטישן דיכטער עריק מיהזאַם, א גרויסער פריינד פון מאַרטין בובער, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן פון די געסטאַפּאָ־באַנדיטן. דער בריוו אויסטויש מיט טהאָרנען האָט געשאַפן צווישן אונדז נאָענטע פריינטשאַפט, אז איך האָב אים געשיקט צו רעדאַגירן דאָס פאָרוואָרט צו דער פראַנצויזישער איבערזעצונג פון אלעקסאַנדער בערקמאַנס בוך, וואָס דער פארלעגער האָט מיר פאָרגעלייגט אָנצושרייבן. טהאָרן האָט בעת מיין באַזוך, גערעדט אויף דער יידישער ראַדיאָ וועגן מיין בוך, וואָס איז דערשינען אין דער פראַנצויזישער, דייטשישער און עברית־איבערזעצונג. די רעדע האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט אין בונדישן חודש־זשורנאַל "אונדזער צייט". ער האָט געוווינט אויף די בראָנקס, אין די קאָאָפּעראַטיווע הייזער, וועלכע די אמעריקאַנער יידישע ארבעטער־באַוועגונג האָט אויפגעבויט אין 1927, ווו עס לעבן דאָרט אן אכצן הונדערט משפּחות. אין דער איצטיקער צייט, זענען א סך שוין נישט קיין ארבעטער און אויך נישט אלע זענען יידישע משפּחות. אין די הייזער האָט געוווינט די עליטע פון די יידישע קולטור־שעפער און טוער, דער זיידע פון יידישן סאָציאַליזם, דער דיכטער מאָריס ווינטשעווסקי, דער דיכטער־פּראָזאַיקער חיים גראַדע, דער דאָקטער און שרייבער עמנואל פּאַט, דער דיכטער גראָס, רעדאַקטאָרן, מיטארבעטער פון "פאָרווערטס" און אנ"ד.

באַזוכט דאָס קולטור־הויז ביי די קאָאָפּעראַטיווע הייזער, וואָס איז געווען דאָס שיינדל פון יידיש־וועלטלעכן ניו־יאָרק. בעת מיין באַזוך, האָט

מען דאָס קולטור־הויז געהאַט פאַרדינגען פאַר א שטאַטישער ענגלישער טאָג־שול, כדי קענען אויסהאַלטן א יידיש קולטור־ווינקל. איז מיר געווען טרויעריק אויף דער נשמה, ווען איך האָב געזען אראָפּנעמען פון די ווענט די אַלע אָנדענק־טאָוולען פון די פאַרדינטע קולטור־טוער. ווו וועט מען אהינטאָן די גרויסע ביבליאָטעק מיט יידישע ביכער? אָט די פּיאָנערן, די אָרעמע מענער־שניידער, אויף וועמענס נאָמען די הייזער־בלאָקן רופן זיך; זיי, וואָס האָבן אין אָנהייב פון יאָרהונדערט געאַרבעט אין די שוויץ־שאָפּן, אָן וועלכע ס'איז סאָציאַלער פאַרזיכערונג. זיי האָבן געקענט העלפן, שאַפן די פינאַנסיעלע מיטלען אויפצובויען די וווינונג־בלאָקן, ווייל זיי האָבן געגלויבט אין אן אידעאַל, בעת די איצטיקע איינוווינער, אוודאי צענפאַכיק עקאָנאָמיש בעסער סיטואירט — קענען נישט, ווייל זיי האָבן נישט קיין באַדערפעניש פאַרן קולטור־הויז.

פון דער טרעפונג מיט איטשע גאָלדבערג, רעדאַקטאָר פון "איקוף"־זשורנאַל "יידישע קולטור", בין איך געוואָרן אָנגערעגט ארויסצוברענגען מיינע צוויי יאָר חברישע נאָענטקייט מיט דעם שרייבער, קולטור־פאָרשער, לערער און דערציִער קלמן מרמר, בעת זיין לעבן און שאַפן אין קיעוו אין די יאָרן 1934 – 1936, ביזן פאַרמאַכן דעם קיעווער יידיש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און ארעסטירן אַלע מיטאַרבעטער, בראש מיטן פּראָפעסאָר מאַקס עריק. במשך די צוויי יאָר, האָט ער מיט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען צוגעגרייט די אַלע ווערק, אויף וועלכע ער האָט צענדליקער יאָרן געאַרבעט, ביז זיין קומען קיין קיעוו און פּלאַנירט זיי ארויסצוגעבן דורכן אינסטיטוט. דער קיעווער פּעריאָד, זיינע פריידן, און דער עיקר — ליידן, זענען דורך אים פאַרשוויגן געוואָרן. די סיבה, וועלכע האָט גורם געווען דערצו, אז דער ערלעכער מענטש זאָל אזוי האַנדלען אין דער פרייער, דעמאָקראַטישער אַמעריקע, האָט ער, ליידער, מיטגענומען מיט זיך אין קבר.

אין בית־המדרש פון די לובאַוויטשער

איך קען נישט מעסטן דעם חסידיש־רעליגיעזן איינפלוס, אָבער ווי א גאַסט אויף א ווייל, איז אָנזעעוודיק זייער וווקס פאַר די צוואַנציק יאָר,

זייט מיין ערשטן באזוך אין ניו־יאָרק. דאָס מערקט זיך לויט דער חסידישער הלבשה אין די צענטראַלע גאסן פון האנדל און אמטן, אין דער מעטראָ, באַזונדערס — אויפן וועג קיין ברוקלין, וווּ זיי האָבן פונאנדערגעבויט גאַנצע קווארטאלן, מיט הונדערטער חדרים, שולן, בתי־מדרשים און ישיבות, וווּ עס לערנען טויזנטער תלמידים. איך האָב באגעגנט א גרופע ישיבה־בחורים פון ברינוא, הינטער פאריז. פאר זיי בין איך געווען א לאנדסמאַן. זיי האָבן מיך מיטגענומען אין לובאוויטשער רבינס בית־המדרש, וואָס איז געווען פול מיט יונגע מענטשן. א טייל האָבן געלערנט פלעגמאטיש, אנדערע האָבן זיך סתם ארומגעדרייט און אין א צווייט ווינקל, האָט מען געפּראַוועט א שמחהלע. די אטמאָספער האָט מיך איבערגעלאָזן קאַלט. דאָס לערנען, אָן דער טיפער, חסידישער התלהבות, און נישט די פאַרפעצטע הענט פון די, וואָס האָבן אין מיטן דערינען געפראַוועט די שמחה און אפילו געטאַנצט. אלץ איז עפעס טעאַטראַליש, נאָכגעמאַכט.

שטייענדיק אזוי פאַרטראַכט, האָט פאר די אויגן אויפגעלעבט א בילד פון די צוואַנציקער יאָרן אין ווארשע, אנטלויפנדיק פון א דעמאָנסטראַציע פאר דער תפיסה אויף דער פּאַווע־גאַס (פּאַוויאַק), וואָס איז דעמאָלט באַזונדערס בלוטיק פונאנדערגעטריבן געוואָרן. איך בין געווען צווישן די, וואָס זיי איז געלונגען אדורכצורייסן די פּאָליצייאישע אַרומרינגלונג און קוים א לעבעדיקער געבליבן ליגן אין דורכגאַנג־הויף פון דזשיקע־נאַלעווקעס. גוטע מענטשן האָבן מיך דערמונטערט מיט וואסער און אריינגעטראָגן אין בית־המדרש. איך ליג אויף דער באַנק, ארומגעוויקלט אין א פרעמדן מלבוש און הער מיך צו צו די פאַרשידענע קולות פון ד׳עם גמרא־ניגון: א טייל מיט א געבייזער און טענה, אנדערע אזוי לירישּ, איידל. אָט די נגינה האָט מיך יאָרן לאַנג באַגלייט אויף מיינע וואַנדער־וועגן. ביי דעם אדורכגאַנג וווּ דער רבי דאַרף אָנקומען צו מנחה, שטייען צענדליקער יונגע מוטערס מיט זייערע קינדערלעך, דער רבי גיט יעדן קינד א פרוטה, וואָס זיי גיבן דאָס גלייך צוריק פאַר צדקה. דער רבי גייט אָנגעטאָן באַשיידן, אָן א שטריימל און אָן די סאַמעט־זיידענע הלבשה. ער איז אין א געוויינלעך, שווארץ טוכן־כאַלאַט, וואָס רעליגיעזע פוילישע יידן פלעגן טראָגן.

איך זוך אָן ענטפער אויף דעם געזעענעם און געהערטן פון דעם ארום. אָט דער ברייט־ביינִיקער, קליין־וווקסיקער, שוין עלטערער ייד, וואָס

מיטן כוח פונעם מיסטישן גלויבן אין זיין גייסטיקער ירושה פון משפחה־אָפּשטאַם, פאָלגן אים נאָך צענדליקער טויזנטער חסידים אין די יידישע ישובים אויף דער וועלט. דאָס אויפבויען די גרויסע נעץ פון רעליגיעזע חינוך־אנשטאלטן — פון קינדער־גערטנער ביז ישיבות, איז אוודאי פון אידעאַליזם און גלויבן. זיי האָבן אפילו באוויזן צו שאפן אומלעגאלע ישיבות אין דעם פינצטערן טעראָר־פּעריאָד פון סטאַליניזם אין ראטן־פארבאנד, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אין דעם בוך פון קראסאניאנסקי "א זעקסטל פון דער וועלט". איך האָב אין לאגער זיך אָנגעטראָפן מיט איין לערנער פון אזא ישיבה.

א טייל פון דער יידישער יוגנט זוכן היינט וועגן אין דער מיסטיש־חסידיש־רעליגיעזער באוועגונג. צי איז עס א פאַריבערגייענדיקע דערשיינונג? נישט איך בין בארופן צו געבן אויף דעם אן ענטפער.

צוריק אין פּאריז

נאָך מיין צוריק קומען קיין פאריז, האָב איך געהאט א סאטיספאקציע מיטן דערשיינען, אין דער פראנצויזישער איבערזעצונג, פון מיין מאָנאָגראפיע וועגן ווידערשטאנד־קעמפער יוסף עפשטיין, וואָס איז אין 1981 דערשינען אין יידיש, מיט א נאָכוואָרט פון פראנצויזישן ווידערשטענדלער בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאציע, פראָפ' לעאָן האמאַן, געוו. מיניסטער.

איך האָב אינטענסיוו געארבעט אויף צוויי מאמרים: וועגן מיין באקאנטשאפט מיטן שרייבער און קולטור־פאָרשער קלמן מרמר אין קיעוו אין די יאָרן 1934 — 1936; און וועגן דעם יידישן בחור פון לובלין, וואָס האָט אלס קאָמאנדיר פון דער ווידערשטאנד־באוועגונג בעת דער נאצישער אָקופּאציע, אנטייל גענומען אין באפרייען די שטאָט קארמא מיט אירע קוילן־גרעבער, וואָס האָבן אין 1895 אויסגעוויילט זשאן זשאָרעסן אלס דעפוטאט אין פראנצויזישן פּארלאמענט.

נאָך דעם באזוך אין די פּאראייניקטע שטאטן און איצטיקן געפינען זיך אין פראנקרייך, האָב איך זיך טיף פארטראכט וועגן די באזוכן אין ישראל, וואָס זענען נישט געווען פון טוריסטישן כאראקטער. איך האָב באגלייט סעמינאר־עקסקורסיעס, אנטייל גענומען אין קאָנפערענצן פון

וועלט־פּאַרבאַנד פון מפ״ם, געהערט, געזען און עפּעס געלערנט פון די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון מדינת ישראל.

אָבער גרויס באַוווּנדערונג האָט ביי מיר אַרויסגערופן די קיבוצישע באַוועגונג, די ישראלדיקע לאַנדווירטשאַפט, א דאַנק דער שעפערישער מי פון די חלוצים.

נישט קיין קלענערער וווּנדער איז די ישראלדיקע אינדוסטריע, וועלכע באַשעפטיקט הונדערטער טויזנטער אַרבעטער, וואָס פּראָדוצירן פאַר מיליאָנען דאָלאַר. אָבער אוודאי גייט נישט די ישראל־געזעלשאַפט אין דער ריכטונג, ווי ס׳האָבן געחלומט משה העס, טעאָדאָר הערצל, נחמן סירקין, בער באָראָכאָוו, א. ד. גורדון און די ערשטע בויער פון דער מדינה.

איצט איז מדינת ישראל דער צענטער און גייסטיקער אָנהאַלט פון די יידישע ישובים אין דער וועלט. אָן איר, חלילה, וואָלט יידיש לעבן אין די תפוצות געווען אויסגעליידיקט פון יעטוועדן אינהאַלט.

באַזוכט גבעת חביבה, וואָס איז א סעמינאַר און לערן־צענטער פאַר יידישע און אַראַבישע יוגנטלעכע. דאָרט געפינט זיך דער היסטאָרישער מוזיי און אַרכיוו פון דער השומר־הצעיר באַוועגונג אויף דער וועלט. פון מרדכי אַנילעוויטש — קאָמענדאַנט פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און די פּאַראַשוטיסטן חביבה רייק, וואָס אויף איר נאָמען רופט זיך דער צענטער.

א פריידיקע איבערלעבונג איז פאַר מיר געווען יעדע טרעפונג מיט די רעדאַקטאָרן און פאַרלאַג־טוער פון דער ״ישראל שטימע״ און ״ישראל בוך״ — אריה שמרי, יעקב בעקער — און זיי צו לאַנגע יאָרן, יעקב צבי שאַרגעל, דוד שטאָקפיש און מיכאל לוי.

מיט א נאָענטער פאַראינטערעסירונג מיט דער טעטיקייט אין פאַריז, האָב איך זיך אָנגעטראָפן ביי די חברים, פריינד פון מפ״ם, וואָס האָבן עולה געווען פון פאַריז. דאָס זענען געווען אונדזערע ״אַמבאַסאַדאָרן״, וואָס האָבן געהאָלפן שטאַרקן די פאַרבינדונג מיט דער ישראל־באַוועגונג פון מפ״ם.

זיי זענען אַוועק אין דער אייביקייט. דערמאָן איך מיט פאַרערונג די חברים, מיט וועלכע איך בין יאָרן־לאַנג געווען פאַרבונדן אידעיש און אָרגאַניזאַציאָנעל: שלמה סאַפּראַן, מאַקס מעלמאַן, משה עפּשטיין, הערשל גאָלדפינגער.

קלמן מרמר

א.

אין יאָר 1934, האָב איך געהאַט די זכיה צו ווערן באַקאַנט אין קיעוו מיט דעם שרייבער און דערציער קלמן מרמר. טראָץ די צענדליקער אָפּגעלאָפענע יאָרן, האָב איך דעם הארציקן, גוטן מענטש קיינמאָל נישט פארגעסן און א סך וועגן אים געטראַכט. באַזונדערס, אין די צוויי צענדליק יאָר, ווען איך בין געווען אין די תּפיסה־לאגערן און פארשיקונג.

דער גרויסער תלמיד־חכם איז געווען אזוי פשוט און עניוותדיק, אז הגם עלטער פון מיר מיט מער ווי דרייסיק יאָר, און אָן א פארגלייך מער אינטעלעקטועל, האָט ער מיר, דעם פשוטן ארבעטער אויף דער שניידער־פאבריק, ארויסגעוויזן ווארעמע אויפמערקזאמקייט. די באקאנטשאפט האט זיך פארוואנדלט אין א פריינדשאפט, וואָס האָט אויך אריינגענומען נאָך אן אמעריקאנער שרייבער, אלעקסאנדער פּאָמעראנץ, וואָס איז מיט צוויי יאָר פריער געהאט געקומען אין ראטן־פארבאנד און זיך געלערנט אויף אספיראנטור אין קיעווער יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט. ס'האָט זיך אויך געשאפן אן אינטימע נאָענטקייט צווישן אונדזערע משפחות. געווירקט דערצו האָט אויך דער פאקט, וואָס איך און מיין פרוי זענען געווען אויסלענדישע קאָמוניסטן און כמעט אין דעם זעלבן פעריאָד געקומען קיין קיעוו פון פראנקרייך, ווי פּאָליטישע אימיגראנטן.

קלמן מרמר און אלעקסאנדער פּאָמעראנץ האָבן אפילו זיך באמיט ביים פּראָפעסאָר מאקס עריק, איך זאָל אָנקומען אויף א ווירטשאפטלעכער ארבעט אין אינסטיטוט, מיט דער האָפענונג, אז פון דאָרט וועט מיר גרינגער אָנקומען זיך לערנען אויפן ביבליאָטעקארן־קורס. נאָר ביז דאָס האָט אָנגעהויבן רייף ווערן, איז דער דירעקטאָר פון אינסטיטוט געוואָרן דער פרומער און געטרייער היטער פון דער פארטיי־ליניע — גרשון גאָראָכאָוו. איז דער מכשול געווען, וואָס איך בין נאָך נישט אריבערגעפירט אין דער רוסישער פארטיי. אגב אורחא, האָט מיך מרמרס פרוי, שרה שפרה,

געוואָרנט מיט די ווערטער: "קריכט נישט אריין צווישן זיי, אומעטום איז פאַראַן קנאת־סופרים, אָבער ס'איז אַן אונטערשייד, וואָס דאָ שטייט הינטער יעדנס קריטיש געשריבן אָדער גערעדט וואָרט, אַ שאַרפֿע שווערד". ביז איצט באַוווּנדער איך די קלוגשאַפֿט פֿון דער פֿרוי. איך בין שוין אין יענער צייט געווען פֿול מיט אינערלעכן צווייפֿל, אָבער צו דער מדריגה צו טראַכטן וועגן דער העכסטער ייִדישער קולטור־סביבה אין אַזעלכע טערמינען, בין איך נאָך נישט געהאַט דערגאַנגען.

קלמן מרמר, דער ייִדיש־אַמעריקאַנער שרייבער, קולטור־היסטאָריקער, פֿאָרשער און קאָמוניסט, איז געקומען אין דער הויפּטשטאָט פֿון אוקראַיִנע, אויף דער איינלאַדונג פֿון קיעווער ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט פֿאַר פּראָלעטאַרישער קולטור, ביי דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפֿטלעכער אַקאַדעמיע. דאָס איז דעמאָלט געווען דער העכסטער לערן־אַנשטאַלט אין דער טויזנט־יאָריקער געשיכטע פֿון דער ייִדישער שפּראַך. אין דעם אינסטיטוט, בעת זיין העכסטן אויפֿבלי־פּעריאָד, זענען געווען ביי אַ צוויי הונדערט מיטאַרבעטער: פּראָפֿעסאָרן, וויסנשאַפֿטלעכע טוערס, ביבליאָטעקאַרן, אַרכיוויסטן, קאַטאַלאָגירערס, איינבינדערס אאַנ"ד. צווישן די אָנפֿירער און גרינדער זענען געווען אַזעלכע באַרימטע געלערנטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן זייערע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן אין ווילנער ייִוואָ, ווי: נחום שטיף און מאַקס עריק. אָדער אין דייטשלאַנד – מאיר וויִנער. ייִדישער געלערנטער פֿון פֿאַר דער רעוואָלוציע – שמעון דאָבין, נוסינאָוו. און פֿון די יונגע, שוין סאָוועטישע געלערנטע: פּראָפֿעסאָר יוסף ליבערבערג, ד"ר אליהו ספּיוואַק, פּראָפֿ. יעקב רעזניק, מיכאל לעוויטאַן אאַנ"ד.

דער איניציאַטאָר און פּראָטעקטאָר פֿון פֿאַרבעטן קלמן מרמר, איז געווען דער דירעקטאָר פֿון אינסטיטוט, פּראָפֿעסאָר יוסף ליבערבערג. דער ציל פֿון דער פֿאַרבעטונג – ער זאָל מיטברענגען די אָנגעזאַמלטע מאַטעריאַלן פֿון צענדליקער יאָרן פֿאָרשערישער אַרבעט וועגן די פּיאָנערן פֿון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אַמעריקע: דוד עדעלשטאַט, מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפֿעלד, יוסף באָוושאָווער, ווי אויך זיינע פֿאָרשערישע מאַטעריאַלן פֿון דער ליטעראַריש־געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט פֿון דעם ערשטן ייִדישן באַוווּסטזיניקן סאָציאַליסט, אהרן ליבערמאַן, כדי ער זאָל דעם אָנגעזאַמלטן ליטעראַרישן אוצר באַאַרבעטן,

אויסדרן און רואיק צוגרייטן צום דרוק. זייענדיק באַפרייט פון דעם עול פרנסה, וואָס האָט אויף אים געדריקט פון דער פריער יוגנט, ווען ער האָט פאַרלאָזט זיין פרומע, ווארעמע, דאָרפישע היים פון טאַטע־מאַמע אין מיישאַגאָלע, ווילנער געגנט, ווען ער איז אַריבערגעפאָרן קיין ווילנע אין אָנהייב פון די 90קער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט. נאָך שווערער האָט ער געליטן עקאָנאָמיש, ווען ער האָט געלערנט אין דער שווייץ. די שווערקייטן האָבן אים באַגלייט אַלע יאָרן פון זיין ליטעראַריש־פאָרשערישע, פּעדאַגאָגישע און פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן אין אייראָפּע און אין אַמעריקע.

ב.

די צוויי יאָר האָט ער מיט איבערמענטשלעכער, אינטענסיווער אָנשטרענגונג געאַרבעט, כדי צוגרייטן די אַלע ווערק, וואָס ער האָט פּלאַנירט אַרויסצוגעבן דורכן אינסטיטוט. ער איז געזעסן, לויט זיין שטענדיקער געוווינהייט, על התורה ועל העבודה.

אייגנטלעך, האָבן אין ראַטן־פאַרבאַנד געשריבן, געפּאָרשט און געפירט ליטעראַרישע מחלוקתן איבער די ערשטע פּראָלעטאַרישע דיכטער, אָנהייבנדיק פון 1918, די שרייבער און קריטיקער: אָגורסקי, דאָברושין, ליטוואַקאָוו, ווענויאָרקע אאנ"ד. אָבער יוסף ליבערבערג, וואָס האָט געגלויבט און געשטרעבט צו פאַרוואַנדלען דעם קיעווער יידיש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין אַן אַנשטאַלט פון הויכער קוואַליטעט, האָט פאַרבעטן קלמן מרמר, כדי דורכצופירן אַקאַדעמישע פאָרשאַרבעטן וועגן די ערשטע פּראָלעטאַרישע דיכטער אין אַמעריקע.

די צוויי יאָר פון זיין לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד, זענען ביז איצט פאַרהוילן. בלויז דער אָדער יענער פאַרופט זיך, אַז מרמר האָט אים געגעבן אַ גרוס, אַן אָנצוהערעניש. מער ניט. אין זיין אויטאָביאָגראַפיש בוך דערמאָנט מרמר, אַז ראובן בריינין האָט אים געשריבן, נאָך זיין צוריק קומען פון ראַטן־פאַרבאַנד, אַז ער וועט אויסזוכן אַ פּאַסיקע געלעגנהייט צו באַגעגענען זיך און פון זיין מויל הערן וועגן זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן אין קיעווער יידישן אינסטיטוט און וועגן דעם נייעם לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

ליידער, איז אַזאַ טרעפונג נישט פאָרגעקומען. מרמר, דער שרייבער און

רעדנער, איז נישט שריפטלעך, נישט מינדלעך עפנטלעך ארויסגעטראָטן און ניט דערציילט וועגן זיינע איבערלעבונגען. פאַר א קאָמוניסט פון יענע יאָרן, נאָך צוויי יאָר אין ראטן־פארבאנד, זיך נישט טיילן מיט גרויס באגייסטערונג וועגן דעם נייעם לעבן, וואָס בויט זיך דאָרטן און דאַרף ברענגען די גאולה פאר דער גאנצער מענטשהייט – איז געווען א ווונדער. זיין שטילשווייגן איז א געוויסע פסיכאָלאָגישע רעטעניש און פארדאכט, וואָס קען אָבער באשטעטיקן דאָס, וואָס איך וויל ארויסברענגען: אז מרמר האָט פאר די צוויי יאָר איבערגעלעבט טיפע אינערלעכע שטרייטן, וואָס האָבן אים פארשאפט א סך ליידן, וואָס זענען פארשארפט געוואָרן דורכן פלוצלונגדיקן, פריצייטיקן טויט פון זיין פרוי אין קיעווער שפיטאָל, אין עלטער פון 56 יאָר. דאָס האָט ארויסגערופן ביי אים א באשטימט שולד־געפיל, ווייל ער האָט געגלויבט אז אין אמעריקע וואָלט מען זי געקאָנט ראטעווען.

קלמן מרמר, דער בלב־ונפש פאָרשער און וויסנשאפטלער, וואָס האָט געזאמלט, געזוכט און גענישטערט אין אלטע כתבים; דער שרייבער, פעדאגאָג און פארטייער איז אָבער, פאר אלעם, געווען א מאָראליסט. דער אידעאל פון פארבעסערן די וועלט, איז ביי אים געווען איינגעוואָרצלט פון זיינע קינדער און יוגנט־יאָרן. ווען ער האָט געלערנט אין דער ישיבה אין ווילנע, פלעגט ער זיך ארייננכאפן אין איינער פון די קלויזן און זאָגן א פאָר שעה תהילים מיט א גלויבן, אז אפשר אין דעם זכות, וועט דאָס העלפן א געווינערין גרינגער האָבן דאָס קינד, אָדער ברענגען א רפואה שלימה צו א קראנק קינד, א קראנקער מאמע, א קראנקן טאטן. אפילו לעבנדיק אין אמעריקע, האָט ער געגלויבט, אז אין לאנד פון זיך בויענדיקן סאָציאליזם, אין ראטן־פארבאנד, ווערן פארווירקלעכט די שיינע אידעאלן, אז אלע רייכקייטן וואָס דאָס לאנד שאפט, איז פאר דעם וווילזיין פון דעם סאָוויעטישן מענטש. אָבער אָנטרעפנדיק זיך מיט דער הארטער ווירקלעכקייט (טראָץ דעם, וואָס דאָס ערשטע יאָר האָט ער עקאָנאָמיש דאָס נישט געקענט פילן, ווייל ער האָט באקומען צוטריט צו א פארמאכטער קראָם "אינעסנאב", פאר אויסלענדישע ספעציאליסטן). אָבער די ביטערע נויט, הונגער און אָרעמקייט פון דעם גרויען ארום, האָט דעם פילנדיקן קלמן מרמר נישט געלאָזט גלייכגילטיק – און ער האָט זיך אינערלעך געראנגלט

מיט ספיקות, אויף וועלכע ער האָט זיך נישט געקענט געבן קיין ענטפער.

יעדע טרעפונג מיט אים, איז פאר מיר געווען א גייסטיקע דערהויבונג, וואָס מער איך האָב זיך צוגעהערט צו זיינע אומשולדיקע באַאָבאכטונגען פון דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט, זיינע פסיכאָלאָגישע שאלות וועגן לעבן אויפן דאָרף, אין א דאָרפישן קאָלעקטיוו, ווו איך בין געפאָרן העלפן אראָפּנעמען די גערעטעניש. (די קינדער־יאָרן אויפן דאָרף האָבן ביי אים איבערגעלאָזט טיפע וואָרצלען און ליבשאפט צו די אמערסטן ליידנדיקע אין יענעם פעריאָד, צו דער פויערישער באפעלקערונג). די פארפעסטעטע לופט פון מסירות, שרעק, מורא און אומצוטרוי, צו די סאמע נאָענטסטע, אפילו צו דער אייגענער פרוי און קינדער, האָבן אויך שלעכט געווירקט אויף אים.

טראָץ דעם אלעם, איז צווישן אונדז רייף געוואָרן א קעגנזייטיקער פּאָליטישער צוטרוי, וואָס איז שוין אין יענער צייט, אָנהייב 1935, געווען א זעלטענע דערשיינונג.

אין מיינע געפילן האָט קלמן מרמר, וואָס האָט אָנגעהערט צום אלטן דור פּיאָנערן און פּאָרגייער פון דעם סאָציאליסטישן אידעאל, נאָך ערב "בונד", אין דער ערשטער העלפט פון די 90ער יאָרן, האָט מיט זיך ווי פארקערפּערט, פיזיש און גייסטיק, די גוטסקייט און ערלעכקייט פון אברהם רייזען און דוד עדעלשטאט. טיילמאָל, צוליב פּאָליטישער נאַיווקייט, אָדער פון זיינע אינערלעכע ראנגלענישן, פלעגט ער פארטיידיקן די אָפיציעלע פארטיי־ליניע אין נאָמען פון די גרויסע צוקונפט־אידעאלן. דערמאָנענדיק דערביי א געדאנק פון זיין געלערנטער דאָרפישער באָבע, אז "אין אָנבליק פון דער גרויסער, אומענדלעכער וועלט, זענען די מענטשלעכע ליידן, לויט אונדזערע ערדישע באגריפן, אין סך־הכל נישט פון גרויסן באדייט". אָבער זיין דאָרפישע מאמע, האָט ער אנערקענט, איז מיט דעם נישט מסכים געווען, אז די היינטיקע ליידן וועלן פארגיטיקט ווערן אויף יענער וועלט.

זיין פנים פלעגט אויפשיינען פון פרייד, ווען אויף דעם גרויסן, טונקעלן הימל, פלעגט זיך באוויזן א פונק פון האָפענונג, אז ס'הויבט זיך אָן אויסצולייטערן, אז מ'האָט דעמאָלט געעפנט אין קיעוו א ריי פונקטן פון פארקויפן ברויט, א חוץ די צוגעטיילטע נאָרמעס אויף די קארטן,

וואָס יעדער האָט באַקומען לויט דער סאָציאַלער לאַגע, און ביי וועלכער אינדוסטריע מען אַרבעט: לייכטע, אָדער שווערע.

ג.

מיט אָט דעם גלויבן, בין איך אין 1933 געקומען אין ראַטן־פאַרבאַנד און גלייך, אין ערשטן חודש אין מאָסקווע, באַגעגנט צוויי מיינע יוגנט־חברים, וואָס זענען אין 1929 מאָביליזירט געוואָרן ביים העלפן דורכפירן די קאָלעקטיוויזאַציע. חבר איטשע שיף איז געווען אויף פּאָליטישער אַרבעט אין אַ גרויסער מאַשינען־טראַקטאָר סטאַציע, אין אַ גרויסן ראַיאָן אין סיביר. ער האָט מיר דערקלערט, אַז פון וייטנס איז גרינג צו זאָגן, אַז דורכפירן די אַגראַר־רעוואָלוציע פאָדערט זיך קרבנות. אָבער אַנדערש איז, ווען מ׳דאַרף אַגיטירן פאַר סאָציאַליזם מענטשן, וואָס זענען געשוואָלן פון הונגער.

מיין צווייטן חבר, ירחמיאל גאָרטנקרויט, וואָס איז אין יענע יאָרן געווען אַ מיטאַרבעטער פון אַ ראַיאָן־צייטונג, איז דערלויבט געוואָרן צוריק צו קומען קיין מאָסקווע, צוליב זיין קראַנקייט. אָבער אַנשטאָט דער מאָסקווער פּאַרטיי־קאָמיטעט זאָל אים שיקן אויף אַ צווייטער אַרבעט, האָט ער אָפּגעגעבן די פּאַרטיי־קאַרטע. ווען זיין שוועסטער האָט אים, אין מיין אָנוועזנהייט באַמערקט: ״דו ברענגסט אַן אומגליק אויף דיר״, האָט ער רואיק דערקלערט: ״איך וויל נישט געהערן צו די אונטערדריקער, נאָר צו די אונטערדריקטע״. דאָס איז געווען אַ זעלטענער אויסנאַם־פאַל.

אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן שרייבט אין איר צווייט בוך ״אויף וועגן און אומוועגן״ (זייט 204): ״אַז פאַר די גאַנצע 32 יאָר וואָס איך האָב געלעבט אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָב איך נישט געהערט פון אַזאַ דרייסטן מענטש״. און מיר איז עס אויסגעקומען צו הערן אין דעם ערשטן חודש פון מיין אָנקומען אין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס איז געווען דער איידלסטער היטער פון אמת, וואָס האָט געוואָלט לעבן לויט זיין איבערצייגונג און באַצאָלט פאַר דעם דעם העכסטן, טייערסטן פּרייז: אַרעסטירט געוואָרן אין 1934, בעת דער טעראָר־כוואַליע נאָך קיראָווס מאָרד און געוואָרן דערשאָסן. ווען איך האָב דערציילט דעם פאַקט מרמרן, איז ער געוואָרן טרויעריק, הגם וועגן זיין ווערן דערשאָסן, האָב איך נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט. דאָס איז אַ געוועזענער עילוי, געהאַט סמיכות אויף רבנות, זיין טאַטע איז געווען

א קאַצקער חסיד, געהאט א ברודער א שוחט און ער מיט זיין שוועסטער זענען געוואָרן קאָמוניסטן.ביידע זענען אומגעקומען. זי, אין 1938 אין לאגער פון קנאזש־פאגאסט. זאָלן די פּאָר ווערטער זיין זייער נר־תמיד.

ד.

נאָך דער באשטימונג פון העכסטן סאָוויעט — מלוכה־ראט — צו פארוואנדלען דעם ביראָבידזשאנער ראיאָן אין א יידישער אויטאָנאָמער געגנט, איז אויסגעוויילט געוואָרן אלס פּאָרזיצער פון דער געגנט דער דירעקטאָר פון קיעווער וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט, יוסף ליבערבערג. דאָס האָט געווירקט, אז א צאָל וויכטיקע וויסנשאפטלעכע מיטארבעטער פון אינסטיטוט, ווי אויך א באדייטנדיקע צאָל יידישע געזעלשאפטלעכע טוער אין לאנד, זאָלן אריבערפאָרן און ווערן פּיאָנערן אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. קלמן מרמר האָט די געשעעניש אָפּגעשאצט ווי א רעאליזירונג פון דעם אוגאנדע־פּראָיעקט פון הערצלען, אידעאָלאָגיש־סאָוויעטיש באפארבט מיט די אידייען פון אחד־העם. אָבער די פּראקטישע זייט פון דעם באשלוס ביראָבידזשאן, ווי ס'האָט דערקלערט קאלינין, איז געווען — פארפעסטיקן און אויפלעבן די געגנט.

אזוי איז אויך דער הויכער פּאָסטן פון ליבערבערגן, אין די רעאלע סאָוויעטישע באדינגונגען, געווען נישט מער ווי דעקאָראטיוו, כדי ס'זאָל מאכן מער עפעקט און אויסווירקונג אויף דער יידישער סאָוויעטישער באפעלקערונג און אויף דער יידישער וועלט־עפנטלעכקייט.

דער טראגיש־טרויעריקער סוף פון דעם ביראָבידזשאנער ענטוזיאסט יוסף ליבערבערג: ער איז דערשאָסן געוואָרן פון דער נ.ק.וו.ד. — א גיפטיקע שלאנג, אויפגעהאָדעוועט פון ראטן־פארבאנדישן סיסטעם, פאר וועלכן ער האָט געקעמפט אין די רייען פון דער רויטער ארמיי גאנצע זעקס יאָר, פון 1917. ער איז געפאלן ווי א קדוש, אין עלטער פון קוים 38 יאָר, ווערנדיק באשולדיקט אין יידישן נאציאָנאליזם און שאָוויניזם. זיי האָבן אונטערגעהאקט אָט דעם יונגן, שיינעם בוים, וואָס האָט נאָך געקענט באַרייכערן די יידישע קולטור.

ה.

זומער 1935, הארט פארן צוריק פאָרן קיין אמעריקע, האָט דער

אספּיראַנט אין קיעווער יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ, פאַרטיידיקט זיין דיסערטאַציע וועגן די יונגע פּראָלעטאַרישע שרייבער אין אַמעריקע (פּראָלעטפּען), אָבער דער סאַמע טשוואָק פון דער אַרבעט איז געווען דאָס קאַפּיטל "לייוויקיאַדע" — וועגן פאַרלאָזן די קאָמוניסטישע צייטונג "מאָרגן־פרייהייט" אין ניו־יאָרק, פון די שרייבער אַבֿרהם רייזען, ה. לייוויק, מנחם באָריישאָ און ראַבאָי. דאָס קאָלעקטיווע פאַרלאָזן די צייטונג איז געווען אַן אויסדרוק פון פּראָטעסט קעגן דער שטעלונג פון דער צייטונג צו די אַנטי־יידישע אומרוען, וואָס זענען אין יאָר 1929 פאָרגעקומען אין ארץ־ישראל, אונטער דער ענגלישער מאַנדאַט־מאַכט.

די אַרבעט פון אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ האָט געדאַרפט באַרעכטיקן די גענעראַלע פּאַרטיי־ליניע, וואָס די "מאָרגן־פרייהייט" האָט פאַרטיידיקט און פאַראורטיילט די שרייבער, וואָס האָבן מיט אַזאַ טומל פאַרלאָזט די צייטונג.

געשטיצט און פאַרטיידיקט די דיסערטאַציע, האָט פּראָפעסאָר מאַקס עריק אין נאָמען פון דער זשורי. פעפער און שוועבל האָט מען אויסגעגאָסן אויף די שרייבער, אָבער דעם גרעסטן חלק האָט אַריינגעכאַפּט ה. לייוויק, דער איידעלער, ערלעכער דיכטער און דראַמאַטורג, ווי ס'האָט אים באַצייכנט יעקב גלאַטשטיין, דער מייסטער פון דער יידישער ליטעראַטור.

דער שיטערער עולם פון דער אַודיטאָריע איז באַשטאַנען פון מיטאַרבעטער פון אינסטיטוט. די דרויסנדיקע געסט זענען געווען דער שרייבער פון די שורות מיט זיין פרוי און די פרוי פון פּאָמעראַנצן.

דער עולם זיצט מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווען מען לייענט די תוכחה, מען כאַפּט זיך מיט אימפּעט בלויז אויף, ווען מען דערמאָנט די הייליקע פּירער, כדי צו פּאַטשן בראַוואָ, אַזוי, אַז אַנדערע זאָלן באַמערקן, מ'זאָל זיי, חלילה, נישט חושד זיין. מען דערמאָנט אפילו אַ שוין לאַנג אָנגעשריבענע מיינונג פון רעדאַקטאָר און ליטעראַטור־קריטיקער ליטוואַקאָוו, אַז דעם איבעררייס פון די שרייבער מיט דער "מאָרגן־פרייהייט", האָט ער באַצייכנט ווי "אַ קלאַסן־פיינטלעכן בונט פון די באַלעבעסלעך, פאַרסמט פון יידישן נאַציאָנאַליזם". ס'איז ווערט און נייטיק צו דערמאָנען, אַז אַ סך פון די דעמאָלטיקע אָנוועזנדע זענען שפּעטער געגאַנגען אויף די סיבירער וועגן,

פאַרמשפּטע פון די קאָמוניסטישע וועלט־באַפרייער, ווו ס׳האָט געשפּאַנט דער פאַרקאָוועטער אין קייטן ה. לייוויק. און אפשר האָט ווער פון זיי געפונען "א קנעפל, א שטריקל פון זיינס א צעריסענעם שוך".

מיין דעמאָלטיקער חוב פאַר קלמן מרמר, וואָס איז ביי דער דיסקוסיע געזעסן אין פּרעזידיום פון די דריי וויסנשאַפטלעכע אַפּשאַצער, און טראַץ דעם, וואָס ער איז אליין געווען אן עדות, ווי א מיטאַרבעטער אין דער "מאָרגן פרייהייט", האָט ער זיך גאָרניט ארויסגעזאָגט, אוודאי אין דער אַטמאָספער פון מורא און טעראָר, וואָס האָט געהערשט — האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין פון ארויסברענגען אן אייגענע מיינונג. אָבער אין זיין פּריוואַטן שמועס מיט מיר האָט ער פאַרויסגעזען, אז פּאָמעראַנץ אליין וועט אין דער צוקונפט נישט זיין גליקלעך מיט דער אָנגעשריבענער ארבעט. און דאָס האָט זיך שפּעטער באַשטעטיקט.

מיטן אוועקפאָרן פון דער משפחה פּאָמעראַנץ צוריק קיין אמעריקע, איז מרמר ווי פאַריתומט געוואָרן אין דער סביבה פון אינסטיטוט. באַזונדערס האָט צו דעם מיטגעווירקט, וואָס נייע ווינטן האָבן דאָרט גענומען בלאָזן. דער אימפּעט פון וווקס און אנטוויקלונג פון אינסטיטוט, האָט זיך גענומען ראַדיקאַל פאַרלאַנגזאַמערן. די אַלטע אַספּיראַנטן האָט מען אָפּגעזאָגט, א טייל האָבן אָנגעהויבן ארבעטן אין לערן־אנשטאַלטן, אַנדערע האָבן געאַרבעט ביי זיך אין די היימען, קיין נייער אויפנעם איז נישט געווען. די אוידיטאָריע פון "א" (אַספּיראַנטור) איז געוואָרן אן עסצימער. דער אינסטיטוט האָט נישט נאָר אויפגעהערט צו דערהאַלטן פון אויסלאַנד די פּיינטלעכע, קעגנערישע פּרעסע און וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן, נאָר אויך די קאָמוניסטישע, וואָס דערשיינט אין אויסלאַנד איז געוואָרן זעלטענער. מען האָט דאָס צוגעשריבן דעם פעלן פון דעם דינאַמישן יוסף ליבערבערג.

איך, לויט מיין קליינער דערפאַרונג, האָב אין דעם געזען אן אָנהייב פון א סוף. און דאָך האָט דער סאַמע שוואַרצסטער שטערנזעער נישט געקאָנט פאָרויסזען אזא גיכן, בלוטיקן סוף.

ווען איך בין געקומען קיין מאָסקווע מיט א בריוו פון דער יידישער סעקציע ביי דער פּראַנצייזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי צו דער אָנפירערין פון מערב־אוניווערסיטעט, אסתר פרומקין, וועגן מיין אָנקומען אהין לערנען, האָט זי מיר דערקלערט (און מיט רעכט): לויט אייער בילדונג, דאַרפט איר

האָבן א צוגרייטונג־קורס פאר אלגעמיינער בילדונג און אין בודזשעט פארן לערן־יאָר 1933־1934 האָבן מיר שוין נישט פאַרן ערשטן קורס, און בלויז די סטודענטן וואָס זענען שוין אויפן צווייטן לערניאָר, האָף איך, וועלן פארענדיקן. אויף מיין נאיווער פראגע: "מען נייטיקט זיך שוין נישט אין קיין יידישע טוער?" — איז געקומען אן ענטפער:

— די פארטיי און די רעגירונג ווייסן בעסער אין וואָס דאָס לאנד און די קאָמוניסטישע וועלט נייטיקט זיך.

מרמר איז געווען זייער פארביטערט אויף זיינע רעדאקטאָרן, די ספעצן. פאר אים, דעם געלערנטן און לאנגיאָריקן אויסגעשולטן טוער, איז שווער געווען צו באנעמען און פארשטיין: אין אינסטיטוט ווו ס'ארבעטן אזוי פיל געלערנטע שרייבער, רעדאקטאָרן און קאָמוניסטן, דארף מען שיקן צום ספעץ אין מאָסקווע, שמואל אָגורסקי, צו רעדאקטירן די דריי עדעלשטאט־ביכער צונויפגעשטעלט פון מרמרן? אָגורסקין אינטערעסירט צום וויניקסטן די קוואליטעט פון דער ארבעט. און ווען דער ערשטער באנד איז ענדלעך אָפּגעגעבן געוואָרן צום דרוק, האָט מען אים אפילו נישט צוגעשיקט צו מאכן די קאָרעקטור — און ווען ער איז דערשינען, איז אפילו דער נאָמען פון צונויפשטעלער און דער וואָס האָט אָנגעשריבן די ביאָגראפיע פון עדעלשטאטן, נישט געוואָרן אָנגעגעבן. דאָס אייגענע האָט זיך איבערגעחזרט מיט די צוויי בענדער ליבערמאנס שריפטן מיט קלמן מרמרס קאָמענטארן. ווען זיי זענען שוין גרייט געווען אָפּצוגעבן אין דער דרוקעריי פון דער אקאדעמיע, האָט אָגורסקי פארעפנטלעכט אן ארטיקל אין מאָסקווער "עמעס" מיט אָנפאלן אויף די שריפטן פון אהרן ליבערמאן. האָט שוין דער דירעקטאָר מורא געהאט אריינצוגעבן אין דער דרוקעריי, נאָר אָנגעשריבן א גרויסן ארטיקל־ענטפער אָגורסקין, וואָס איז קאָנטראָלירט געוואָרן פון דער היסטאָרישער סעקציע פון אינסטיטוט, פון דירעקטאָר און אויך פון מאקס עריקן. ס'איז אָבער אין ערגעץ נישט פארעפנטלעכט געוואָרן.

צו אלע שרייבערישע צרות און קאָפּברעכענישן, איז אין דעם ווינטער פון 1935־1936 אונטערגעקומען מרמרן שווערע עקאָנאָמישע און וווינונג־פראָבלעמען. מען האָט פארמאכט דעם "אינסנאב" — א פארטיילונגס־מאגאזין פאר אויסלענדישע ספעציאליסטן, און אנדערע קראם האָט מען

אים נישט געגעבן, גיין אויפן באזאר אָדער אין א גאסטראָנאָם קויפן דאָס מינימאַלסטע — קאָסט דאָרט א צען מאָל טייערער. און דער עיקר, מען דארף פטרן האלבע טעג אויף צו שטיין אין דער ריי.

דאָס צימער וואָס ער האָט געהאט, איז טאקע געווען נישט ווייט פון אינסטיטוט, אָבער אויפן פּארטער, אָן וואסער און א בית־הכסא. מ'האָט געדארפט לויפן אויפן הויף אין קעלט און פרעסט. ער איז שוין געווען אָפּגעוווינט פון אזא פּרימיטיווקייט.

ווען ער פלעגט נאָר האָבן א פרייע צייט, איז ער געקומען צו אונדז אין דעם קליינעם, פּיצל צימערל, אז ווען א דריטער מענטש איז דאָרט אריין, האָט מען שוין געמוזט זיצן אויפן בעט. אָבער דערפאר האָט דאָ געשמעקט מיט היימישקייט און ווארעמקייט, תמיד באגלייט מיטן שמייכל פון מיין זינגענדיקער, פרייליכער, איידעלער פאָלע.

— ביי אייך, פלעגט ער זאָגן, פארגעס איך אלע מיינע זאָרגן און געפין זיך אין אן אטמאָספער, וואָס שמעקט מיט א שטיקל פּאריז.

אין סך־הכל, זענען אין די קעגנזייטיקע שמועסן געקומען צום אויסדרוק זיין טיפע בענקשאפט נאָך דעם פּאָליטיש־אקטיוון קולטור־געזעלשאפטלעכן יידישן לעבן אין אמעריקע און זיין גרויסע פאראינטערעסירונג מיט דעם איינפלוס פון די לינקע כוחות אין יידישן לעבן אין פראנקרייך, בעלגיע און פוילן.

אָבער וואָס האָב איך געהאט צו דערציילן? קיין אנדער לעבן, אויסער די יידישע קאָמוניסטישע אקטיוויטעטן, האָב איך נישט געקענט. קיין איין טאָג נישט געווען לעגאל, דריי מאָל געוואָרן ארעסטירט און אָפּגעפירט צו די גרענעצן, פארזוכט תפיסות און פּאָליציייאישע ברוטאלקייט. דאָך, ווי ליב־נשמהדיק איז מיר געווען יענע טעטיקייט, ווייל ס'איז געווען מיטן טיפן גלויבן אז איך דין די אינטערעסן פון יידישן פאָלק.

קלמן מרמר האָט געשטרעבט וואָס גיכער צו דערגרייכן יענע אטמאָספער, וואָס איז אָנגעפולט מיט גלויבן, אָן צינישקייט און אָן אויסערלעכן פּאָליטישע דרוק.

בעת א באזוך אין מיין היים, האָט ער בייגעוווינט אן אינצידענט פון דער טאָגטעגלעכער ברוטאלקייט פון סאָוויעטישן שטייגער. ווען פאָרשטייער פון געגנט־סאָוויעט האָבן פארקלענערט דעם ווינונג־מעטראזש ביי מיינס

א שכן, ניט קוקנדיק אויף די געוויינען פון דער פרוי און קינדער, האָבן זיי א טייל פון אירע זאכן ארויסגעשטעלט אויפן קאָרידאָר. קלמן מרמר, דער שטענדיקער יושר־זוכער, האָט געפרוווט אינטערווענירן. אָבער דער מינדעסטער ארויסווייז פון סאָלידאריטעט מיט א באעוולטן, הייסט שוין אן אָרגאניזירטער בונט, דערצו נאָך — זיין אויסערלעכע, אייראָפּעישע הלבשה, האָט אים שוין באזונדערס פארדעכטיקט. א מזל, וואָס זיין טיטל שרייבער און פּראָפעסאָר פון דער אוקראַינישער אקאדעמיע, האָט אים פארשפּאָרט אומאָנגענעמלעכקייטן איבער דעם צופעליק־קליינעם אינצידענט. דאָס האָט אים אָבער נישט געקענט באַרואיקן און דערצו האָט אים נאָך ווי געטאָן, וואָס מיט אזעלכע ברוטאלע אקטן, רייסט מען ארונטער דעם קאָמוניסטישן איינפלוס ביי דער באפעלקערונג.

ז.

אין אָנהייב 1936, איז פארעפנטלעכט געוואָרן די ארויסטרעטונג פון י. וו. סטאלין אויפן צענטראל־קאָמיטעט, נאָך די עטלעכע יאָר פון דער רייניקונג („טשיסטקע") אין דער פארטיי. צווישן די אנדערע פּראָבלעמען, האָט ער ספּעציעל אונטערגעשטראָכן, אז צווישן די אויסלענדישע קאָמוניסטן, מיטגלידער פון דער וו.ק.פּ., איז דער טראָצקיזם נאָך ווייט נישט אויסגעוואָרצלט. האָט זיך ווידער אָנגעהויבן א „טשיסטקע", אונטער א נייעם עטיקעט: קאָנטראָל פון די פארטיי־דאָקומענטן. א שטענדיקע מורא און אומזיכערקייט איז געהאָנגען אויף די פארטיי־מיטגלידער, וואָס האָבן ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אָנגעהערט צו אנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען: עס־ערן, מענשעוויקעס, פּועלי־ציון, בונד. אין פעריאָד פון אזעלכע „טשיסטקעס", איז דאָס באזונדערס ארויסגעשווומען אויף דער אויבערפלאך און צו דער קאטעגאָריע האָבן אָנגעהערט כמעט די ווייט־גרעסטע טייל פון די יידישע קולטור־טוערס. אין די פּאָליטישע ספּעקטאקלען האָבן זיי געדארפט באווייזן, אז די פריערדיקע שעדלעכע איינפלוסן זענען ביי זיי געוואָרן אויסגעקאָרטשעט, א דאנק די אָנווייזונגען און לערע פון דער פּארטיי, וואָס האָט זיי מוחל געווען און זיי קענען דינען דעם סאָוויעטישן פּאָלק.

מרמר האָט מיר דערביי דערקלערט, אז ער איז צופרידן, אז ער דאַרף דעם נסיון נישט אדורכמאכן.

א שוואַרצער שאָטן איז געפאַלן אויף אַלע אויסלענדער, אפילו די איינגעלאַדענע ספּעציאַליסטן, אָבער גאָר באַזונדערס אויף די אויסלענדישע קאָמוניסטן, וואָס לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד. מען האָט ביי די ספּעצן צוגענומען די באַזונדערע פּריווילעגיע פון באַקומען פּראָדוקטן, וווינונג־שטח און אָפּגעהאַלטן צייטווייליק זייער רעכט אַרויסצופאָרן נאָך די געשלאָסענע "קאָנטראַקטן". אויך די קאָמוניסטן, וועלכע זענען געקומען מיט דער דערלויבעניש פון זייערע פּאַרטייען אין פּעריאָד פון דער "טשיסטקע", ווען ס'איז געוואָרן געשלאָסן דער אויפנאַם אין דער וו.ק.פּ.ב., האָבן זיי געהאַט א רעכט בייצווווינען די פּאַרמאַכטע פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען. האָט מען ביי זיי צוגענומען אויך די מאָראַלישע רעכט.

קלמן מרמר האָט דאָס גלייך אָפּגעפילט, עקאָנאָמיש און מאָראַליש. ער האָט זיך גלייכצייטיק אָנגעהויבן שרעקן, צי וועט נישט זיין קיין אָפּהאַלט אין זיין צוריקפאָרן און צי ער וועט באַוויזן אדורכצופירן אַלע קאָמפּליצירטע אַדמיניסטראַטיווע, ביוראָקראַטישע שוועריקייטן, מיט וואָס דער אַרויספאָר איז פאַרבונדן.

צו דעם איז געווען א סוד פאַר גאַנץ בראָד, וועגן אַרעסטן צווישן די פּאָליאַקן און פאַרמאַכן דעם פּוילישן טעאַטער־קלוב און די פּוילישע סעקציע ביי דער קיעווער פּאַרטיי־שול, וואָס האָט געגרייט דאָרפישע פּאַרטיי־קאַדרען. פאַקטיש זענען זיי כמעט אַלע געווען יידן, פּאָליט־עמיגראַנטן פון פּוילן, וואָס זענען געווען טעטיק צווישן דער גרויסער צאָל פּאָליאַקן אין קיעווער געגנט, מיט א פּוילישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן אויפן נאָמען פון רעוואָלוציאָנער מיכאַלעווסקי.

ח.

ווען קלמן מרמר איז געקומען אין ראַטן־פאַרבאַנד אין 1933, איז שוין די יידישע אַרבעט אין גאַנצן לאַנד געווען אין רעגרעסיע, ס'האָט זיך נאָך געטומלט, אָבער דער שוווּנג, די גוטע זיבן יאָר, זענען געהאַט פאַרביי.

צו דעם אַלעם האָט דער ספּעציפיש יידישער לעבנס־שטייגער, אָנגעהויבן צו פאַרגיין מיט א ברוטאַלן טעמפּאָ. ס'איז אפילו עפנטלעך, טראַץ

אלע באוואָרענישן און קינסטלערישן לאקירן, געקומען צום אויסדרוק אויף דער בעראַטונג פון די יידישע שרייבער (אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון די סאָוויעטישע שרייבער דעם 5טן אויגוסט 1934), אין די ארויסטרעטונגען פון פרץ מארקיש און דוד בערגעלסאָן.

די יידישע ארבעט איז בכלל פאריתומט געוואָרן, נאָכן ליקווידירן די יעווסעקציעס, מיט דער צענטראַלער ביוראָ אין מאָסקווע. זי איז געוואָרן דעצענטראַליזירט און אין גאנצן אָפּהענגיק פון די לאָקאַלע פּאַרטייאישע און סאָוויעטישע אינסטיטוציעס. אזוי, א שטייגער, האָט די אוקראַינישע וויסנשאַפט־אקאַדעמיע באַשטימט דעם בודזשעט און די פּאָרשערישע ארבעט־פּלענער פארן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. אזוי ווי אין די אלגעמיינע פארטייאישע און סאָוויעטישע אָרגאַנען, האָבן נישט געפעלט קיין יידישע אסימילאַטאָרן, וואָס האָבן מיט זייער איגנאָרירן און קעגנערשאַפט געשטערעבט אויסצובאַהאַלטן זייער יידישן אָפּשטאַם און געווען פּויפּסטלעכער ווי דער פּויפּסט אין זייער אינטערנאַציאָנאַליזם, האָבן זיי פאַר אלעם דעמאָנסטרירט מיט ליקווידירן די יידישע טעטיקייט. אפילו אין די בעסטע אויפבלי־צייטן פון דער יעווסעקציע, איז מען אָרגאַניזאַציאָנעל געווען אָפּגעריסן פון דער ברייטער יידישער באַזע, מען האָט זיך בלויז געשטיצט אויף דער שמאָלער שיכט פונקציאָנאַרן.

מרמר האָט וועגן דעם געטראַכט און מיט מ״ר אלזייטיק באַהאַנדלט דעם טעאָרעטישן גרונט־פּראָבלעם און מיט קליינע ניואַנסן געקומען צו ענלעכע אויספירן, ווי וולאַדימיר מעדעם: אז אָן רעכט צו קענען זיך שטיצן אויף אָרגאַניזאַציע פון די פאָראינטערעסירטע, זענען אלע געזעצן געבויט אויף שפּינוועבס, ווייל מען איז שטענדיק אָפּהענגיק פון דער פּאָליטישער אויסרעכנונג, שטימונג און ווילן פון דעם גוטן אָדער שלעכטן בעל־הבית.

מרמר, ווי א פּעדאַגאָג און דערציער, האָט אויך אונטערגעצויגן א סך־הכל וועגן דער גאַנצער נעץ פון דער יידישער דערציִונג, לויט דער פּאָליטיש־יורידישער איינשטעלונג: נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם און סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט, ווי ער ווערט דאָ פאַרשטאַנען און פּראַקטיש רעאַליזירט.

א פאַרטאָג, ס׳איז נאָך געווען פינצטער, האָט אונדז אויפגעוועקט א קלונג אין דער טיר. נישט נאָר איך, נאָר אלע דריי שכנים וואָס האָבן באַוווינט די שותפותדיקע וווינונג, האָבן זיך דערשראָקן, ווייל ווער קאָן

אין דער צייט קלינגען, אז נישט די ענקאווערע? דער שכן, דורך וועלכן מען האָט געמוזט אדורכגיין בכדי אריינצוקומען צו מיר, עפנט די פּאַרנטטיר און מיט באוווּנדערונג דערזעט ער דעם פּראָפעסאָר. מיט דעם טיטל האָבן אים מיינע שכנים געקענט.

מיר האָבן זיך באמת דערשראָקן פאר זיין פיזישן אויסזען: בלייך, אָן א טראָפּן בלוט אין פּנים, דענערווירט און פארצווייפלט, דער גאנצער קערפּער האָט ביי אים ממש געציטערט.

ווען ער האָט זיך א ביסל בארואיקט, האָט ער דערציילט וועגן דער שרעקלעכער פּראָוואָקאציע, אז מען האָט צייטווייליק פארהאלטן מאקס עריקן, וועלכער האָט געווינט נאָענט צום אינסטיטוט. וועגן אנדערע האָט ער נישט געוווּסט. אָבער דאָס ערגסטע, וואָס א גאנצע כאָפּטע פון די זיכערקייט־אָרגאנען האָבן געמאכט אן "אָביסק" אין אינסטיטוט. וואָס מען האָט געזוכט, האָט ער נישט קיין אנונג, מ'האָט אָבער געלייגט א זיגל אויף דער אריינגאנג־טיר פון בנין. ער האָט תּמימותדיק געגלויבט, און זיך אליין געטרייסט, אז ווארשיינלעך וועט זיך גיך אויפקלערן אלצדינג, ס'קאָן דאָך נישט זיין, מען זאָל אזא ערלעכן אינטעלעקטואל און וויסנשאפטלער ווי מאקס עריק, באמת ארעסטירן. שרעקלעכער וועט זיין די אויסווירקונג אויף דער גאנצער לינקער באוועגונג צווישן יידן אויף דער וועלט, אז אזא יידישע וויסנשאפטלעכע אינסטיטוציע, מיט א וועלט־נאָמען, זאָל מיט איין פעדער־שטריך פון וועלכן ס'איז ביוראָקראט, פארמאכט ווערן!

ט.

ס'זענען בלויז אדורך עטלעכע טעג, האָט זיך מרמר דערוווּסט, דורך דער פרוי פון מאקס עריק, אידא, וועגן דעם פארנעם פון דעם פּאָגראָם אויף די מיטארבעטער פון אינסטיטוט, וואָס איז פּאָרגעקומען אין דער נאכט פון 15טן אפּריל. אז די הויפּט וויסנשאפטלעכע מיטארבעטער זענען ארעסטירט, צווישן זיי אויך דער דירעקטאָר גרשון גאָראָכאָוו, דער פרום אָפּגעהיטענער שומר פון דער גענעראל־ליניע פון דער פּארטיי.

יעדן טאָג פון זיין אויפהאלטן זיך אין קיעוו, איז געוואָרן פּיינלעך. ער האָט זיך ממש נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט, מחמת די מאָראלישע ליידן

וועגן גורל פון זיינע יאָרן שרייבערישע פאַרשאַרבעטן, וואָס זענען געלעגן הינטערן שלאָס פון אינסטיטוט.

ער איז פיזיש אויסגעמאַטערט געוואָרן פון לויפן און פאָרן פון איין אדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט צום צווייטן, אַז ער איז נישט שולדיק קיין שטייערן, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין יורידישן פּראָצעס און אַז ס'איז נישטאָ אויף אים קיין שום יורידישע אָנקלאַגן. זיינע ביכער און פאַרש־מאַטעריאַלן האָט די אוקראַינישע אַקאַדעמיע שוין געהאַט באַשטעטיקט, אַז ער קאָן זיי צוריקפירן קיין אַמעריקע, אָבער דער "גלאַוואָליט", די הויפּט ליטעראַרישע אָפּטיילונג אין מיניסטעריום, האָט באַזונדערס אויף יעדן בוך, אויף יעדן אָנגעשריבענעם פּאַפּירל, געדאַרפט האָבן אַ באַשטעטיקונג, אַז מען מעג דאָס אַרויספירן פון ראַטן־פאַרבאַנד.

צו די אַלע שוועריקייטן, איז נאָך צוגעקומען דער פאַקט, וואָס אַ ריי אַמטן האָבן זיך געפונען אין כאַרקאָוו און ס'איז אים אויסגעקומען צו פאָרן אַהין און צוריק.

ווען מיר האָבן זיך ענדלעך געזעגנט פאַר זיין אָפּפאָרן קיין מאָסקווע, פון וואַנעט ער האָט ענדגילטיק געדאַרפט פאַרלאָזן דעם ראַטן־פאַרבאַנד, האָב איך מיט אים געשמועסט, אַז פאַר פּרוּוון ראַטעווען פון פיזישן אומקום אָט די וויסנשאַפטלעכע קולטור־טוער און בכלל די יידישע קולטור, דאַרף מען אויסנוצן די לינקע קולטור־טוער אין אַמעריקע. נישט מיטן פאַרשווייגן און פאַרגלעטן וועט מען זיי העלפן. מרמר איז מיט מיר פולשטענדיק מסכים געווען. ער האָט ביי אונדז גענומען דעם אַדרעס פון מיין פרויס ברודער אין פּאַריז און אין דעם לעצטן בריוו, וואָס איך האָב פון פּאַריז דערהאַלטן פון מיין ברודער, איז געווען וועגן מרמרס באַזוך ביי אים.

י.

נאָך דער מלחמה, אין 1946, ווען מיין פרוי איז צוריק געקומען קיין קיעוו פון דער עוואַקואַציע אין אוראַל, אין דעם ראיאָן פון די קוילנגרובנס, און מ'האָט איר נישט געוואָלט צוריק געבן דאָס צימער וווּ זי האָט געוווינט ביז דער עוואַקואַציע (בלויז פרויען, וואָס זייערע מענער זענען געווען אין דער אַרמיי, האָבן באַקומען די רעכט צוריק צו וווינען אין קיעוו) און אַז זי האָט נישט געהאַט קיין וווינונג־רעכט, האָט מען איר נישט צוריק

גענומען אין דער טעקסטיל־פאַבריק, ווו זי האָט געאַרבעט ביז איר אנטלויפן פון קיעוו. אז מען אַרבעט נישט, האָט מען נישט די רעכט צו באַקומען די ברויט־קאַרטע. זייענדיק אין דער פאַרצווייפלטער לאַגע, האָט זי דורך דער "מאָרגן־ פרייהייט" געשריבן א בריוו צו קלמן מרמרן.

איך דרוק איבער דעם בריוו, וואָס קלמן מרמר האָט געשריבן פון דײַרילענד צו אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנצן דעם 28טן יולי 1946.

"איר געדענקט מסתמא די פּאַריזער זאַלצמאַנס, נו, האָב איך דערהאַלטן פון איר א בריוו. זי האָט שוין א זון פון נײַן יאָר, זי איז מיט אים צוריק געקומען קיין קיעוו, זי גריסט אײַך און פּרענסיסן זײַער האַרציק, זאַלצמאַן איז אנדערשוווּ. נאָר זי האָט אָפּט בריוו פון אים..."

און א צווייטן בריוו געשריבן פון מרמרן דעם 6טן אויגוסט 1946:

"חברטע פּאָלא פון קיעוו ווייסט נישט מער פון איר ברודער אין פּאַריז, צוליב דעם האָט זי מיר טאַקע געשריבן איר בריוו, וועלכן איך האָב איבערגעשיקט דער "נייער צייטונג" אין פּאַריז און געבעטן די דאָרטיקע חברים עפּעס וואָס צו טאָן וועגן דעם, כ'האָב זיי אויך געשיקט איר ברודערס אַדרעס, וועלכן כ'האָב געזען סיי אין 1936 און סיי אין 1937, אין דער צייט פונעם יידישן אַלוועלטלעכן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז".

לייזער ראַן (דער שרייבער און קולטור־פאָרשער אין אַמעריקע) האָט מיר אויך דערציילט אן ענלעכן פאַקט וועגן זוכן הילף ביי מרמרן. ווען ער האָט געלעבט אויף דער עוואַקואַציע אין סאַמאַרקאַנד, האָבן אים צוויי פרויען געבעטן אויסגעפינען דעם אַדרעס פון זייערס א פעטער. האָט ער זיי אויך געגעבן דעם אַדרעס פון דער "מאָרגן־פרייהייט" און מרמר האָט זיך פּאָזיטיוו אָפּגערופן אויף דער ביטע פון די צוויי פרויען.

יאָרן־לאַנג האָב איך געטראַכט, ווי אזוי וועט קלמן מרמר האַנדלען, נאָך זיין צוריק קומען אין דער פרייער אַמעריקע. צי וועט ער האַנדלען ווי א רעוואָלוציאָנער און יושר־זוכער, אָדער ער וועט האַנדלען מיט דער פּאָליטישער אויסרעכענונג, אז דערציילן וועגן דעם, פון וואָס ער אליין איז געוווען אן עדות: פון דעם שרעקלעכן פּאָגראָם הן אויף די יידישע קולטור־שעפער, הן אויף די יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, קאָן אים, חלילה, שטעלן אין געפאַר אַריינצופאַלן אין לאַגער פון דעם אַנטי־סאָוויעטיזם און ער וועט האַלטן פאַר צוועקמעסיק צו פאַרשווייגן און פאַרגלעטן און

אפשר גאָר מיטהעלפן צו דעם גרויסן ליגן וועגן אויפבלי און וווקס פון דער יידישער קולטור?

ווען איך בין נאָך 27 יאָר אָפּוועזנהייט פון פאריז, צוריק געקומען און זיך באקענט מיט די מאטעריאלן וועגן דעם קולטור־קאָנגרעס, פאָרגעקומען אין פאריז אין 1937, און אז קלמן מרמר האָט זיך אין אים אקטיוו באטייליקט, ווי דער סעקרעטאר פון אמעריקאנער לאַנד־קאָמיטעט פארן קאָנגרעס, און גלייך ווי אלע אנדערע אנטייל גענומען און ניט רעאגירט אויף דער ליידיקער שטול פון די סאָוועטישע יידישע קולטור־טוער און שעפער — האָט דאָס באמת מיר ווי געטאָן. ווער־ווער, קלמן האָט דאָך געוווּסט דעם טרויעריקן אמת וועגן דער "ליידיקער שטול".

ווען איך האָב איבערגעלייענט ד"ר חיים סלאָוועס' אן ארטיקל אין דער פאריזער "נייע פרעסע" וועגן קלמן מרמר אויף דעם פאריזער קולטור־קאָנגרעס, האָב איך טיפער באנומען זיין אָנגעווייטיקט הארץ, די שטימונג פון מרמרן — און עטלעכע אויסצוגן ברענג איך דאָ:

"אין פאריז האָט קלמן מרמר, פול מיט עניוות, זיך געהאלטן א ביסל זייטיק פון קאָנגרעס־טומל. געוויסע מיטגלידער וועלכע זענען ביז דער לעצטער רגע נישט געווען אין גאנצן זיכער, צי זיי זענען אָנהענגער אָדער קעגנער פון קולטור־קאָנגרעס, האָבן אין פאריז דווקא געוואָלט שפילן די ראָל פון הויפּט־מחותנים. מרמר האָט געשמייכלט און ווי אן אויפריכטיקער גאסטגעבער זיך אָפּגעזאָגט פון אלע כיבודים. מען האָט אים ממש געדאַרפט אויפצווינגען, ער זאָל אָננעמען דעם פאָרזיץ פון דער וויסנשאפט־קאָמיסיע ביים קאָנגרעס".

איצט, 47 יאָר שפעטער, ווען איך טראכט וועגן זיין האלטן זיך אויפן קאָנגרעס, פארשטיי איך זיין אָנגעווייטיקט הארץ און זיין האנדלונג. אין אָנבליק פון אָנגרייפערישן נאצי־פאשיזם, ווען די אייראָפּעישע אטמאָספער איז שוין געווען פארטשאדעט פון מלחמה־געפאר, האָט ער נישט געקענט — און אפשר, פון נאציאָנאלן יידישן שטאנדפונקט, אויך נישט געטאָרט — פירן דעם קאמף פאר דער יידישער קולטור אויף ביידע פראָנטן.

וועגן זיין אינערלעכער צעריסנקייט און נישט זיין גאנץ מיט זיך, שרייבט דער דיכטער שלום שטערן אין זיין מאמר וועגן מרמרן אין "יידישע קולטור", סעפטעמבער־אָקטאָבער־נומער 1981.

ער שרייבט דאָרטן, אז ער האָט מיטגעטיילט מרמרן, אז עטלעכע "לינקאטשעס" וואָס זענען געווען אויף א באזוך אין סאָוועטן־פארבאנד, זענען צוריק געקומען מיט א באריכט, אז די יידישע שולן זענען געשלאָסן געוואָרן, מחמת יידן אליין ווילן ניט שיקן זייערע קינדער אין די יידישע שולן.

אויף דעם ענטפערט אים מרמר: איך בעט אייך, איר זאָלט נישט פארשווייגן דעם בלבול אויף די סאָוועטישע יידן. איך האָב געלעבט אין קיעוו, געמאכט מיין פאָרשארבעט און די יידישע קולטור האָט געבליט.

שלום שטערן גיט אָן, אז ער האָט געטראכט, פאר וואָס זאָל מרמר אליין וועגן דעם ענין נישט ענטפערן. אָבער ער האָט גיך באקומען א צווייט בריוול, אין וועלכן מרמר האָט אים געעצהט נישט צו שרייבן ווייל סאָוועטן־פארבאנד האָט א סך שונאים וואָס ווילן אים איינשלינגען, דארף מען אין איצטיקן מאָמענט שווייגן און נישט צושטיין צו די שונאים.

די סיבה, וועלכע האָט גורם געווען און געווירקט, אז ער זאָל אזוי האנדלען אינעם דעמאָקראטישן אמעריקע, האָט ער, ליידער, מיטגענומען מיט זיך אין קבר.

שארל ראַפּאַפּאָרט

איך האָב געהאט דעם זכות צו קענען אים פּערזענלעך. אייניקע מאָל איז מיר אויסגעקומען צו באזוכן אים געזעלשאפטלעך אין זיין היים, אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן. זיין אַרבעט־צימער איז געווען פארלייגט מיט צייטונגען און זשורנאלן. קיין פרייע שטול איז ניט געווען. ער האָט שוין דעמאָלט געהאלטן נאָענט צו די זיבעציק. ער איז געווען באבערדלט און סתם פארוואַקסן. פון ניט קיין הויכן וווקס, א פולער, כמעט א קיילעכיקער, דערצו אָפּגעלאָזט אין דעם אָנטאָן. ס'האָט אָבער פון אים געשפרודלט מיט הומאָר און חכמה. אפילו זיינע עפנטלעכע ארויסטריטן פאר פראנצויזן, זענען געווען דורכגעפלאָכטן מיט יידישן פאָלקס־הומאָר, וואָס האָט איבערגעלאָזט אן אומפארגעסלעכן איינדרוק. א באזונדער טיפן רושם האט זיין פארזענלעכקייט געמאכט אויף מיר. אין די 20—30קער יאָרן איז דאָך בכלל געווען א זעלטנהייט צו טרעפן אן עלטערן ייד אין דער קאָמוניסטישער באוועגונג. אָבער א באזונדער ציטערדיקער דרך־ארץ איז געווען צו אים, מחמת ער איז געשטאנען אין נאָענטע פארבינדונגען מיט אונדזערע פארהייליקטע "געטער" פון דער רוסישער רעוואָלוציע, געארבעט מיט זיי צוזאמען. איז דאָס ביי אייך א קלייניקייט? איז אויך אויף אים דירעקט געפאלן א פונק פון יענע העלדן! אזוי האָבן די יונגע, רעוואָלוציאָנערע ענטוזיאסטן געטראכט וועגן אים, און איך — צווישן זיי.

צוריק קומענדיק קיין פאריז נאָך 27 יאָר אָפּוועזנהייט, האָב איך זיך דערוווּסט וועגן די לעצטע יאָרן פון ראַפּאַפּאָרטס לעבן, וועגן זיין גורל. אין 1934, האָט ער אָפיציעל אלארמירט די פירער פון דער פראנצויזישער קאָמוניסטישער פארטיי, וועגן דער טויט־געפאר וואָס הענגט איבער די קעפּ פון דער גאנצער פלעיאדע אלטע באָלשעוויקעס, לענינס מיטארבעטער פון פאר און נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע; אין 1936 האָט ער עפנטלעך איבערגעריסן מיטן סטאליניזם, געוואָרן איזאָלירט פון חברים און פון דער גאנצער סביבה. אפילו זיין טאָכטער און איידעם זענען פון אים

געווען דערוויטערט, ווייל זיי זענען פארבליבן אין דער פארטיי. אויך דער פרנסה־קוואל איז געוואָרן איבערגעריסן, ווייל די לעצטע יאָרן האָט ער געארבעט אלס קאָרעספּאָנדענט פון דער מאָסקווער "איזוויעסטיאָ". די גאנצע קאָמוניסטישע פרעסע האט געפירט קעגן אים א ווילדע העצע, לויט דעם באקאנטן נוסח, אז "מיט יאָרן צוריק האָט ער אָנגעהויבן צו פירן אין דער פארטיי אן אונטערגראָבערישע טעטיקייט"...

זייענדיק שוין אין טיפן עלטער, האָט ער זיך גענומען די דרייסטקייט און עפנטלעך ארויסגעטרעטן קעגן סטאליניזם. געטאָן האָט ער דאָס אין אינטערנאציאָנאלן מאסשטאב, נישט געקוקט אויף דעם אינטעלעקטועלן און פיזישן טעראָר, וואָס די סטאליניסטן פלעגן אָנווענדן קעגן פארטייאישע אָפּאָזיציאָנערן.

דער שרייבער און דענקער ד"ר זשיטלאָווסקי, לאנגיאָריקער חבר און פריינד פון ראַפּאַפּאָרטן, שרייבט אין דער פאָררעדע צום בוך זכרונות פון א תלמיד פון שארל ראַפּאַפּאָרט, פון זיין ווילנער פעריאָד אין די אכציקער יאָרן:

"צו ראַפּאַפּאָרטן האָט מיך געצויגן ניט נאָר זיין ריינער, ערנסטער רעוואָלוציאָניזם מיט כמעט א באקונינישער רעוואָלוציאָנערער ליידנשאפט, נאָר אויך זיין העלער, פרייער, טעאָרעטישער קאָפּ. בלויז ביי אים האָב איך געפונען יענעם גייסטיקן קוראזש, וואָס קען נישט איינגעצוימט ווערן אין פארגליווערטע דאָגמעס. ער האָט געהערט צו יענע דענקער־טיפּן, וועלכע איך שאץ צום העכסטן".

*

ער איז געבוירן אין יאָר 1865, אין שטעטל דוקש, קאָוונער גובערניע. זיין פאָטער, א באלעבאטישער ייד, א למדן און חסיד, איז געווען א קלוגער, וויציקער מענטש, וואָס האָט געפירט גוטע געשעפטן. ער איז אָבער שפּעטער געשטאָרבן אן אָרעמאן. שארל ראַפּאַפּאָרט האט געלערנט אין א חדר און אין א ישיבה לעבן דווינסק; ער האָט געשעמט פאר אן עלוי. זיינע עלטערן האָבן געהאָפט, אז ער וועט ווערן א רב. געווען איז ער טאקע פאנאטיש פרום, "געגעסן טעג", ער האָט אָבער אָנגעהויבן לייענען די השכלה־ליטעראטור און פרץ סמילאנסקיס "השחר". גענומען שרייבן (אנאָנים) אין דער "הצפירה" און "המליץ". צו דרייצן יאָר איז ער אוועק קיין ווילנע און אָנגעהויבן אליין

זיך צו בילדן. אין 1887 פאַרענדיקט א גימנאַזיע אלס בעסטער שילער. שוין דאָרט אָנגעהויבן לערנען פילאָזאָפיע.

אין ווילנע איז ער איינער פון די איניציאַטאָרן צו שאַפן א קרייז פאַר זעלבסטבילדונג און זעלבסטהילף. דער פירער פון קרייז איז געווען איסיי אייזנשטאַט, ווי אויך יודין, שפּעטער באַקאַנטע פירער פון "בונד". ראַפּאַפּאָרט האָט געהערט צום קרייז פון יונגע "נאַראָדאָוואָלצעס". אינעם זעלבן יאָר 1887, איז פאָרגעקומען דער נישט געלונגענער אַטענטאַט אויפן צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטן און ס'איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אַלעקסאַנדער אוליאַנאָוו, לענינס ברודער. א כוואַליע פון אַרעסטן איז פאָרגעקומען אין דער גאַנצער רוסישער אימפּעריע. באַזונדערס האָט דאָס געטראָפן ווילנע, וווּ ס'זענען אַרעסטירט געוואָרן די צוויי ברידער פּילסודסקי — יוזעף און בראָניסלאַוו, ווי אויך דער שפּעטערדיקער מאַן פון ראָזאַ לוקסעמבורג.

ראַפּאַפּאָרט האָט געשאַפן א קרייז פון לערער, זיי זאָלן אויפנעמען די בחורים, וואָס זענען געקומען קיין ווילנע זוכן ליכט און וויסן. ווי עס שרייבט זיין תלמיד ראָזענבלום, האָט ראַפּאַפּאָרט אוועקגעגעבן א סך ענערגיע צו העלפן תלמידים. ער אליין האָט גוט פאַרדינט פון געבן פּריוואַטע לעקציעס, ווייל ער האָט געשמט פאַר א גוטן פּעדאַגאָג. דאָך האָט ער געלעבט אין אָרעמקייט, געטראָגן צעריסענע שיך און אָפּגעטראָגענע מלבושים. זיינע פאַרדינסטן פלעגט ער אוועקגעבן די אָרעמע יונגעלייט, וואָס זענען פון דער פּראָווינץ געקומען לערנען קיין ווילנע.

צוליב די אַרעסטן, האָט ראַפּאַפּאָרט, נאָכן דורכגעפאַלענעם אַטענטאַט, פאַרלאָזט ווילנע און אין אָקטאָבער 1887 געקומען קיין פּאַריז, וווּ ער איז געוואָרן טעטיק אינעם פאַרבאַנד פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן. פאַקטיש זענען דאָס געווען יידישע אַרבעטער, אָפּשטאַמיקע פון רוסלאַנד. סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד איז געווען אָסיפּ צעטקין, דער מאַן פון קלאַראַ צעטקין. ראַפּאַפּאָרט איז געוואָרן נאָענט מיט סטאַניסלאַוו מענדעלסאָן, דער גרינדער פון פּ.פּ.ס. און יוליאַן ראַבינאָוויטש, פאָרשטייער פון דער "נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". ער איז געוואָרן אָן אָפטער באַזוכער ביים באַוווּסטן רוסישן פילאָזאָף און רעוואָלוציאָנער פּיאָטר לאַווראָוו, וואָס האָט געהאַט א גרויסע, פּאָליטיש־מאָראַלישע אויסווירקונג אויף דער

רוסישער עמיגראַציע, ווי אויך גרויס אויטאָריטעט ביי דער פראַנצויזיש־פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ.

*

אין יאָר 1890 באַזעצט זיך ראַפּאַפּאָרט אין ציריך. דאָרט לערנט ער פילאָזאָפיע אויפן אוניווערסיטעט, ביי פיליפּ ריכאַרד אווענאַריוס, באַגרינדער פון א טעאָריע, אַז ווען מיר געפינען א לייזונג צו א פּראָבלעם, באַקומט אונדזער מוח א תיקון און ס'ווערט באַפרידיקט אונדזער פיזיאָלאָגישער גלייכוואָג. אין 1891 האָט זיין ערשטע פרוי פאַניע ראַטנער, איבערגעזעצט אויף רוסיש דעם דייטשישן פילאָזאָף קאַנט. אין דעם זעלבן יאָר האָט ראַפּאַפּאָרט אָנגעהויבן שרייבן א פילאָזאָפיש ווערק אין דייטש, נאָר זיינע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייטן, האָבן אים אָפּגעריסן פון שרייבן. אינטערעסאַנט זיין ווידמונג ביים שענקען דער פרוי זיינער די ווערק פון לודוויק בערנע: "ליגט די פרייהייט אין בלוט, וועלן מיר זי פון דאָרט ארויסבאַקומען; ליגט זי אין א ים פון שמוץ, וועלן מיר זי אויך פון דאָרט ארויסבאַקומען." ראַפּאַפּאָרט איז דערנאָך אריבערגעפאָרן לערנען קיין בערלין, אָבער פאַר זיין פּאָליטישער טעטיקייט, ארויסגעשיקט געוואָרן פון שטאָט און איז אריבער אין דער שווייצער־שטאָט בערן, דאָרט אָנגעהויבן לערנען און זיך דערנענטערט צו ד"ר חיים זשיטלאָווסקי. צוזאַמען מיט אים האָט ער געגרינדעט אין ציריך דעם פאַרבאַנד פון די רוסישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, פון וועלכן ס'האָט זיך שפּעטער אויסגעבילדעט די שטאַרקע עס־ער־פּאַרטיי אין רוסלאַנד. איר פּראָגראַם האָט פאָרמולירט ראַפּאַפּאָרט. צו דער ערשטער גרופּע חברים, האָבן אָנגעהערט: יעקאַטערינא ברעשקאָווסקאַיאַ, די שפּעטערדיקע "באָבע פון דער רוסישער רעוואָלוציע", ווי אויך דער פירער פון די עס־ערן, טשערנאָוו. צו דער גרופּע איז אויך צוגעשטאַנען אַנסקי. די ערשטע עלף נומערן פון זשורנאַל, וואָס די באַוועגונג האָט ארויסגעגעבן (און איבערגעשיקט געוואָרן קיין רוסלאַנד אומלעגאַל), האָט רעדאַגירט ראַפּאַפּאָרט.

אין 1894 פאַרענדיקט ראַפּאַפּאָרט דעם בערנער אוניווערסיטעט מיטן טיטל דאָקטאָר פון פילאָזאָפיע. ער האָט אָנגעשריבן א בוך וועגן די מעטאָדן און די הויפּטריכטונגען אין דער געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע, וואָס איז דערשינען אין דייטש, פראַנצויזיש און רוסיש. אין 1897, האָט אויך זיין פרוי

באקומען דעם דאָקטאָר־טיטל פון עקאָנאָמיע. אין לאָנדאָן, ביים צוגרייטן זיין וויסנשאפטלעכע ארבעט "די סאָציאלע פראָבלעמען און די עטיק", באקענט זיך ראַפּאַפּאָרט מיט פרידריך ענגעלס, וואָס האָט אויף אים געהאט א גרויסע ווירקונג. ווען אין 1897 איז פיאָטר לאווראָוו געשטאָרבן, האָט אים ביים קבר געזעגנט שארל ראַפּאַפּאָרט אין נאָמען פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן און ציטירט לאווראָוון, אז "יעדער מענטש דארף זיך באמיען צו שאפן ארום זיך א בעסערע, גייסטיקע אטמאָספערע" און אז "די מאָראל פון יחיד איז שטארק אָפּהענגיק פון דער געזעלשאפטלעכער מאָראל".

ראַפּאַפּאָרט האָט אָנגעהויבן מיטארבעטן אין דעם סאָציאליסטיש־טעאָרעטישן זשורנאל "רעווי סאָציאליסט", וווּ ער האָט געשריבן וועגן פילאָזאָפישע פראגן. זיינע ערשטע, גרויסע, פּאָלעמישע ארטיקלען וועגן שטרייט אין דער דייטשישער סאָציאל־דעמאָקראטיע צווישן בערנשטיין און באבעל, האָט ער געחתמעט "סומאכאס" (קעמפער, אין גריכיש). ער האָט אויך געענטפערט מיט א גרויסן ארטיקל פּאָל לאַפאַרגן (איידעם פון קארל מארקס), וואָס איז ארויסגעטרעטן קעגן דעם קולט פון דער אינטעליגענץ. ראַפּאַפּאָרט האָט פארטיידיקט די ראָל פון דער אינטעליגענץ אין דער רעוואָלוציע, לויט דער טעאָריע פון פיאָטר לאווראָוו. ער איז געווען נאָענט צו די פראנצויזישע סאָציאליסטן, וואָס האָבן זיך גרופּירט ארום זשאן זשאָרעס און גאָר באזונדערס — אין לויף פון דער דרייפוס־אַפערע, וואָס האָט צעטיילט נישט נאָר די פראנצויזישע געזעלשאפט, נאָר אויך די סאָציאליסטישע פארטיי. אירע פירער, זשיל געד און לאַפאַרג, זענען, ווי די אנארכיסטן און די בלאנקיסטן, געווען קעגן אריינמישן זיך, ווען מ'האָט פארמשפט א רייכן ייד, א קאפיטאן פון דער ארמיי. ווי ווייט די פראנצויזישע פארטיי איז געווען פארסמט מיטן אַנטיסעמיטישן גייסט, זאָגט עדות די אָפּשטימונג אין פארלאמענט דעם 7טן יולי 1898. פון די 57 דעפּוטאטן פון דער סאָציאליסטישער פראקציע, האָבן 45 געשטימט פאָרן פאָרשלאג פון דעם רעכטן, אנטיסעמיטישן קריגס־מיניסטער קאווניאק, נישט צו רעווידירן דעם פראָצעס פון דרייפוסן. בלויז 12 אָנהענגער פון זשאָרעסן, האָבן זיך אָפּגעהאלטן פון שטימען. גיך איז אָבער קלאָר געוואָרן, אז דאָ גייט נישט בלויז אין גורל פון דרייפוסן, נאָר אין דער רעפּובליקאנער פרייהייט.

ראַפּאַפּאָרט איז געוואָרן א הייסער אָנהענגער פון זשאָרעסן אין קאמף צו רעווידירן דעם פּראָצעס. ער האָט דערקלערט:

— אויב איך האָב פארגעסן אז כ'בין א ייד, האָט עס מיך דערמאָנט די דרייפוס־אַפערע און כ'האָב גענומען אויף זיך מיין טייל יידישע צרות.

ער טרעט ארויס מיט רעפעראטן אויך ביי די יידישע עמיגרירטע ארבעטער, וואָס זענען לרוב געווען אנארכיסטיש געשטימט. ער שרייבט אין דער פראנצויזישער פרעסע. דער פארביסענער פּאָליטישער קאמף, האָט דערפירט צו א מיניסטאָרן־קריזיס און אין 1899, איז צום ערטן מאָל א סאָציאליסט אריינגעטראָטן אין א בורזשואזער רעגירונג. און זשאָרעס פרעגט דעמאָלט ראַפּאַפּאָרטן א פּרינציפּיעלע פראגע: — צי קען א סאָציאליסט זיך באטייליקן אין א בורזשואזער רעגירונג?

ראַפּאַפּאָרט איז געווען קעגן און פאָרגעלייגט זשאָרעסן אדורכצופירן אַן אינטערנאציאָנאלע אנקעטע. בנוגע דער שטעלונג צו דער דרייפוס־אפערע, זענען באַבעל, פּלעכאַנאָוו, קאוטסקי, טוראטי און טשערנאָוו מסכים געווען מיט זשאָרעסן. בלויז ליבקנעכט איז געווען קעגן. וועגן אנטייל אין דער רעגירונג, האָבן אלע, אויסער וואנדערוועלד און טשערנאָוו געענטפערט ניין!

אין 1899, אויפן ערשטן קאָנגרעס פון צווייטן אינטערנאציאָנאל אין פאריז, באקענט זיך ראַפּאַפּאָרט מיט פּלעכאַנאָוון און אַקסעלראָדן. ער איז דעמאָלט מסכים געווען מיט די רוסישע מארקסיסטן, אז אין רוסלאנד אנטוויקלט זיך דער קאפּיטאליזם און בויען דאָרט די צוקונפטיקע סאָציאליסטישע געזעלשאפט אויף דער באזע פון דער ספּעציפיש־רוסישער דאָרפישער־ווירטשאפט, ווי די נאַראָדניקעס האָבן דאָס פּאָרויסגעזען — איז אוממעגלעך. אין דער זעלבער צייט, האָט ער אויך איבערגעקוקט פּריערדיקע, אידעישע איינשטעלונגען זיינע און האָט איבערגעריסן מיטן פארבאנד פון די רוסישע סאָציאליסטן־רעוואָלוציאָנערן, די אידעישע פּאָרזעצונג פון דער "נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". ער האָט וועגן דעם אָפּגעגעבן אַן עפנטלעכע אויפקלערונג, שטיצנדיק זיך אויף מאטעריאלן וועגן דער אנטוויקלונג פון דער קאפּיטאליסטישער ווירטשאפט אין רוסלאנד.

*

ראַפּאַפּאָרט איז געוואָרן א צענטראלע פיגור אין דער

פראנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווי אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ארבעטער־באַוועגונג. אַמאָל האָט דער פראנצויזישער מיניסטער אריסטיד בריאַן אים פאָרגעהאַלטן: "איר זענט מיר גאָרנישט דאַנקבאַר פאַרן באַקומען די פראנצויזישע בירגערשאַפט?". האָט ראַפּאַפּאָרט דערויף געענטפערט: "איך צאָל אָפּ פראנקרייך מיט מיין געטריישאַפט דעם סאָציאַליזם".

אין 1911, אויף דעם סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, האָט ראַפּאַפּאָרט געהאַט אַ פיינלעכע דיסקוסיע מיט זשאָרעסן וועגן דער צייטונג "הימאַניטע", אָבער גאַנץ שנעל האָט זיי פאַראייניקט דער קאַמף קעגן דער מלחמה־געפאַר. אויף זיין אייגענעם חשבון, האָט ראַפּאַפּאָרט זיך גענומען צום אַרויסגעבן אַ חודש־אויסגאַבע, אין קאַמף קעגן דער מלחמה־געפאַר. ער האָט גערופן צו שטימען קעגן די קריגס־בודזשעטן און אין פאַל פון אַ מלחמה־דערקלערונג, האָט ער פאַרלאַנגט צו פּראָקלאַמירן אַ גענעראַל־שטרייק. אויף דער ארענע פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָט דאַן זשאָרעס פאָרמולירט דעם אונטערשייד צווישן נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג און אַגרעסיע. אויך ער האָט געגלויבט אינעם כוח פון אַ גענעראַל־שטרייק.

נאָכן מאָרד איבער זשאָרעסן, זעצט ראַפּאַפּאָרט פאָר דעם קאַמף קעגן מלחמה. אויף דער איניציאַטיוו פון רוסישן רעוואָלוציאָנער אַנטאָנאָוו אָווסיענקאָ, רעדאַגירט ער אַ רוסישע אויסגאַבע "גאָלאָס". נאָכן פאַרווערן די אויסגאַבע, גיט ער אַרויס אַ צווייטע, א.נ. "נאַשע סלאָוואָ", און שפּעטער – "נאַטשאַלאָ". ער געהערט צום אינטערנאַציאָנאַלן אַנטי־מלחמה קאָמיטעט און רעפּרעזענטירט דאָרט די פראנצויזישע פּאַציפיסטן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. נאָך דער מלחמה, האָבן די פראנצויזישע מיטגלידער פון דעם קאָמיטעט זיך דעפינירט ווי אָנהענגער פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל און געפאָדערט פון דער פראנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אָנצונעמען די 21 פּונקטן פון קאָמינטערן. אויפן קאָנגרעס אין דער שטאָט טור, אין יאָר 1920, האָבן זיי באַקומען אַ מערהייט און דערפירט צו אַ שפּאַלטונג אין די סאָציאַליסטישע רייען. ראַפּאַפּאָרט ווערט אַ מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער געשאַפענער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. נישטאָ אָבער קיין האַרמאָניע און צוזאַמענאַרבעט מיטן גענעראַל סעקרעטאַר באָריס סוּוואַרין.

סוואַרין איז גאַנץ שנעל באַזייטיקט געוואָרן פון דער קאָמוניסטישער אָנפירונג און אויפן באַפעל פון מאָסקווע אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי. אָבער פאַר דעם איז ראַפּאָפּאָרט באַזייטיקט געוואָרן פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט דורך סוואַרינען און דערווייטערט, אַלס רעדאַקטאָר, פון דער שטראַסבורגער אויסגאַבע פון דער "הימאַניטע" אין דייטש. דאָך איז ער געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער קאָמוניסטישער טאָג־צייטונג "ל'אַנדענע" אין דער שטאָט ליל, אָבער נישט לאַנג. די פּאַריזער אָנפירונג האָט אים אויך פון דאָרט צוריק געצויגן.

צו דער צייט לעבט ראַפּאָפּאָרט איבער אַ פּערזענלעכע טראַגעדיע. אין 1923 שטאַרבט זיין צווייטע פרוי אין רעזולטאַט פון אַ באַן־קאַטאַסטראָפע, און זיין טאָכטער פאַניע איז אַ קרבן פון אַ טעראָר־שאַנטאַזש. מען דראָט זי צו דערהרגענען. אָבער טראָץ די שווערע איבערלעבונגען, גייט ער ווייטער אָן מיט זיינע אַקטיוויטעטן. אין צווישנצייט ווערט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין פראַנקרייך רעאָרגאַניזירט אויפן סיסטעם פון דער סאָוויעטישער פּאַרטיי. ראַפּאָפּאָרט איז קעגן דער באָלשעוויזאַציע פון דער פּאַרטיי. דאָך איז ער נישט אויסגעשלאָסן געוואָרן פון אירע רייען, ווייל זיין אָנזען איז גרויס און אויך צוליב דעם רעספּעקט צו אים, דעם רעוואָלוציאָנערן וועטעראַן.

אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן, איז ראַפּאָפּאָרט פּראָפעסאָר פון מאַרקסיזם אין אַ שול, וואָס ער אַליין האָט זי געגרינדעט און מיט איר אָנגעפירט במשך 5 יאָר. ער זעצט איבער און רעדאַגירט צענדליקער בראָשורן פון מאַרקסיסטישן אינהאַלט. די פּאַרטיי האַמעוועט אָבער זיינע שעפערישע איניציאַטיוון, וואָס ווירקט זיך אויס אויף זיין עקאָנאָמישער לאַגע. פאַרבליבן איז אים די באַגרענעצטע טעטיקייט פון אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער מאָסקווער "איזוועסטיאַ".

*

אין 1922 פאַרברענגט ער 4 חדשים אין מאָסקווע, ווו ער טרעפט חברים, מיט וועלכע ער האָט מיטגעאַרבעט. דאָס זענען געווען רעוואָלוציאָנערע טוער, וואָס האָבן געלעבט אויף עמיגראַציע. ער האָט אין מאָסקווע בייגעוווינט דעם פּאָליטישן פּראָצעס קעגן די עס־ער'ן, באַשולדיקטע אין "קאָנטררעוואָלוציע". ער האָט געגלויבט, אַז די באַציאונג צו זיי איז אַ

קאָרעקטע, א מענטשלעכע, זיי דראָט נישט קיין טויט־שטראָף. ס׳איז געווען פּאָרויסגעזען זיינע א טרעפונג מיט לענינען, וואָס איז אָבער נישט צושטאַנד געקומען. עפּעס ענלעכס איז פּאָרגעקומען אין 1927, ווען ראַפּאַפּאָרט, דער וועטעראַן פון דער סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז געוואָרן איינגעלאַדן קיין מאָסקווע בייצווווינען די פייערונגען לכבוד 10 יאָר אָקטאָבער־רעוואָלוציע. פון דער פראַנצויזישער דעלעגאַציע, זענען אַלע געוואָרן אויפגענומען דורך סטאַלינען. נאָר ראַפּאַפּאָרט נישט.

די קאַלטע, נעגאַטיווע באַציאונג פון מאָסקווע צו ראַפּאַפּאָרטן געפין איך אין בוך ״לענין״, פון היסטאָריקער און זשורנאַליסט דוד שוב, וואָס ברענגט די כאַראַקטעריסטיק פון ראַפּאַפּאָרטן וועגן לענינען אין 1913, נאָך א סך־הכל פון יאָרן, ווי ער האָט אים געקענט אויף דער עמיגראַציע:

״לענין האַלט זיך פאַר א סאָציאַליסט, און ווער עס טרעט אַרויס קעגן אים, איז אויף אייביק פאַרמשפּט פון אים. ער פאַרנעמט אין דער רעוואָלוציאָנערער מחנה די זעלבע לאַגע, וואָס סטאָליפּין ביים צאַריזם. אין טויט־שטראָף זעט ער דאָס איינציקע מיטל צו פאַרזיכערן דאָס לעבן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס). דאָס איז א מענטש, וועלכער דערקלערט מלחמה יעדן איינציקן, וואָס דענקט נישט אַזוי ווי ער. אַנשטאַט צו קעמפן מיט זיינע קעגנער אין דער סאָציאַל־דעמאָקרטישער פּאַרטיי דורך דיסקוסיעס, ווייסט לענין נאָר פון כירורגישע מיטלען, פון אָפּצאַפּן בלוט. קיין שום פּאַרטיי וואָלט נישט געקענט עקזיסטירן אונטערן רעזשים פון אָט דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן ״קייסערל״, וועלכער האַלט זיך פאַר אן אויבער־מאַרקסיסט. אין, וועלכער געהער נישט צו קיין איינער פון די קעמפנדיקע פראַקציעס אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, בין ביי זיך דער מיינונג, א דאַנק מיין לאַנגיאָריקער דערפאַרונג, אַז לענינס זיג וואָלט געווען די גרעסטע געפאַר.״

ליידער, האָט דאָס לעבן באַשטעטיקט ראַפּאַפּאָרטס געדאַנק, וואָס איז קאָנסעקווענט אַדורכגעפירט געוואָרן מיט נאָך א מער בלוטיקער, פרעכער פויסט דורך סטאַלינען, מיט דער הילף פון זיין אויסגעבויטן אונטערדריקונג־אַפּאַראַט.

*

אין די היסטאָרישע שריפטן פון ייווא (1932), איז פארעפנטלעכט אן אינטערוויו מיט ראַפּאַפּאָרטן. אויף דער פראגע וועגן זיין באציאונג צו יידן און יידנטום, האָט ער געענטפערט:

"איך בין געווען און פארבליבן אן אינטערנאציאָנאליסט. אין די יונגע יאָרן, געווען ווי אלע אין מיין פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכער סביבה — א קאָסמאָפּאָליט. איך האָב וועגן דעם נישט ווינציק זיך ארומגעריסן מיט חיים זשיטלאָווסקי. איך האלט, אז יידן זענען דאָפּלטע פּראָלעטאריער: פון עקאָנאָמישן שטאנדפונקט, ווייל 90 פּראָצענט זענען אָרעם; פּראָלעטאריער — נאציאָנאל, ווייל זיי האָבן נישט קיין אייגענע מלוכה. פּראָלעטאריער זענען קעגן פּריוואט־אייגנטום, דערפאר בין איך קעגן נאציאָנאליזם בכלל — און אויך ביי יידן. די גרויסע ליידן האָבן יידן געמאכט פאר מענטשן, יידן זענען אן אלטע, מיוחסדיקע נאציע, א גייסטיק־אריסטאָקראטיש פּאָלק. און פּונקט ווי דער המון האָט נישט ליב די אינטעליגענץ, אזוי האָבן די המונים פון די ארומיקע פעלקער נישט ליב די יידן, וואָס זענען א גייסטיק פּאָלק. די מאָדערנע מלוכות האָבן זיך אויפגעבויט מיט דער שווערד און מלחמות. די שנאה צו יידן, איז דער ווידעראנאנד צווישן מאטעריע און גייסט. איך רעד 10 שפּראכן — און אלע אין יידיש. צי פיל איך זיך א ייד? 53 יאָר האָב איך אָפּגעגעבן דער סאָציאליסטישער באוועגונג, 38 יאָר אין פאריז."

און דאָך, טראָץ זיין אינטערנאציאָנאליזם, האָט ער געהאט א באזונדערן, ווארעמען סענטימענט צו דער יידישער ארבעטער־באוועגונג. שוין אין 1902, ביי די פארלאמענט־וואלן, איז אויף זיין איניציאטיוו ארויסגעגעבן געוואָרן דורך דער פראנצויזישער סאָציאליסטישער פארטיי א יידישער אויפרוף צו די וויילערס פון 3טן און 4טן אראָנדיסמאן אין פאריז. טראָץ זיין כסדריקער פארנומענקייט, האָט ער אין די דרייסיקער יאָרן געשריבן פּאָליטישע ארטיקלען אין דער יידישער קאָמוניסטישער פרעסע. ער פלעגט באשיינען די גרויסע יידישע פּאָלקס־פארזאמלונגען, אָרגאניזירט פון די יידישע קאָמוניסטן. ארויסגעטרעטן אויף מיטינגען פון דער פראנצויזישער רויטער הילף קעגן די אנטיסעמיטישע עקסצעסן אין פוילן און רומעניע, אויף וועלכע איך פערזענלעך האָב געהאט דעם כבוד אים איינצולאדן.

נישט געווען איין פאל, ער זאָל אָפּזאָגן. איך פלעג באַוווּנדערן זיין יוגנטלעכן ענטוזיאַזם.

ווען היטלער־דייטשלאַנד האָט אָקופּירט פראַנקרייך, האָט ראַפּאַפּאָרט באַוויזן זיך צו עוואַקואירן אין דער א.ג. פרייער זאָנע, נאָר אין איינזאַמער, קראַנק־צעבראָכענער מענטש. אין די היסטאָרישע שריפטן פון ייִוואָ (1942), איז אָפּגעדרוקט זיין לעצט בריוול, געשריבן אויפן קראַנקן־בעט אין א שפּיטאָל אין שטעטל קאַהאַר (דעפּאַרטאַמענט לאַט):

„8טער אָקטאָבער, 1941. טייערע פריינד. נישט זייענדיק פאַרצווייפלט, דאַרף מען פאָרויסזען. איך וויל, אַז אויף מיין קבר, זאָל געזאָגט ווערן א פּאָר ווערטער פון א פאָרשטייער פון דער קהילה, אָדער פון א יידישער אָרגאַניזאַציע. דהיינו? — ׳ישראל ראַפּאַפּאָרט שטאַרבט געטריי די סאָציאַלע, הומאַניטאַרע און דעמאָקראַטישע אידעען, וואָס ער האָט פאַרטיידיקט זיין גאַנץ לעבן. ער באַדויערט, וואָס ער האָט נישט געאַרבעט ספּעציעל פאַרן יידישן פאָלק. ער האָט געמיינט, אַז מיט זיין אַרבעט פאַרן אַלגעמיינעם, מענטשלעכן פּראָגרעס, האָט ער אויך געאַרבעט פאַרן יידישן פאָלק, מיט וועלכן ער סאָלידאַריזירט זיך, האָט ליב און האַלט אים טייער. ער האַלט, אַז די רדיפות אויף יידן זענען א גרויס אומגליק און א חרפה פאַר דער מענטשהייט, אַז סוף־כל־סוף וועט דער דאָזיקער חטא פאַרשווינדן. טייערע פריינד, איך האָב שוין לאַנג פאַר דעם געוואָלט שרייבן. איך נעם אייך אַרום, מיינע פריינד.״

דער בריוו איז געשריבן צום פאָרשטייער פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק.

*

א לעבן פון אַזא אינטעלעקטועלער פּערזענלעכקייט, ווי ס׳איז געווען שאַרל ראַפּאַפּאָרט, איז דער בעסטער שליסל צו דערלערנען זיין צייט און סביבה. וואָלט די ידיעה דערגאַנגען צו די קרבנות פון די אינסצעניזירטע, בלוטיקע מאָסקווער פּראָצעסן, צו די עטלעכע צענדליק טויזנטער פּאָליטישע עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך געפינען אין ראַטן־פאַרבאַנד, צו די לעבן־געבליבענע אַלטע באָלשעוויקעס, וועלכע זענען כמעט טאָטאַל אַרעסטירט געוואָרן און דורכגעגאַנגען אינקוויזיציע־

אויספאָרשונגען אין די נ.ק.וו.ד.־תפיסות — וואָלט צו זיי אלע דערגאַנגען, אַז אזא פערזענלעכקייט, ווי שארל ראַפּאַפּאָרט, וואָס איז געשטאַנען ביים וויגל פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד און געבויט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין פראַנקרייך, אַז ער איז **עפנטלעך און מיט כוח** ארויסגעטרעטן קעגן דעם סטאַליניסטישן טעראָר, ווי וואָלט דאָס געשטאַרקט מאָראַליש און פיזיש די קרבנות. דאָס וואָלט געווען א באַלזאַם פאַר זייערע ליידן — נישט אָפּצושאַצן. דער מעכטיקער אונטערדריקונג־אַפּאַראַט האָט אָבער מיט אן אייזערנעם פאָרהאַנג איזאָלירט די סאָוויעטישע אימפּעריע, נישט צוגעלאָזט קיין שום אויסערלעכן, פרייען געדאַנק. און טויזנט־פאַכיק איזאָלירט זענען דעמאָלט געווען די ארעסטירטע אין די תפיסות און אין די שקלאַפן־לאַגערן.

ווי איינער פון די געציילטע, לעבן־געבליבענע פון מיליאָנען קרבנות פון דעם בלוטיקן פעריאָד מיט א 50 יאָר צוריק, האָב איך א געוויסע מאָראַלישע סאַטיספאַקציע, אַז ס'איז רעהאַביליטירט געוואָרן א צאָל קרבנות פון יענער סטאַליניסטישער תקופה און אַז ס'האַלט אפילו ביים שטעלן א מאָנומענט די געליטענע פון סטאַלינס טעראָר. דערמאָן איך דעריבער מיט אָפּשיי און כבוד דעם מוטיקן קעמפער פאַרן אמת אין יענער תקופה — שארל ראַפּאַפּאָרט ז"ל.

אין יאָר 1984, האָט דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַלער צענטער פאַר ליטעראַטור אין פּאַריז, ארויסגעגעבן די פערטע אויפלאַגע פון שארל ראַפּאַפּאָרטס פונדאַמענטאַלן בוך, די ליטעראַרישע ביאָגראַפיע פון זשאַן זשאָרעס "דער מענטש, דער סאָציאַליסטישער דענקער". די ערשטע אויפלאַגע איז דערשינען אין 1915, בלויז א יאָר נאָכן פאַרברעכערישן מאָרד איבערן דענקער און קעמפער פאַר שלום. אין דעם בוך איז אָפּגעדרוקט א בריוו פון גרויסן שרייבער אַנאַטאָל פראַנס.

"נאָכן איבערלייענען דעם מאַנוסקריפּט — שרייבט אַנאַטאַל פראַנס — באַוואונדער איך אייך, ראַפּאַפּאָרט, און בין מסכים פון אָנהייב ביזן סוף. בלויז איר האָט געקאָנט און געהאַט דעם טאַלאַנט ארויסצוברענגען די לויכטנדיקע גרויסע פערזענלעכקייט, דעם זשעני פון דער מאָדערנער צייט — זשאַן זשאָרעס. איר האָט אים צוריק אויפגעלעבט. די ארבעט וועט אינספּירירן נייע שאַפונגען."

וועגן זשאָרעסן זענען במשך די אָפּגעלאָפּענע יאָרן דערשינען צאָלרייכע ביכער און צענדליקער אָפּהאַנדלונגען אין היסטאָריש־טעאָרעטישע זשורנאַלן, געשריבן פון עמיל וואַנדערוועלד, לעאָ בלום, הארווי גאָלדבערג, פראנקא ווענטורי און אנדערע. אין אייראָפּע זענען פאָרגעקומען פראנצויזיש־נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע וויסנשאפטלעכע קאָנפערענצן וועגן זשאַן זשאָרעס. און טראָץ אַלעמען, לייכט אויפסניי ארויס אין פראנקרייך דאָס בוך פון שארל ראַפּאָפּאָרט.

אין דערמאָנטן בוך איז אויך פאַראַן אן אייגנהאַנטיקער בריוו פון זשאַן זשאָרעס צו ראַפּאַפּאָרטן, דאַטירט דעם 26סטן אויגוסט 1901. ער שרייבט, אז ער פאָלגט נאָך מיט גרויס אינטערעס ראַפּאַפּאָרטס אַרטיקלען אין דער "רעווי סאָסיאַליסט" און ער געפינט זיין בראָשור וועגן רוסישן פילאָזאָף פיאָטר לאַווראָוו זייער אינטערעסאַנט און באַלערנד. זשאָרעס דריקט אויס ראַפּאַפּאָרטן זיין אויפריכטיקע פריינדשאַפט און פרייט זיך פון זיין פאַרבינדונג מיט די פראנצויזישע סאָציאַליסטיש־טעאָרעטישע זשורנאַלן, און ליידט אים איין פאַר א מיטארבעטער אין דער טעגלעכער צייטונג "פּעטיט רעפּיבליק", וווּ זשאָרעס איז געווען א שטענדיקער מיטארבעטער. זשאָרעסעס פריינדלעכע איינלאַדונג פאַר ראַפּאַפּאָרטן, איז געווען א קאָנסעקווענץ פון זייערע אידעאָלאָגיש־בשותּפותדיקע שטאַנדפּונקטן. ביידע זענען געווען נישט אָרטאָדאָקסאַלע מאַרקסיסטן. דער סאָציאַליזם איז פאַר זיי געווען אן עטישער פּרינציפּ. ראַפּאַפּאָרט איז געווען אן אָנהענגער פון מאַרקסן, אָבער אנדערש געטייטשט דעם פילאָזאָפישן מאַרקסיזם און היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, מיט דעם דעטערמיניזם פון דער היסטאָרישער געזעצמעסיקייט און נויטווענדיקייט פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. אין אן עפנטלעכער דיסקוסיע אין יענעם פּעריאָד, האָט זיך ראַפּאַפּאָרט אויסגעדריקט:

> "איר וועט מיר קיינמאָל נישט איינרעדן, אז שפּינאָזאַ איז א פּראָדוקט פון דער אַנטוויקלונג פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע. איך אַנערקען דעם גרויסן קאַרל, אָבער ניט די קליינע קאַרליקעס."

שארל ראַפּאַפּאָרט איז געווען אין צענטער פון די אינטערנאַציאָנאַלע באַוועגונגען, וואָס זייערע מנהיגים האָבן זיך גרופּירט אין דער שווייץ, בערלין, פּאַריז און לאָנדאָן. אָנהייבנדיק פון די 90קער יאָרן פון 19טן י"ה איז

ער א פּראָפּאַגאַנדיסט, א זשורנאַליסט, רעדאַקטאָר פון זשורנאַלן, ווי אויך בראָשורן אין רוסיש, דייטש און פראַנצויזיש. אויף דער קאָנפערענץ פון דער איטאַליענישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, בעת ער האָט פאַרטרעטן די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן, האָט דער פירער פון דער עסטרייכישער פּאַרטיי – אדלער – געזאָגט, אַז צווישן אַלעם אַנדערן, איז ראַפּאַפּאָרט אויך א פראַנצויז...

זיינע מעמוארן האָט ראַפּאַפּאָרט ווארשיינלעך געשריבן אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. אין די 70קער יאָרן, האָט זיין טאָכטער פאַני מיטן איידעם פּיער וואגען איבערגעגעבן די היסטאָריקער זשאָרזש האַפּט און האַרווי גאָלדבערג דעם מאַנוסקריפּט, וואָס זיי האָבן געזאָלט באַרייכערן מיט געדרוקטע מאַטעריאַלן אין אַנדערע שפּראַכן וועגן זיין טעטיקייט. ליידער, איז דאָס ביז היינט נישט דערשינען.

בנימין שלעווין

דער שילדערער און דערציילער בנימין שלעווין האָט קינסטלעריש, ווי א סקולפּטאָר, אויסגעהאמערט א רעאַליסטיש בילד פון דער יידישער יוגנט, וואָס האָט געקעמפט אויף א סך פראָנטן. הונדערטער האָבן זיך אליין אָפּגעפונען אין זיינע העלדן, באקאנטע פּראָטאָטיפּן אין זיינע קינסטלערישע געשטאלטן.

פאר די דאָזיקע ווערטפולע ווערק, דארף געלויבט זיין זיין נאָמען אויף דורות. איך וואָלט זיך געוווּנטשן, אז זיינע ווערק, באזונדערס די וואָס זענען מיר גאָר נאָענט, ווי: "חברים פון מוראנאָווער ראַיאָן", "ליפּע קאמאשנמאכער", "ווּהין גייסטו, דאניעל"? און אנדערע, זאָלן פאר אלעמען איבערגעזעצט ווערן אויף עברית, אז די ישראל־יוגנט זאָל נענטער דערקענען דעם שווערן, רעוואָלוציאָנערן געראַנגל צו ענדערן דאָס יידישע לעבן, פאר וועלכן ס'האָט געקעמפט דער "בונד", די יידישע קאָמוניסטן און דער חלוצישער ציוניזם, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אין שלעווינס ווערק.

פאר מיר איז שלעווין געוואָרן א נאָענטער חבר און פריינד גלייך דעם ערשטן טאָג, ווען איך בין צום צווייטן מאָל אָנגעקומען קיין פאריז. אויפן טיש ביי מיין שוואָגער האָב איך געפינען א בוך "די גאָלדענע אילוזיע", דערשינען אין 1958 פון א שרייבער, וואָס איז מיר געווען אומבאקאנט. דאָס איז שוין געווען שלעווינס צענטע בוך, וואָס שפּיגלט אָפּ די טרויעריקע רעזולטאַטן פון דעם פארברעכערישן "אייזערנעם פּאָרהאנג", וועלכער האָט אָפּגעריסן און פארפרעמדט די יידן פון ראטן־פארבאנד פון זייערע נאציאָנאַלע קולטור־שאפונגען. איך גיב א מיש אהין, אהער — און געפין זיך גלייך אליין אָפּ.

איך לייען ביי שלעווינען: נאָך דעם ווי מ'האָט אָפּגעגעסן, האָט זיך ס'יונגוואַרג ארומגעזעצט, מ'האָט געזונגען, דיסקוטירט, געזאמלט פאר דער "רויטער־הילף" ("פּאַטראָנאַטן"). הייסט דאָס, אז דער שרייבער איז נישט קיין זייטיקער אָבסערוואַטאָר, נאָר איינער פון אינעווייניק. ביי מיר האָט אויפגעלעבט א טרויעריקע דערמאָנונג פון יאָר 1930, ווען דער

גרויסער יידישער שרייבער שלום אש, האָט אויף א צוזאמענטרעף מיט אים אין פאריז, ממש מיט א ווילדער רציחה געענטפערט אויף אונדזער פריינדלעכן אָנבאָט, ער זאָל מיט זיין פילנדיק הארץ און קינסטלערישן טאלאנט, אויך דערזען און דערפילן די קעמפנדיקע יידישע יוגנט אין פוילן, רומעניע, ליטע און אפילו דאָ, אויף דער עמיגראציע אין פראנקרייך, און אין בעלגיע.

30 יאָר האָב איך געדארפט ווארטן און דערלעבן צו זיין צוריק אין פאריז און מיט אלע מיינע חושים דערפילן א שרייבער, וואָס איז ארויסגעוואקסן פון דער יידישער אָרעמקייט און פאָלקסטימלעכער, רעוואָלוציאָנערער סביבה. דערפאר האָט ער געקענט אזוי רעאל און ערלעך שילדערן דאָס לעבן פון דער יידישער יוגנט. איך בין גלייך "צוגעפאלן" צו דעם בוך און דערזען זיין צווייפל נאָך דעם שרעקלעכן היטלער־חורבן. "פאר וואָס נישט ריידן פון תוך זאכן"? פרעגט דאָרט א העלד. "וווּהין האָט זיך אצינד צו ווענדן אזא מענטש ווי איך? דער סאָציאליזם וועט אָן שום ספק קומען, אָבער ווו וועלן דעמאָלט זיין מיינע יידן"?

און נאָכן איבערלייענען די הקדמה, האָב איך געפונען אזעלכע ווערטער:

"איך ברענג דאָס דאָזיקע בוך פון יידישער צעטומלטקייט, פון יידישע בלאָנדזשעניש, אנשטאט א באשיידן בינטל בלומען אויף די פארשוועכטע, אומבאקאנטע קברים פון דער עליטע, פון א דור יידישע ארבעטער־טוער, יידישע שרייבער, יידישע שוישפילער, יידישע קולטור־שעפער אין לאנד פון דער ערשטער סאָציאליסטישער רעוואָלוציע. ס'איז באמת טרויעריק, מיר האָבן לאנגע יאָרן מיט בלינדן, זינלאָזן צוטרוי געשוויגן, אין דער צייט ווען פיל אויפריכטיקע, צעווייטיקטע אָבער אויך א סך אומריינע מיילער פון פאלשע נביאים, האָבן געשריגן אויף דעם אויסגעשריי; ווי איז צו אונדז, מיר האָבן בלינד געגלויבט, בלינד געטרייסט זיך מיט פאלשע האָפענונגען. זאָל אויך דער שענסטער אידעאל פון דער מענטשהייט, דער סאָציאליזם וואָס איז פארשוועכט געוואָרן — רעהאביליטירט ווערן, וויל מיר גלויבן טיף און אומדערשיטערלעך אין שענסטן טרוים פון דורות, אין סאָציאליזם".

נאָכן איבערלייענען, האָב איך געוויינט פאר פרייד. נישט נאָר וואָס איך האָב געפונען א שרייבער, נאָר אויך געפונען א פריינד, א חבר, א מיטקעמפער. פאר דעם וואָס איך האָב יאָרן־לאנג געטרוימט אין ראטן־

פאַרבאַנד, אויב איך וועל דערלעבן אַרויס אויף דער פרייער וועלט, און איידער איך האָב נאָך געהאַט א דאַך איבערן קאָפּ — האָב איך אָפּגעזוכט און זיך באַקענט מיט שלעווינען.

דאָס האָט שלעווין דער ערשטער מיך אָנגערעגט איך זאָל שרייבן — און ער איז אויך געווען דער רעדאַקטאָר פון דעם בוך.

שלעווין איז געווען א פאַרגינער, ער האָט זיך געפרייט מיט יענעמס דערפאָלג. שלעווין האָט הייליק געהאַלטן די פּרינציפּן פון א שרייבער, ווי ס׳האָט געשריבן טאָלסטאָי צו ראָמען ראָלאַן: "דער פאָרבאַדינג פון יעדן אמתן באַגריף מוז זיין נישט די ליבע צו דער קונסט, נאָר ליבע צו דער מענטשהייט. נאָר די וואָס זענען אָנגעפולט מיט אַזא ליבע, קענען האָפן, אַז זיי וועלן, ווי קינסטלער, טאָן עפּעס, וואָס איז ווערט געטאָן צו ווערן.

שלעווין האָט ליב געהאַט דאָס יידישע פאָלק, דעם יידישן אַרבעטס־מענטש, די יידישע קולטור־שעפער. שלעווינס ווערק זענען נישט באַגרענעצט צו קיין איינציקע אידעישע שטרעבונג. ער שילדערט מיט דער זעלבער אָביעקטיווקייט, מיט דער זעלבער טאָלעראַנץ, די פּאָליטישע און קולטור־געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען אויף דער יידישער גאַס.

שלעווין איז געווען א קעמפער, געלעבט ערלעך אין הסכם מיט זיינע פּרינציפּן. ער איז געווען פון די סאַמע ערשטע אין יאָר 1956 אין פּאַריז, וואָס נאָכן אויפדעקן די פאַרברעכערישע מעשים פון סטאַליניזם, האָט ער געגעבן א שטורמישן קלאַפּ־צו די טיר פון די סטאַליניסטן אין פראַנקרייך. ער איז נישט אַוועק רואיק־שטיל, ווי א שווייגנדיקער, פּאַסיווער אַנטוישטער, נאָר מיט באַנייטער ענערגיע צונויפגערופן א באַראַטונג פון שרייבער און קולטור־טוער, געוואָרן דער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פון זשורנאַל "אונדזער אייניקייט", א צייטשריפט פאַר ליטעראַטור, קונסט און קולטור־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. 14 נומערן זענען דערשינען. גיך נאָך מיין קומען קיין פּאַריז, האָט דער זשורנאַל, צוליב פינאַנסיעלע שוועריקייטן, אויפגעהערט צו דערשיינען.

נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה אין ישראל, איז אין שלעווינס וווינונג אין ברינוא פאָרגעקומען א טרעפונג פון עטלעכע שרייבער, וווּ ס׳איז באַשטימט געוואָרן צו באַנייען דעם זשורנאַל אונטערן נאָמען "פּאַריזער

טריבונע", פון וועלכן שלעווין איז געווען דער רעדאקטאָר. די געשאפענע פּראָגרעסיווע אָרגאניזאציע אין זעלבן פּעריאָד, האָט גענומען אויף זיך דעם עול פון פארשפּרייטן דעם זשורנאל.

דריי יאָר האָט שלעווין זיך געראנגלט, כדי אויסצוטראָגן די 16 דערשינענע נומערן, וואָס זענען דערשינען.

אין 1970, בעת די וואלן צום 28סטן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט שלעווין פיגורירט אויף דער קאנדידאטן־ליסטע פון דער לינק־ציוניסטישער באוועגונג אין פראנקרייך. ווען די פריינד פון מפ"ם האָבן ארויסגעגעבן דעם זשורנאל "פּאריזער העפטן", איז שלעווין געווען דער רעדאקטאָר.

אויף דעם דיסקוסיע־אָוונט, איינגעאָרדנט דורך די פריינט פון מפ"ם, אין וועלכן ס'האָבן אנטייל גענומען פּראָפ' בלומענקראנץ, א. בולאווקאָ, איזאק אָפּאטאָווסקי און מיין ווייניקייט, האָט בנימין שלעווין דערקלערט:

"מ'וועט עס אפשר באטראכטן פאר א ביסעלע שאָוויניזם, נאָר דערלויבט מיר צו פאראפראזירן דעם זאָג פון אלטן ישעיהו הנביא און פון אחד העם, אז מציון תצא הסאָציאליזם. כ'וויס נישט פאר וואָס, נאָר כ'גלויב אין דעם — אויב ס'וועט אמאָל קומען דער אמתער, נישט געפעלשטער סאָציאליזם אין דער וועלט, וועלן מיר אין ישראל זיכער נישט זיין פון די לעצטע. מיר טראָגן מיט זיך די שענסטע, העראָישע טראדיציעס פון די יידישע ארבעטער־מאסן".

און איינער פון די שענסטע געשטאלטן, איז געווען דער שרייבער־פּראָזאאיקער בנימין שלעווין.

שיע טענענבוים

ס'איז פאר מיר געווען א כבוד צו באזוכן אין נ‏יו־יאָרק דעם גייסטרייכן שרייבער שיע טענענבוים. די אָרעמקייט אין זיין וווינונג, די איינציקע מעבל־שטיק אין זיין שטוב, איז די גרויסע, אייזערנע שאנק, וואָס איז פון אלטקייט געל פון זשאווער. דאָרט היט ער אויס זיינע מאנוסקריפטן. אויפן פאָל ליגן פעק פון זיין לעצטנס דערשינענעם בוך פון העכער 500 זייטן, באשיינט מיט גאָלדענע שריפט־אותיות פון קינסטלער חיים גראָס. דאָס זענען זיינע אוצרות, וועלכע ער כישופט אויס מיט גרויס טאלאנט און א פילנדיק הארץ.

דער קאלטער, רעגנדיקער יאנואר־טאָג לאָזט זיך פילן אין די צוויי נאקעטע שטיבלעך. מען ווערט געפלעפט און אומהיימלעך, גלייך ווי עס שפיגלט אָפּ די איצטיקע מערכה פון יידיש און פון דער יידישער ליטעראטור. אוודאי איז דאָס נישט קיין אויסטערלישע דערשיינונג, ווייל אויך אין סאמע פונאנדערבלי פון דער יידישער ליטעראטור אין די צוואנציקער יאָרן אין ווארשע, מיט דעם בארימטן אדרעס טלאָמאצקע 13, האָבן דער רוב יידישע שרייבער געליטן פון אָרעמקייט. אָבער דאָרט איז די שרייבער־משפחה געווען ארומגערינגלט מיט מאסן יידישע לייענער און א יונגט, וואָס האָט געלעכצט און זיך אנטציקט מיט זייערע שאפונגען. דאקעגן דאָ, אין דעם גרויסן, רייכן יידישן ניו־יאָרק, איז דער שרייבער איינזאם און עלנט — און באזונדערס עלנט איז שיע טענענבוים, וואָס האָט שוין באַרייכערט די יידישע ליטעראטור מיט איבער 20 ביכער. נישטאָ כמעט קיין יידישע צייטשריפט אין איצטיקן פעריאָד, וואָס זאָל נישט דרוקן אָדער איבערדרוקן זיינע מאמרים. טאָ ווי זאָל זיין מערכה נישט ארויסרופן אומעט און זאָרג?

נאָר וואָס קען איך זאָגן בעסער און שענער אויף צו כאראקטעריזירן שיע טענענבוימען, ווי ס'האָט געשריבן דער גרויסער ליטעראטור־קריטיקער ש. ניגער: "אז ס'איז גוט צו זיין ביי שיע טענענבוים א גאסט, ער איז אויפריכטיק, דערצו נאָך אן אָפנהארציקער און הארציקער פּאָעט, א פּאָעט אין פּראָזע".

משה זאַלצמאַן

אלתר זאָבערמאַן

די גוטסקייט פון איין מענטש, איז מעכטיקער ווי דאָס שלעכטס פון טויזנטער. די גוטסקייט שיינט אפילו נאָכן טויט.

פּאַנאַיט איסטראַטי

דער פּלוצימדיקער טויט פון אלתר זאָבערמאַן, האָט ארויסגערופן טרויער נישט בלויז ביי זיין משפחה, נאָר אויך אין אקטיוון טייל פון יידיש־רעדנדיקן ישוב אין פאריז. הונדערטער האָבן אים באגלייט אויף זיין לעצטן וועג. מענטשן וואָס האָבן אים נישט געקענט און נישט געהערט, האָבן מיט באוווּנדערונג זיך געפרעגט:

— ווער איז דער נפטר געווען — א רב, א שרייבער, א קינסטלער, א פּאָליטיקער?

— ניין, א פּשוטער מענטש. נאָר לויט מאקסים גאָרקיס אַקסיאָמע: "מענטש — דאָס קלינגט שטאָלץ".

דער גורל האָט געוואָלט, אז דעם לעצטן נאָכמיטאָג, פאר דעם פאטאלן אומגליק, האָט דאָס געהאט א דירעקטן שייכות מיט מיר. אלס פּאָרזיצער פון דער לובלינער געזעלשאפט, איז ער געווען אנוועזנד אויף דער אונטערנעמונג לכבוד דאָס דערשיינען פון מיין בוך (אין דער פראנצויזישער איבערזעצונג) "און מען האָט מיך רעהאביליטירט".

די נאָענטע פריינדשאפט און קעגנזייטיקע ליבשאפט, וואָס איז רייף געוואָרן בעת אונדזער צוזאמענארבעט אין דער לובלינער געזעלשאפט, איז דער סטימול, איך זאָל שילדערן די שיינע, ערלעכע געשטאלט.

געבוירן אין לובלין, אין א חסידיש־בעל־הביתשער היים. גאָר יונג ווערט ער באאיינפלוסט פון דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאניזאציע השומר הצעיר און הייבט אָן זיך גרייטן, ווי נאָר ער וועט דערגרייכן 18 יאָר, עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. דעם ערשטן גראנגל קומט אים אויס צו פירן מיט זיין פרומען טאטן, ער זאָל קענען לערנען אין א טעכנישער שול, אלס ראדיאָ־טעכניקער.

אין אָנהייב פון די 30קער יאָרן, נאָך די בלוטיקע געשעענישן אין דעמאָלטיקן פּאַלעסטינע; דער וווּקס פון פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם אין מערב־אייראָפּע, און גאָר באַזונדערס אין פּוילן — וואַקסט דער קאָמוניסטישער איינפלוס ביי דער יידישער יוגנט אין לובלין, וועלכער מיידט נישט אויס דעם השומר הצעיר, ווו ס׳קומט פאָר א שפּאַלטונג. אלתר געהערט צו די, וואָס שליסן זיך אָן אין דער קאָמוניסטישער יוגנט און לויט זיין כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט, איז ער בלב ונפש איבערגעגעבן דער באַוועגונג.

אין 1932 ווערט ער אַרעסטירט. מיינער א שכן, זשאַק פון פּילעוו, וועלכער איז דעמאָלט געזעסן אין באַרימטן לובלינער "זאַמעק", האָט מיר איבערגעגעבן א כאַראַקטעריסטישן שטריך פון זאָבערמאַנען:

— א ברייט־ביינערדיקער, פעסט־געבויטער, בלאָנדער בחור מיט בלאָע אויגן. א פריילעכער, מיט א סך ענערגיע, פול מיט לעבן. מ׳האָט געוווּסט, אַז ער שטאַמט פון א פאַרמעגלעכער היים. יעדן טאָג האָט מען אים געבראַנגט עסן, אָבער ער האָט זיך צו דעם נישט צוגערירט, ווייל מ׳האָט עס געגעבן די קראַנקע, אָפּגעשוואַכטע חברים, לויט דער באַשטימונג פון דער קאַמער־אָנפירונג. מיר זענען דעמאָלט געווען איבער צוואַנציק חברים, עטלעכע אוקראַינער, געציילטע פּאָלאַקן. אלטער איז מיט אלע געווען צוגעלאָזט און נאָענט און איז גיך געוואָרן דער ליבלינג פון דער קאַמער.

נאָך דריי יאָר זיצן אין תפיסה, איז ער באַפרייט געוואָרן. אין 1936, האָט מען אים געשיקט קיין וואַרשע, ווו ער איז געוואָרן א "פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער", פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פאַרבינדונג און טעכניק פון דער פּיאָנערן־אָרגאַניזאַציע אין גאַנצן לאַנד.

די מאָסקווער פּראָצעסן און דאָס פאַנאַנדערלאָזן דורכן קאָמינטערן די אומלעגאַלע קאָמוניסטישע פּוילישע פּאַרטיי, האָט אים אויפגעטרייסלט, אָבער נישט צעבראָכן זיין גלויבן אין ראַטן־פאַרבאַנד, דער לייכט־טורעם פאַר דער וועלט און פאַרן יידישן פאָלק.

בעת דער היטלערישער אינוואַזיע אויף פּוילן, איז ער געווען מאָביליזירט אין דער פּוילישער אַרמיי. מיטן פאַרנאַנדערפאַלן זיך פון דער אַרמיי, גייט ער אויף מזרח, אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע. זיין פרוי מיט א קליין קינד, אַנטלויפט פון לובלין, מיט דער האָפענונג זיך צו טרעפן מיט אלתרן.

אויף דעם וואנדער־וועג, איז דאָס קינד געשטאָרבן אויף אירע הענט און גוטע מענטשן האָבן עס קובר געווען. עטלעכע חדשים שפּעטער, איז אין די ווייטע געגנטן פון ראטן־פארבאנד זאָבערמאנען געלונגען צו געפינען זיין פרוי. מיטן שאפן זיך פון דער פוילישער ארמיי, בראש מיט וואנדא וואשילעווסקא, מאָביליזירט ער זיך און מאכט אדורך אלע שווערע קאמפן קעגן דער דייטשער ארמיי. ער געפינט זיך אין די פאָדערשטע פּאָזיציעס, העלפט באפרייען די סאָוויעטישע טעריטאָריע און דערגייט מיט זיין פּאָלק ביז לובלין, אין ראנג פון א קאפּיטאַן.

נאָכן שאפן די פוילישע רעגירונג אין לובלין, ווי אן אלטער פּארטייער, ווערט ער מאָביליזירט אלס טעכניקער אין די זיכערהייט־אָרגאנען, אויפצושטעלן די טעלעפאָן־ און טעלעגראף־ליניעס. נאָכן איבערפאָרן פון דער רעגירונג קיין ווארשע, ווערט ער פאראנטוואָרטלעך פאר דער פארבינדונג־ליניע ווארשע־לאָדזש און באקומט דעם העכערן ראנג – מאיאָר.

מיטן באזוך פון מארשאל טיטאָ אין פוילן, האָט דער אינערן־מיניסטער געמאכט פאראנטוואָרטלעך אלטערן פאר דער פונקציאָנירונג פון דער טעלעפאָן־קאָמוניקאציע, ס'זאָל, חלילה, נישט פאָרקומען קיין סאבאָטאזש אויף די ליניעס, בעת דער אנוועזנהייט פון דעם הויכגעשטעלטן גאסט. ער איז געווען אנוועזנד אויף דער פייערלעכער אויפנאמע פאר די הויכגעשטעלטע געסט. נאָר צוזאמען מיט די גאסטגעבערס, זענען זיי אלע געווען שיכור און פשוט זיך געוואלגערט אויף דער פאָדלאָגע, זידלענדיק זיך מיט א ווולגארער שפראך, וואָס דאָס האָט אויף אים געמאכט א שרעקלעכן איינדרוק. "זענען דאָס מיינע פירער און לערער? זיי דארפן עס זיין די טרעגער און אויסלייזער פון דער וועלט?"

די ספּיקות אין דעם גאנצן סיסטעם, האָבן אים קיין אינערלעכע רו נישט געגעבן. דער סטאליניסטישער טעראָר האָט געבושעוועט, אין פוילן זענען פאָרגעקומען ארעסטן צווישן די הויכע פּארטיי־פירער. אויך אין די אזוי גערופענע פאָלקס־דעמאָקראטיעס האָט מען ארעסטירט די אלע, וואָס האָב געהאט וועלכע ס'איז פארבינדונג, דירעקט אָדער אומדירעקט, מיט טיטאָן. אזוי האָט מען ארעסטירט דעם גענעראל קאָמאַראָווסקי, וואָס

איז געווען פּאָליט־קאָמיסאַר אין דער טיטאָ־בריגאַדע בעתן בירגער־קריג אין שפּאַניע.

אלתרן האָט נישט אָפּגענאַרט דאָס געפיל, אַז זיין שאַפער שפּיאָנירט אים נאָך, הגם ער איז מיט אים געווען דער בעסטער גוטער ברודער. נאָר ווי זאָגט דאָס פאָלקסווערטל: "וואָס ביי א ניכטערן אויפן לונג, איז ביי א שיכור אויף דער צונג". אין אַזאַ צושטאַנד, האָט ער אים איבערגעגעבן, אַז פון די מסירות, קען מען שוין א בוך אָנשרייבן; אַז ער איז פאַרבונדן מיט זיין ברודער; אַז א נעץ וועבט זיך אַרום אים; אַז אַן אַרבעטאָרין, וואָס ער האָט אָנגענומען אין זיין אָפּטיילונג, איז איר ברודער געווען אין דער א.ק. בעת דער מלחמה.

פאַר א לובלינער יוגנט־חבר וואָס לעבט היינט אין ישראל (פייוול גראַנאַטשטיין), האָט ער פאַרטרויט זיין אומרו און געבעטן, אַז אויב ער וועט א געווייסן טאָג נעלם ווערן, זאָל ער זאָרגן פאַר זיין פרוי און קינד.

ווען ער האָט באַזוכט זיין שעף, דעם אָנפירער פון דער 10טער אָפּטיילונג אין דער או. ב., דעם טרויעריק באַרימטן שוויאַטלאָ, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די אַרעסטן און מיטן פאַרשן די פּאַרטיי־ און מלוכה־קאַדרען (שפּעטער איז ער אַליין אַנטלאָפן פון פּוילן), האָט יענער געגעבן א פאַרמאַך דעם אויפגעעפנטן בוך פון די קאַדרען. לויט זיין בליק האָט ער פאַרשטאַנען, אַז לענגער וואַרטן טאָר ער נישט. דעם זעלבן טאָג איז ער אָפּגעפלויגן קיין וראָצלאַוו, נישט אָנזאָגנדיק וועגן דעם — אפילו זיין פרוי.

אין וראָצלאַוו האָט געוווינט זיינער א פעטער, א זייגערמאַכער, האָט ער דאָרט געביטן זיין מיליטערישע אָנטועכץ אויף ציווילע, און מיט דער הילף פון א בעל־עגלה, אַריבערגעפאָרן קיין טשעכאָסלאָוואַקיי, מיט א פאַרבינדונג צו קענען פאָרן ווייטער אומלעגאַל — קיין עסטרייך.

כדי פאַר דער פּוילישער מאַכט זאָל הייסן, אַז ער איז פאַרלוירן געגאַנגען אָן א שפור, האָט ער אין עסטרייך זיך נישט אָנגעגעבן ווי אַן אַנטלאָפענער פון פּוילן צו בעטן פּאָליטישע אַזיל־רעכט, נאָר זיך געשאַפן א דאָקומענט פון א געוועזענעם פּוילישער ייד אין א עסטרייכישן נאַצי־לאַגער. די פרוי מיטן קינד האָט מען אַרעסטירט אין וואַרשע, געפאָרשט, אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין אַנונג וואָס ס'איז פאָרגעקומען. נאָך א צייט פאָרשן, האָט מען זי באַפרייט. אין 1952, איז דער פרוי מיטן קינד געלונגען אומלעגאַל אַרויסצופאָרן פון פּוילן.

אין יאָר 1958, האָט אלתר זאַבערמאַן שוין געהאַט א נאָמען אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פאַריז. די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן זענען געווען צעטיילט אויף "רעכטע" און "לינקע" — א טרויעריקע ירושה פון די 50קער יאָרן, האָט ער דירעקט געווירקט צו פאַראייניקן די צוויי לאַנדסמאַנשאַפטן און איז אויסגעוויילט געוואָרן אלס פאָרזיצער פון דער פאַראייניקטער לובלינער געזעלשאַפט אין פאַריז, אין סעקרעטאַריאַט פון דער פעדעראַציע פון די יידישע געזעלשאַפטן און דאָרט איבערגענומען דעם פאַראַנטוואָרטלעכן אמט פון קאַסירער. טראָץ דעם כסדרדיקן דעפיציט פונעם הויז פאַר עלטערע מענטשן, האָט ער באַוויזן צו שאַפן אַזעלכע באַדינגונגען, אַז די היים זאָל נישט ברענגען קיין דעפיציטן. אלתר האָט אין דעם אַריינגעלייגט האַרץ און נשמה, ווי אויך דעם מוח און טאַלאַנט.

"אונדזער וואָרט", די איינציקע, יידישע טאָג־צייטונג אין אייראָפּע, דערשיינט א דאַנק דער איבערגעגעבנקייט און זאָרג פון אירע געטרייע לייענער. אלתר ווערט דער פאָרזיצער פון די "פריינד פון אונדזער וואָרט", וואָס זאָרגט פאַר דער פינאַנסיעלער עקזיסטענץ פון דער צייטונג. גלייכצייטיק איז ער אין דער דירעקציע פון דער ציוניסטישער וואָכן־צייטונג אין פראַנצויזיש "לא טער טרוווע", א מיטגליד אין ביוראָ פון פאָלקס־קאָמיטעט פונעם פאַראייניקטן יידישן אפיל און קאַסירער אין דער עבודה־פּאַרטיי אין פראַנקרייך.

הגם אַזוי פיל געזעלשאַפטלעכע, פרייוויליקע התחייבותן, אַרבעט ער גלייכצייטיק אלס טעכנישער דירעקטאָר אין א גרויסער פירמע צו פאַרקויפן שרייב־מאַשינען און טעכנישע מכשירים. אלע האָבן באַוואונדערט זיין אַרבעט־פעיקייט און אָרגאַניזאַטאָרישן חוש. ער האָט ניט פאַרנאַכלעסיקט זיין משפּחה, געווען א גוטער מאַן און איבערגעגעבענער פאָטער צו זיינע דריי קינדער, דערצויגענע אין יידישן גייסט.

ער האָט אַרויסגעשיינט מיט זיין ערלעכקייט און איבערגעגעבנקייט צום יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן און צו מדינת ישראל, שטיל און עניוותדיק, מיט א צעשמייכלט פּנים. א נדבן מיט א ברייטער האַנט, נישט נאָר דאָרט ווו מ׳זוכט רעקלאַמע, נאָר אויך — און א סך — מתן בסתר. געווען א מעצענאַט פאַר יידישע שרייבער, איינגעאָרדנט צונויפקומען ביי זיך אין דער וווינונג, כדי צו העלפן פאַרשפּרייטן א יידיש בוך.

הערשל גאָלדפינגער

ווען איך האָב צום ערשטן מאָל זיך באַגעגנט מיט הערשלען (מאַי 1926), איז ער שוין געווען אַ "פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער" און באַקאַנטער טוער צווישן דער יידישער אַרבעטער־יוגנט אין וואַרשע, און באַזונדער – אין באַרימטן יידישן "מוראַנאָווער ראַיאָן".

ביי 12 יאָר אָנגעהויבן אַרבעטן. אין 1918, שליסט ער זיך אָן אין באַקלייד־פאַראיין, ווו אויסער פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן, געפינט ער דאָרט אַ וואַרעמע קולטור־היים און עס עפענען זיך פאַר אים נייע האָריזאָנטן. ער באַזוכט די קרייזן פון יוגנט־בונד "צוקונפט" און ווערט אויסגעוויילט אין דער פאַרוואַלטונג. אָבער נאָך אַ געוויסער צייט, נעמט ער אָן אַקטיוון אָנטייל אין דער שפּאַלטונג פון דער אָרגאַניזאַציע, לטובת דער קאָמוניסטישער יוגנט.

פאַר די אוועקגעגאַנגענע פון "בונד" און פון "לינקע פּועלי־ציון" האָט דאָס געהייסן – פאַרלאָזן די באַשרענקטע יידישע גאַס און אַרויפגיין אויפן ברייטן שליאַך פון דער וועלט־רעוואָלוציע. ער ווערט אַרעסטירט און פאַרמשפּט אויף דריי יאָר תּפיסה. זיין איינגעבוירענע אינטעליגענץ און אומדערמידלעכע אַרבעט איבער זיך, אַ דאַנק דער מיטהילף פון די חברים אין קאַמער, איז די תּפיסה – זיין אוניווערסיטעט. ער דערגרייכט אַלגעמיינע בילדונג, און דער עיקר – פּאָליטישע אויסבילדונג.

נאָכן אויסזיצן דעם אורטייל, ווערט ער באַשטימט אַלס סעקרעטאַר פון מוראַנאָווער ראַיאָן, מיטגליד אין וואַרשעווער קאָמיטעט, סעקרעטאַר פון דער צענטראַלער יוגנט־ביוראָ, וואָס פאַרנעמט זיך דער עיקר מיט פּובליקאַציעס אויף יידיש פאַר גאַנץ פּוילן. ער דערגרייכט אויך צום סעקרעטאַריאַט פון קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד, פאָרשטייער פון דער רויטער פראַקציע אין צענטראַלן יוגנט־אַמט פון די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין פּוילן.

אין 1930 ווערט ער ווידער אַרעסטירט. אין תּפיסה ווערט ער דורך דער פּאַרטיי־אָנפירונג באַשולדיקט אין "נאַציאָנאַליסטישע אָפּנויגן", ווייל ער זאָגט זיך אַרויס קעגן באַשלוס פון קאָמינטערן פונאַנדערצולאָזן די

יידישע ביוראָ. אין 1938, נאָכן אויפלייזן דורכן קאָמינטערן די פוילישע קאָמוניסטישע פאַרטיי, פאָרט ער אוועק, אומלעגאַל, קיין פראַנקרייך.

פאַר אים איז ווייטיקלעך דער פאַקט, וואָס די פראַנצויזישע קאָמוניסטישע פאַרטיי וויל נישט אויפנעמען די חברים, געקומענע פון פוילן. אין יאָר 1940, מאָביליזירט ער זיך אין דער פראַנצויזישער ארמיי, פאַלט אריין אין געפאַנגענשאַפט, אין די טרויעריק בארימטע סטאַלאַגן.

נאָך דער מלחמה, איז הערשל מיטארבעטער אין דער פאַריזער יידישער טאָג־צייטונג "נייע פּרעסע". פאַרנעמט אויך דעם אמט פון פאָרזיצער פון די פוילישע יידן אין פראַנקרייך. נאָר אים קומט אויס א סך איבערצולעבן. זיין פרוי, די אינטעליגענטע טוערין פון װארשעווער האַנדלס־אָנגעשטעלטן פאַריין, די מאמע פון זיינע צוויי קינדער, ווערט שווער קראַנק. ער פאָרט איבער מיט דער משפחה קיין פוילן, ארבעט אלס זשורנאַליסט אין דער װארשעווער "פאָלקס־שטימע", איז אקטיוו אין קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד. אין יאָר 1960, קערט ער זיך צוריק מיט די קינדער קיין פראַנקרייך און באַנייט זיין מיטארבעט אין דער "נייע פּרעסע". אָבער נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה און די אַנטיסעמיטישע וואַקכאַנאַליע אין פוילן, רייסט ער איבער מיט דער קאָמוניסטישער "נייע פּרעסע", ווערט איינער פון די איניציאַטאָרן צו שאַפן די גרופּע פון מק"י (אָנהענגערס פון משה סנה). הערשל שרייבט דעמאָלט אין "ארבעטער וואָרט", אָרגאַן פון די לינקע פועלי־ציון און ווערט אויך א מיטארבעטער אין דער טאָג־צייטונג "אונדזער וואָרט" און אינעם זשורנאַל "פאַריזער העפטן", רעדאַגירט פון שרייבער בנימין שלעווין.

אין א לענגער ארטיקל, פירט ער אדורך זיין חשבון־הנפש און שרייבט: "יידישע רעוואָלוציאָנערע קעמפער דאַרפן זיך ניט שעמען מיט זייער פאַרגאַנגענהייט, קיינער איז נישט בארופן צו זיין אין דער ראָל פון א שופט, אפילו ווען זייער וועג אין ווייטערדיקן געשיכטלעכן גאַנג, האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר א נישט ריכטיקער און פאַראַטענער. דער פּראָגרעסיווער ייד דאַרף זיך באַטראַכטן ווי א באַשטאַנדטייל פון דער ציוניסטישער ארבעטער־באַוועגונג, ווי די היסטאָרישע באַפרייאונג־באַוועגונג פון יידישן פאָלק".

ער איז פון די ערשטע, וואָס בילדן אויס אין פאַריז די גרופּע "פריינד פון

מפ"ם", רעדאגירט די ערשטע צוויי נומערן פון העקטאָגראַפּישן זשורנאַל פון דער אנטשטאנענער אָרגאַניזאַציע, שרייבט אויך אין דער "ישראל שטימע".

אין יאָר 1976 איז ער עולה קיין ישראל, ווו ס'קומט אים אָן נישט לייכט זיך צוצופּאַסן אין דער נייער סביבה. ער אַרבעט מיט אין יידישן־קולטור־קלוב אין חולון און אין מפ"ם, אָבער זיין געזונט־צושטאַנד פאַרערגערט זיך כסדר. די שווערע, לאַנגע יאָרן אין די תפיסות, ווי אין די דייטשע לאַגערן, די טיפע איבערלעבונגען פון די פּאָליטישע אנטוישונגען — האָבן אים צעבראָכן. נאָך שווערע ליידן, איז ער נפטר געוואָרן דעם 28 אָקטאָבער 1982, אין חולון.

דאָס לעבן פון דעם מענטש האָט בולט אָפּגעשפּיגלט די יידישע אַרבעטער־יוגנט אין פּוילן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

משה זאַלצמאַן

אברהם בראָמבערג נאָטע שווערדשאפט

ביידע האָבן זיך אויסגעצייכט מיט זייער דרייסטקייט, אידעישער פרינציפּיעלקייט און ערלעכקייט.

אין דער תפיסה־קאַמער, קאָן זיך דער מענטש נישט פאַרמאַסקירן. דאָס גוטע, ווי דאָס שלעכטע, קומט שנעל ארויס אויף דער אויבערפלאַך. "פּאַלעסטינער" האָבן מיר זיי גערופן. אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן זיי געגרינדעט דעם "השומר הצעיר". יצחק באַשעוויס זינגער, וואָס האָט אין יענע יאָרן געלעבט און געלערנט ביי זיין זיידן, דעם רב פון שטעטל, שרייבט אין זיין אויטאָביאָגראַפיש בוך "אין טאַטנס בית־דין שטוב", אז נאָטע האָט אָרגאַניזירט טעאַטער־קרייזלעך און ציוניסטישע גרופּן און אין אלץ אריינגעלייגט א סך ברען. ער האָט אָפּט מיך באַזוכט און אָנגעהויבן ברענגען ביכער, וועלכע איך האָב געלייענט מיט דורשט, נאָר אויך געמשפט. מיט א צייט שפּעטער האָב איך באַקומען ש.י. סטופּניצקיס בוך וועגן ברוך שפּינאָזא, וואָס האָט ביי מיר ארויסגערופן אן אמתע איבערקערעניש. איך האָב געפּרוווט טיילן מיין אנטדעקונג מיט נאָטען. א געוויסן טאָג האָט ער מיר פאַרגעלייגט אָנצופירן מיט העברעישע קורסן.

נאָטע מיט אברהמען האָבן אין 1922 עולה געווען, ווי חלוצים, קיין ארץ־ישראל און דאָרט געפינען דעם וועג צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. געוואָרן ארעסטירט, פאַרמשפּט אויף 9 חדשים און אין 1925 ארויסגעשיקט געוואָרן פון לאַנד, צוריק קיין פּוילן, אין זייער געבוירן־שטאָט בילגאָריי. אין די שטעטלעך און דערפער ארום, האָבן זיי אנטוויקלט אן אינטענסיווע פּאָליטיש־פּראָפּעסיאָנעלע טעטיקייט. בעת די וואַלן צום שטאָטראַט, האָט די ליסטע, אויף וועלכער זיי האָבן פיגורירט אלס קאַנדידאַטן, באַקומען 25 פּראָצענט שטימען.

אין 1927 האָב איך זיי באַגעגנט אין דער זאַמאָשטשער תפיסה. זיי זענען פאַרמשפּט געוואָרן אויף 6 יאָר תפיסה. אין 1933, נאָך זייער באַפרייאונג, זענען זיי געקומען קיין וואַרשע, ווו באַשעוויס־זינגער איז שוין געווען אן

אנערקענטער שרייבער, איבערזעצער און אויך א מיטארבעטער אין די טאָג־צייטונגען. ער האָט זיי אויפגענומען מיט יוגנטלעכער פריינדשאפט. צו אבראמען האָט ער געזאָגט:

— דו מיט דיין אָדלער־נאָז, מיט דיין שווארצן קאָפּ האָר און ברענענדיקע אויגן, וועט דיך מיין ווייב גוט אויפנעמען. אָט האָסטו דעם שליסל פון מיין וווינונג, קלויב דיר אויס וועלכן אנצוג דו ווילסט און פארבלייב דאָרט, ביז מיין ווייב וועט דיך הייסן גיין.

אין 1935 איז בראָמבערג ווידער ארעסטירט געוואָרן, געהאט א פּראָצעס צוזאמען מיט באָלעסלאוו ביערוט, דעם שפּעטערדיקן פּרעזידענט פון פּוילן. בראָמבערג איז דעמאָלט פארמשפּט געוואָרן אויף 3 יאָר תפיסה. מיטן מלחמה־אויסברוך זיך באפרייט און איבערגעלעבט אין ראטן־פארבאנד. נאָך דער מלחמה קומט ער צוריק קיין פּוילן און שאפט אין ווראָצלאוו א קאָאָפּעראטיוו פון יידישע בערשטל־ארבעטער. פון 1947 געארבעט אין ווארשע ביים מיניסטער פון דער גרובן־אינדוסטריע און געאָלאָגיע, ביז דער אנטיסעמיטישער קאמפּאניע. א געוואלטיקן איינדרוק האָט ארויסגערופן זיין ארויסטרעטונג אויף א פארזאמלונג פון די מיטארבעטער אין מיניסטעריום, נאָך דעם ווי א מיטגליד פון צענטראל־קאָמיטעט האָט רעפערירט דעם ענין פון דער יידישער "פינפטער קאָלאָנע".

— ווו געפין איך זיך? — האָט ער אויסגעשריגן — אויף א פארזאמלונג פון די פארמלחמהדיקע ענדעקעס? בלויז פאשיסטן ריידן אזוי וועגן יידן אין אלגעמיינע טערמינען, אנשטאט פערזאָנען. מערדער, צי נישט מערדער — דאָס וועט די געשיכטע באווייזן.

איינער פון די אנוועזנדיקע אויף דער פארזאמלונג, יוסף אָלערהאנד האָט מיר איבערגעגעבן, אז אלע אנוועזנדיקע האָבן שווייגנדיק באוווּנדערט זיין דרייסטקייט, אויך די פּאָלאקן, ווייל זיי האָבן געוווּסט, אז ער וועט טייער באצאָלן פאר זיין ארויסטרעטונג. מ'האָט אים גלייך אראָפּגענומען פון דער ארבעט און פריצייטיק געשיקט אויף פּענסיע.

אין 1958 בין איך פון ראטן־פארבאנד געקומען קיין ווארשע. ער האָט מיך און מיין משפחה הארציק אויפגענומען. דער איבערגעריסענער פאָדים פון פריינדשאפט, נאָך דעם ווי דער גורל האָט אונדז פונאנדערגעטיילט

במשך צענדליקער יאָרן, האָט זיך אויפסניי באהאָפטן. ווען ער מיט זיין משפחה האָבן עולה געווען קיין ישראל, איז ער שוין געווען נאָענט צו די זיבעציקער יאָרן, אָבער זיין חלוצישער גייסט האָט אים קיינמאָל נישט פארלאָזט. 5 יאָר נאָך באוויזן צו ארבעטן אלס גערטנער אין "אָרט" אין תל־אביב און ביז זיין קראנקייט, מיטגעהאָלפן אין מושב זיין טאָכטער, די קינדער־דאָקטערין.

טאָלע בעאטוס

אומרו און שרעק באגלייט מיך די לעצטע יאָרן, פאר יעדן באזוך אין ישראל: צי וועל איך נאָך טרעפן, אָן שווערע געזונטהייט־פּראָבלעמען, אין איר היים אין חיפה די חברטע טאָלע, די יונגע עלטער־באָבע? שטענדיק לעבן אויף אין אונדזערע שמועסן די שיינע זומער־יאָרן פון ליבשאפט און חברשאפט, וואָס האָט באהערשט אונדזערע משפחות אין קיעוו, פון יאָר 1934 ביז 1937. פאר מיין פרוי איז זי מיט איר מאן געווען יוגנט חברים פון די צוואנציקער יאָרן, אין לאָדזש, טראָץ אלע עקאָנאָמישע שוועריקייטן, ווי אויך פּאָליטישע אנטווישונגען, וואָס יעדער האָט געטראָגן אין זיך. אָבער יונגשאפט און ליבשאפט האָט דאָמינירט איבער אלץ. איר מאן, בערלינער, געווען זשורנאליסט אין דער קיעווער יידישער טאָג־צייטונג. אין לאָדזש איז ער געווען רעדאקטאָר פון דעם זשורנאל "דער פריידענקער" און ארומגעפאָרן איבערן לאנד מיט רעפעראטן. זי האָט געלערנט אין א שול פאר פויליש־סאָוויעטישע קאדערן.

אין 1937 האָט מען אונדזער אידעאל משפחה־לעבן צעטרייסלט, ס'זענען פארבליבן יונגע, לעבעדיקע אלמנות, באגלייט מיט שרעק פון דערוואַרטן יעדע נאכט, מ'זאָל אויך זיי ארעסטירן און צונעמען די קינדער. איר לעבנס־חכמה און אָריענטאציע האָט איר געהאָלפן. א דאנק איר עספּרי און לעבנס־דראנג, האָט זי באוויזן צו ארבעטן אלס קראנקן־שוועסטער. ווען די דייטשע ארמיי איז שוין געשטאנען ביי די טויערן פון קיעוו, האָט זי באוויזן צו עוואקואירן זיך א דאנק דער מיטהילף פון געוועזענעם רעדאקטאָר פון דער קיעווער יידישער צייטונג, צוזאמען מיט מיין פרוי און זון. אָן זיי, וואָלט מיין משפחה געטיילט דעם פינצטערן גורל פון די קיעווער יידן אין באבי־יאר. דער עשאלאָן איז געוואָרן באָמבארדירט פון דער היטלערישער אוויאציע און מיין פרוי, וואָס האָט מיט איר קערפּער פארשטעלט דאָס קינד, איז שווער פארוואונדעט געוואָרן. די לעבן פארבליבענע און געזונטע זענען איבערגעגאנגען אין די איבערגעבליבענע וואגאָנען. טראָץ דעם, וואָס

זי האָט געהאט אירע צוויי אייגענע קינדער, האָט זי אויך מיטגענומען מיט זיך מיין פיר־יאָריקן זון.

שפּעטער האָט זי אָפּגעפּונען מיין פרוי אין כּארקאָווער שפּיטאָל. אויב איך האָב א זון, איז דאָס א דאנק איר. ער וואָלט פארלוירן געוואָרן, ווי אנדערע טויזנטער קינדער. פאר דעם מאָראלישן אקט, ווען ס'איז שווער מיט די אייגענע קינדער זיך צו שלעפּן אין אן עוואקואציע־עשעלאָן, אָן א ביסן ברויט, האָט זי נישט נאָר פארדינט מיין אנערקענונג, נאָר אויך — עולם־הבא...

אין 1947 האָט זי מיט די קינדער זיך רעפּאטריאירט קיין פּוילן, גלוּיבנדיק, אז דורך די חברים דארט וואָס האָבן געקענט דעם רעוואָלוציאָנערן טוער בערלינער, וועט איר געלונגען אָפּצוגעפינען און אים באפרייען. ליידער, ער האָט זיך בלויז געפינען אין דער לאנגער רשימה פון די אומגעקומענע טוער, וואָס זענען געוואָרן רעהאביליטירט. אין 1969 האָט זי, צוזאמען מיט דער משפּחה פון איר טאָכטער, עולה געווען קיין ישראל.

הינדע (באשע) בעאטוס

ס'איז פאר מיר געווען א סאטיספאקציע צו טרעפן זיך אין ישראל מיט הינדע בעאטוס, די שטילע העלדין אין לאָדזשער געטאָ, א פּראָטאָטיפּ פון די וואָס דער שרייבער ישעיהו שפּיגל רופט זיי אין זיין נאָוועלע "שטערן וואָס לייכטן אין תהום". 4 שווערע, ביטערע יאָרן האָט זי אָנגעפירט אומלעגאַל מיט געזעלשאַפטלעכע ארבעט. געהערט צום דריי־לינג איניציאטאָרן פון דער אנטי־פאשיסטישער אָרגאניזאציע אין געטאָ, אין 1940: לינקע פאראיינען ("לעוויצאַ זוויאָנזקאָוואַ").

אין דעם קאָמיטעט זענען געווען באקאנטע טוער פון דער לאָדזשער ארבעטער־באוועגונג, טראָץ דעם איז זיי נישט געלונגען צו באקומען א פארבינדונג מיט דער ארישער זייט. ענדלעך, נאָך צוויי יאָר באמיאונגען, באקומען א קאָנטאקט מיט א פּאָלאק, וואָס האָט געארבעט אויפן באלוטער מארק. ער האָט איבערגעגעבן, אז מען דארף נישט רעכענען אויף קיין שום פארבינדונג מיט דער ארישער זייט. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אין דער גרויסער, רעוואָלוציאָנערער ארבעטער־באוועגונג אין לאָדזש, האָט זיך נישט געפינען קיינער, וואָס זאָל אין אזא שרעקלעך־טראגישער צייט קומען צו הילף, כאָטש מאָראליש, די יידישע חברים.

אין 1942 זענען פאָרגעקומען ארעסטן צווישן די מיטגלידער פון דעם קאָמיטעט. הינדען איז געלונגען זיך אויסצובאהאלטן. 9 וואָכן האָט זי נישט באקומען די ברויט־קארטע און געווען די סעקרעטארין פון דער צענטראלער קאָמיסיע, ביז דער ליקווידאציע פון לאָדזשער געטאָ.

איך האָב מיט איר געהאט א שמועס אין דער וווינונג פון איינער פון אירע זעקס נשמהדיק אַדאָפּטירטע טעכטער. זיי האָבן זיך צוגעבונדן אין דער סאמע פינצטערער, גרויליקער צייט אין די טויט־לאגערן אוישוויץ, בוכענוואלד, בערגען־בעלזען, ווו זי איז מיט זיי געווען נאָך דער ליקווידירונג פון לאָדזשער געטאָ אין אויגוסט 1944. אין יענער צייט ארויסגעוויזן סאָלידאריטעט, מוטערלעכע זאָרג און ליבשאפט, הגם אליין מיט געשוואָלענע פיס פון הונגער.

נאָך דער מלחמה, איז זי באפרייט געוואָרן פון דעם לאגער מעגדעבורג, צוזאמען מיט זעקס מיידלעך. כמעט צופוס צוריק געקומען קיין פוילן און זיך איינגעאָרדנט אין לאָדזש, מיטגעהאָלפן אז די מיידלעך זאָלן פארענדיקן זייער בילדונג.

בעת מיין לעבן אין ווארשע אין 1958, האָב איך געהאט דעם כבוד זיך צו באקענען מיט דער שיינער פערזענלעכקייט. איר פאָטער איז געשטאָרבן אין 1919, אין שטוב זענען פארבליבן 5 קינדער. זי האָט גאָר יונג אָנגעהויבן ארבעטן און זאָרגן פארן שטיקל ברויט. יאָרן זיך געפינען אין די פוילישע תפיסות פאר איר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט.

וועגן דעם אנטיסעמיטיזם אין דעם נייעם פוילן, האָט זי דאָס אָפּגעשאצט ווי זי אליין וואָלט געווען א מיטשולדיקע. זי האָט אין יענער צייט געארבעט אין דער אָפּטיילונג פון ארויסגעבן אויסלענדישע פאספּאָרטן, וווּ מ'האָט נאָכקאָנטראָלירט די פּאָליטישע כשרות. טראָץ דעם וואָס זי האָט געקענט מיין פּאָליטישן צוגאנג און אויך געוווּסט, אז איך וועל נישט צוריק קומען, האָט זי דאָך מיטגעהאָלפן, אז איך זאָל קענען באגלייטן מיין קראנקע פרוי קיין פאריז.

דער באזוך אין ישראל איז פאר איר געווען א שטארקע איבערלעבונג. געטראָפן זיך דאָרט מיט נאָענטע לאָדזשער חברים, וואָס האָבן אין נייעם פוילן געארבעט אויף פארטייאישע און מלוכהשע־פּאָסטנס. כמעט אלע האָבן באוויזן זיך איינצואָרדענען און ארבעטן לויט זייערע פעיקטייטן און קוואליפיקאציעס.

אירע פריינד, חברים און משפחה האָבן אָפּגעצייכנט איר 80סטן לעבנס־יאָר — יאָרן פון גבורה, באגלייט און באהויכט מיט דער שיינקייט פון גלויבן און שטרעבן צו מענטשלעכע צילן.

יהודה לייב גאָראַנס (גאָזשיטשאַנסקי)

איך האָב געהאַט א שמועס מיט אן אקטיוון קעמפער, וואָס איז עטלעכע מאָל געוואָרן אויסגעצייכנט פון דער פראנצויזישער רעגירונג פאר זיין העלדישן אנטיילנעמען אין ווידערשטאַנד אין דער געגנט פון ליאָן – טולוז – גרענאָבל. אונטער דעם פראנצויזישן נאָמען גאָראַנס, האָט זיך ארויסגעשיילט דער לובלינער ייד יהודה־לייבעלע גאָזשיטשאַנסקי. "אה! – פרעג איך אים – דאָס ביסטו דער, וואָס גיטעלע שילדקרויט־עדעלשטיין דערמאָנט אין בוך פון לובלין וועגן דער יידישער שול?" "ניין", ענטפערט ער, "דאָס איז מיין פעטער; מיין פאָטער האָט געהאַט אין לובלין 10 שוועסטערן און ברידער".

ווו איז זי, די גרויסע לובלינער משפחה גאָזשיטשאַנסקי? אין די גאַז־אויוונס פון מיידאַנעק, אוישוויץ און אנדערע טויט־לאַגערן. און צווישן דער פארצווייגטער משפחה, האָט ארויסגעשיינט דאָס הויזגעזינד פון שמואל אליהו גאָזשיטשאַנסקי, וואָס האָט געהאַט יחוס אָבות און יחוס עצמו, מיט א היתר רבנות, געווען א קענער פון תנ"ך און פון דער העברעישער שפראַך. אז בערל פליישער, א פארמעגלעכער סוחר פון פעל פאר די גארבאַרניעס, האָט זיך געוואָלט איינהאַנדלען אין יחוס, איז צושטאַנד געקומען דער שידוך פון זיין טאָכטער ברכה מיט שמואל־אליהון. דער שווער האָט געשטרעבט, ער זאָל ווערן א שוחט, אָבער לויט זיין כאַראַקטער, איז ער געווען צו עמפינדלעך צו קענען דאָס פּראַקטיש דורכפירן. ער איז אפילו נישט מסכים געווען אריינצוגיין אין שותפות אין דעם האַנדל, ווייל דערצו האָט זיך געפאָדערט בייצוזיין אין שעכטהויז ביים אראָפּציען די פעל פון די געשאָכטענע בהמות.

האָט ער די אָרעמע פרנסה פאר זיין משפחה געצויגן דערפון, וואָס ר'איז געוואָרן פריוואַטער לערער פון העברעיש און תנ"ך. געווען אן אָנהענגער פון דער "מזרחי"־פּאַרטיי. דער ציוניסטישער גייסט האָט באַאיינפלוסט די קינדער. דער עלטערער ברודער יוסף, האָט געהערט צו דער יוגנט פון

די לינקע פועלי־ציון; דער סאמע יינגסטער, יהודה־לייבעלע — צו דער קינדער־אָרגאַניזאַציע "השומר הצעיר".

די עלטסטע טאָכטער, שיינדל, וואָס מען האָט זי גערופן יפה, האָט געירשנט דעם פאָטערס אינטעלעקטועלע פעיקייט. אַן אויסנאַם־גוטע שילערין אין דער הומאַניסטישער גימנאַזיע און דאָרט באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער קאָמוניסטישער גאולה־אילוזיע. דאָס האָט זיך גיך אויסגעווירקט אויף אירע צוויי שוועסטערן און צוויי ברידער. פאַר איר פּאָליטישער אַקטיוויטעט, איז זי געוואָרן אויסגעשלאָסן פון דער גימנאַזיע. אָבער אַ דאַנק איר אויסערגעוויינלעכער פעיקייט, וואָס אלע האָבן אָנערקענט, איז זי, נאָך אַ קאָנקורס־עקזאַמען, אַנגעקומען אין דער פּוילישער מלוכהשער גימנאַזיע. זי האָט געמאַכט די מאַטורע און אָנגעהויבן לערנען אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט.

זייער שטוב האָט זיך געפונען אין סאַמע לעצטן הויז פון דער לובאַרטאָווסקי גאַס, שוין ביי די לאָנקעס. די היים איז געווען אַ טרעפפּונקט פאַר שטודירנדיקער און קאָמוניזירנדיקער יידישער יוגנט. דער טאַטע האָט דאָס מאָראַליש איבערגעלעבט, וואָס זיינע פינף גוטע, פעיקע קינדער זענען אוועק אויף אַנדערע וועגן און דינען פרעמדע געטער מיט אַזאַ חסידישער התלהבות.

איין מאָל טרעפט ער אלע דריי טעכטער האַלטן זיך פאַר די הענט און זינגען אין מיטן גאַס. דאָס האָט אים שוין אַרויסגעפירט פון זיין שטיל־עניוותדיקן כאַראַקטער: "וואָס איז היינט", פרעגט ער מיט כעס, "שמחת־תורה, צי פורים?" אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז מען האָט זיי געפירט אַרעסטירט. די פּאָליטישע אַקטיוויטעט פון די קינדער, האָט נישט־ווינציק געשטערט אין דער פרנסה פאַר אַ פּריוואַטן העברעישן לערער. אָבער די יידישע מאַמע האָט מיט ליבשאַפט אַרומגענומען אירע קינדער און זיי פאַרדעקט ווי אַ קוואָקע אירע הינדעלעך. זי האָט מיטגעלעבט מיט אלע פּראָבלעמען און געשעענישן פון די קינדער. אַז זי האָט נאָר געהערט אַ קלאַנג ביי אירע שכנים, אַז מ'האָט עמעצן אַרעסטירט, האָט זי גלייך "בודק־חמץ" געווען אין אַלע ווינקעלעך, אפשר האָבן עפּעס אירע קינדער "טריפהנע" זאַכן. איין מאָל ביי אַזאַ קאָנטראָל, האָט זי געפונען אַ רויטע פאָן, אָבער נישט געוואָלט ווי טאָן אירע קינדער און זי פאַרברענען,

האָט זי די "סחורה" אוועקגעטראָגן צום זיידן – דאָרטן וועט מען דאָך נישט זוכן. אים איז אָבער געווען אויפפאַלנדיק, וואָס די טאָכטער האָט געברענגט צום באַהאלטן. דערזען די רויטע פאָן פון זיינע אייניקלעך, האָט ער דער טאָכטער דערלאַנגט צוויי פּעטש. די מאַמע האָט געוויינט פאַר צער און בושה – און דער מאַמעס וויטיק האָט זיך איבערגעטראָגן און טיף איינגעקריצט אין די הערצער פון אירע קינדער.

אין יאָר 1936 איז דער עלטערער זון, יוסף, געצוווּנגען צו אַנטלויפן קיין רוסלאַנד, צוליב דער געפאַר צו ווערן אַרעסטירט. נישט לאַנג האָט געדויערט און ס'זענען אָנגעקומען ביטערע בריוו, געשריבן אויף אַ פאַרשטעלטן אופן: "אַז דער בעקער ווינט זייער ווייט" און עולעכע צייכנס. ליידער, האָט דאָס נישט געווירקט אויף אָפּצוהאַלטן די אַנדערע פאַרצוזעצן זייער קאָמוניסטישע טעטיקייט. די מיטלסטע טאָכטער ווערט אַרעסטירט. אין 1938 איז געווען אַ געפאַר, אַז אויך דער ייִנגסטער זון זאָל ווערן אַרעסטירט. די אָרעמע, אָנגעווייטיקטע מאַמע האָט מיט די לעצטע גראָשנס אים ארויסבאַגלייט פון דער היים צו דער טשעכישער גרענעץ און מיט מוטערלעכן צער געזעגנט אויך דער ייִנגסטן זון. ער פאַלט אָבער אַדורך און מען שיקט אים צוריק. כדי נישט אַריינצופאַלן צו דער פּוילישער גרענעץ־וואַך, איז ער געצוווּנגען איבערצוגיין אַ האַלב־געפרוירענעם טייך. ער קומט צוריק קיין לובלין און באַהאַלט זיך אויס ביי זיינס אַ חברטעס עלטערן, די משפחה גוטערמאַן. (זי לעבט אין קיבוץ עברון – דאָס איז זהבה ליכטענבערג). אַ דאַנק פינאַנסיעלער הילף פון דער משפחה גוטערמאַן, איז ער ווידער אומלעגאַל אָפּגעפאָרן פון פּוילן.

בעת דעם היטלעריסטישן אָנפאַל אויף פּוילן אין 1939, איז שוין ביי די גאָזשיטשאַנסקיס געווען אַן אייניקל פון דער עלטסטער טאָכטער. די שרעקלעכע צייטן אונטער דער בלוטיקער הערשאַפט פון די דייטשע בעסטיעס, האָבן זיך גלייך אַראָפּגעלאָזט אויף דער אָרעמער היים. און וואָס קען נאָך זיין אָרעמער און איינזאַמער, אין אַזעלכע אוממענטשלעכע צייטן, ווי אַ משפּחה פון אַ העברעישן לערער?

און די גוטע, טרייע, איבערגעגעבענע מאַמע, מיט דעם אויסגעאיידלטן טאַטן, די פעיקע שוועסטער, וואָס זייער מענטשלעכקייט האָט אויף זיי אַזוי געווירקט, זיי זאָלן ווערן וועגעטאַריאַנער, ווייל זיי האָבן אוודאי נשמהדיק

געירשנט דעם טאטנס ווידערגעפיל צו זען א געשאָכטענע בהמה — אָט די משפחה גאָזשיטשאנסקי האָט געטיילט דעם פינצטערן גורל פון דער גאנצער יידישער לובלינער עדה.

בלויז איין שוועסטער האָט זיך באוויזן צו ראטעווען. דער זון יוסף, וואָס איז געווען אין ראטן־פארבאנד, איז אין 1937 געוואָרן ארעסטירט און אומגעקומען אין א שקלאפן־לאגער. אינעם פעריאָד פון כרושטשאָווס ממשלה אין יענעם לאנד, איז דערהאלטן געוואָרן אן אָפיציעלער דאָקומענט, אז נאָכן טויט איז ער געוואָרן רעהאביליטירט.

זאָלן די פאָר שורות זיין א נר־תמיד אויף דער בעסטיאליש אומגעבראכטער לובלינער משפחה פון דעם העברעישן לערער שמואל גאָזשיטשאנסקי.

*

דער סאמע גליקלעכסטער פון דער משפחה, האָט אין 1938 דערגרייכט די שטאָט פאריז, ווו אויף יעדער מלוכהשער געביידע איז מיט גאָלדענע אותיות אָנגעשריבן: "פרייהייט, גלייכהייט, ברודערלעקייט". פאריז האָט אים אָבער באגעגנט ווי א בייזע שטיפמאמע. די לופט איז שוין געווען פארסמט פונעם נאצישן גייסט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון שכנישן לאנד. א ווילדער שאָוויניזם און האס קעגן די אויסלענדער, און גאָר באזונדערס — קעגן די יונגע מענטשן. א בייזער געיעג אויף די לעגאלע און אומלעגאל אנטלאָפענע יידן פון דייטשלאנד, עסטרייך, פוילן. מ'האָט זיי נישט געגעבן קיין רעכט אויף ארבעט.

מיט דער גאנצער שווערקייט דערפילט יהודה גאָזשיטשאנסקי די עלנטקייט און דאכלאָזיקייט, אָן דער משפחה־היים מיט איר ווארעמער אטמאָספער פון נאָענטקייט און קעגנזייטיקער זאָרגעוודיקייט אין דער היימישער לובלינער סביבה. ער זוכט ווו צו פארקויפן די צוויי יונגע ארבעט־הענט, הגם ער איז שוין א קוואליפיצירטער מעבל־סטאָליער.

צייטווייליק האָט ער זיך אויפגעהאלטן אינעם היסטאָרישן "אזיל" אויף מאָנמארטער, וואָס איז נאָך אין 19טן יאָרהונדערט געשאפן געוואָרן דורך דער יידישער קאָנסיסטאָריע פאר אדורכפאָרנדיקע היימלאָזע. דאָ איז שטענדיק געווען א געפאר, אז פאָליציי זאָל קומען קאָנטראָלירן די דאָקומענטן און ווערן ארויסגעשיקט פון פראנקרייך.

זוכנדיק אַ יידישע סביבה צו וועמען זיך גייסטיק צוצוטוליען, האָט ער צום גליק געפונען אַ פאַרבינדונג מיט דער יידישער סקויטן־אָרגאַניזאַציע "עקלערער איזראַעליט". זיי האָבן געהאַט לאַנדווירטשאַפטלעכע פּונקטן פאַר דער ציוניסטישער יוגנט, וואָס האָבן אין דער זעלבער צייט געדינט ווי אַגראַר־שולן צו לערנען יידישע יוגנט ערדאַרבעט, מיטן ציל עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

גאָזשיטשאַנסקי איז אָנגעקומען אין אַ ווירטשאַפט אין שטעטל מואַסאַק, דרום־פראַנקרייך, עטלעכע פופציק קילאָמעטער פון טולוז. די ווירטשאַפט האָט געהערט צו דעם עלזאַסער ייד יוסף ווייל, וואָס האָט זי איבערגעגעבן דער סקויטן־אָרגאַניזאַציע. אין דער געגנט האָבן זיך געפונען נאָך ווירטשאַפטן, וואָס האָבן געדינט פאַר קינדער־קאָלאָניעס פון דער הילפס־אָרגאַניזאַציע "אָזע". ווי אַ סטאָלער, איז ער געווען איינער פון די ניצלעכסטע אין דער ווירטשאַפט, וווּ ער האָט געפונען אַ נייע היים און סביבה פון אידעאַליסטישער יוגנט.

*

נישט לאַנג האָט געדויערט די אידיליע. אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה צווישן פראַנקרייך און היטלער־דייטשלאַנד, האָט מען אַרעסטירט אַלע געוועזענע דייטשישע און עסטרייכישע בירגער. דאָס איז געווען די ביטערע איראָניע פון דער ביוראָקראַטיע, אַז גראָד די קרבנות פון דייטשישן פאַשיזם, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט מיטן אַנטלויפן קיין פראַנקרייך, זענען אין דער ערשטער ריי קרבנות פון דער מלחמה און ווערן אַרעסטירט — די עסטרייכישע און דייטשישע יידן. אַזוי ווי די מערהייט יוגנטלעכע אין דער ווירטשאַפט איז באַשטאַנען פון די דאָזיקע לענדער, איז דער קאָלעקטיוו אין מואַסאַק כמעט זיך צעפאַלן. ס'האָט נישט געדויערט לאַנג, די נאַצישע חילות פאַרנעמען פּאַריז. ס'איז געשלאָסן געוואָרן דער וואָפנשטילשטאַנד מיט דער רעגירונג פון פּעטען און דרום־פראַנקרייך געהערט צו דער "פרייער זאָנע" פון דער ווישי־רעגירונג.

די סקויטן־אָרגאַניזאַציע, צוזאַמען מיטן קאָמיטעט צו העלפן די יידישע קינדער, האָט גענומען ראַטעווען די קינדער, וואָס אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. און מ'האָט אָנגעהויבן מיט אַ סך שוועריקייטן ברענגען די קינדער אין די עקזיסטירנדיקע אַגראַר־ווירטשאַפטן. ווי נאָר ראָבערט גאַמזאָן, שעף

פון דער סקויטן־אָרגאַניזאַציע האָט זיך באַפרייט פון דער ארמיי, האָט ער גענומען זאָרגן פאר די איבערגעבליבענע יוגנטלעכע. מיט זייער מיטהילף האָט מען אין שארי, 7 קילאָמעטער פון מואסאק, געדונגען א פארלאָזטן שלאָס מיט 50 העקטאר נישט באארבעטע ערד. 25 יוגנטלעכע, אין עלטער פון 16 ביז 23 יאָר, האָבן מיט ענטוזיאזם אָנגעהויבן אויפשטעלן דעם "מאָדעל" פון א קיבוץ. אָנגעפירט מיט דער דערציערישער ארבעט, האָבן דער שרייבער און פעדאגאָג יצחק פוגאטש און זיין פרוי.

אין 1941 האָבן די יוגנטלעכע, אונטער דער אָנפירונג פון א פוילישן אגראָנאָם, אָנגעהויבן מיט ענטוזיאזם באארבעטן דיווירטשאפט.

יהודה־לייב גאָזשיטשאנסקי איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער פראנצויזישער ארמיי, אריינגעפאלן אין דעם קליינעם קאָנטיגענט, וואָס די דייטשישע אָקופאציע־מאכט האָט דערלויבט דעם גענעראל פעטען צו האָבן אין דער פרייער זאָנע. אָבער מיט זיין גאנצער נשמה, איז ער פארבליבן צוגעבונדן צו זיין נייער היים אין דער ווירטשאפט אין שארי, און יעדן פרייען טאָג פון דינסט פלעגט ער קומען אהין. פוגאטש שרייבט אין זיין בוך "שארי" (זייט 42 — 43), אז ווען יהודה איז דאָרט געקומען, האָט ער זיך איינגעשפאנט אין דער ארבעט, ביז צום מוזן אוועקפאָרן. ער האָט געהאָלפן שטארקן דעם גייסט פון קאָלעקטיוו. "מיט ליבשאפט פלעגן מיר צו אים שרייבן בריוו. מיר האָבן אים פאררעכנט פארן איבערגעגעבנסטן חבר. איך האָב פאָרויסגעזען יהודהן אלס פארוואלטער אָנצופירן אין דער נאָענטסטער צוקונפט מיט דער ווירטשאפט, וואָס איז גלייכצייטיק געווען א שול צוצוגרייטן יונגע קאדערן אָנצופירן מיט דער יידישער יוגנט".

פון יוני 1942, האָט די ווישי־פּאָליציי אָנגעהויבן אָפט צו באזוכן אין דער ווירטשאפט, און יעדער באזוך — מיט נייע דעקרעטן. ערשטנס, האָט מען פארווערט צו בלייבן אין שארי די אויסלענדער, וואָס זענען געקומען קיין פראנקרייך נאָך 1936; שפּעטער — די וואָס זענען געקומען פון 1933. צום סוף האָט מען בלויז דערלויבט בלייבן די געבוירענע אין פראנקרייך.

ווו זאָלן גיין די אנדערע? ס'איז געוואָרן קלאָר, אז דאָס איז א שפּיל מיטן מלאך־המוות. 15 טעג איידער די דייטשן האָבן פארנומען די פרייע זאָנע אין פראנקרייך, איז יהודה באפרייט געוואָרן פון דער ארמיי. דער ערשטער וויזיט פון די דייטשן אין דער ווירטשאפט, איז אדורך אָן ארעסטן. יום־כיפור

1943 האָבן זיך אָנגעהויבן די דעפּאָרטאַציעס אין די אַרומיקע שטעטלעך, ווו ס׳זענען געווען אויסבאַהאַלטן יידן. אין זעלבן טאָג איז מען אויך באַפאַלן די קינדער־היים אין מואסאַק. די קינדער, וועלכע מען האָט נישט באַוויזן אויסצובאַהאַלטן, זענען אַרעסטירט געוואָרן, ווי אויך די עלטערן פון די קינדער, וואָס האָבן געוווינט אין שטעטל.

די איינוווינער פון שאַרי האָבן מיט ווייטיק און צער פאַרלאָזט די בליענדיקע ווירטשאַפט, וואָס האָט אַפילו פאַרמאָגט אַ טראַקטאָר — אָבער נאָך ווייטיקלעכער איז געווען פונאַנדערצולאָזן די חברישע משפחה. פוגאַטש מיט זיין פרוי זענען אַוועק אין דער שווייץ. אַנדערע האָבן געזוכט וועגן קיין שפּאַניע. גאָזשיטשאַנסקי און נאָך דריי חברים באַשליסן צו בלייבן אין פראַנקרייך און זיך פאַרבינדן מיט דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. ראָבער גאַמזאָן האָט זיי קאָנטאַקטירט מיט אַ פּאַסטאָר אין שטעטל לאַטראַק, וואָס האָט זיי באַזאָרגט מיט אַרישע פּאַפּירן, ווי דעמאָביליזירטע פראַנצויזישע סאָלדאַטן און מען האָט זיי איינגעאָרדנט ביי דער פויערישער משפּחה וואַבר. פון דאָרטן זענען זיי אָנגעקומען אַרבעטן ווי וואַלדהעקער אויפן "מאַנטאַן נואַר", געוווינט אין אַ בודקע, באַקומען פון שטאַטראַט די שפּייז־קאַרטן ווי פּיזיש שווערע אַרבעטער. אָבער זייער ציל איז געווען נישט בלויז איבערצולעבן די ביטערע מלחמה־יאָרן, נאָר קעמפן קעגן די נאַצישע רוצחים.

יהודה איז געפאָרן קיין טולוז. אים איז געלונגען זיך צו פאַרבינדן מיטן ווידערשטאַנד־אַטריאַד אויפן נאָמען פון מאַרסעל לאַנגע (וואָס איז געקעפּט געוואָרן מיט דער גיליאָטינע, לויט אַן אורטייל פון פראַנצויזישן ווישי־געריכט. אַ געבוירענער אינעם שטעטל אוישוויץ, עולה געווען קיין ארץ־ישראל, געאַרבעט ווי אַ מעכאַניקער אויף דער באַן אין חיפה. פאַר זיין קאָמוניסטישער טעטיקייט, אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַנד. אין 1929 אָנגעקומען קיין פראַנקרייך, געקעמפט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע אין שפּאַניע, אָנגעפירט מיט דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין טולוז. אַרעסטירט געוואָרן אין פעברואַר 1943 און צוויי חדשים שפּעטער געקעפּט געוואָרן).

די שאַרי־גרופּע איז געוואָרן איינגעשלאָסן אין דער 135־סטער בריגאַדע, וועלכע האָט אָנטייל גענומען אין אַלע מיליטערישע אַקציעס קעגן די

דייטשישע אָקופּאַציע־כוחות. דער קאָמאַנדיר איז געווען גאַסטאָן, א רומענישער ייד.

צווישן די באַדייטנדיקע אַקציעס: צעשטערט דריי אַוויאָנען; אויסגעפירט דעם טויט־אורטייל איבערן פּראָקוראָר פּייער לעספּינאַס, וואָס האָט געפאָדערט דעם קאָפּ פון מאַרסעל לאַנגע; אַטאַקירט די קאַזאַרמע פון די וולאַסאָווצעס; זיי איז אויך געלונגען צו אַנטוואָפענען די היטער פון א גרויסן סקלאַד מאַטעריאַלן פאַר דער דייטשישער אַרמיי און אים אויפצורייסן; אַטאַקירן דעם שעף פון דער ווישי־פּאָליציי און אַנדערע קאָלאַבאָראַטאָרן.

ווען דער מוטיקער יהודה איז געוואָרן "קאָמפּראָמיטירט" אין טולוז, האָט מען אים איבערגעשיקט קיין מאָנטאַבאַן. דער קאָמיסאַר פונעם ווידערשטאַנד אין יענער שטאָט איז געווען זאב גאָטעסמאַן, א געקומענער פון ארץ־ישראל, וואָס האָט זיך באַטייליקט אינעם שפּאַנישן בירגער־קריג און געפאַלן אין קאַמף דעם לעצטן טאָג פאַר דער באַפרייונג פון טולוז.

די גרופּע אונטערן נאָמען הענרי קאַל, מיט וועלכער גאָזשיטשאַנסקי האָט אָנגעפירט אין מאָנטאַבאַן, האָט מען איבערגעשיקט קיין קאַרמאָ. קאָמאַנדיר פונעם אָרטיקן ווידערשטאַנד איז געווען דער בראַזיליאַנער לייטענאַנט־קאָלאָנעל קאַרוואַלאָ (פּסעוודאָנים עדמאָנט). גאָזשיטשאַנסקי איז באַשטימט געוואָרן צו זיין דער פאַרטרעטער פון אָטריאַד־קאָמאַנדיר אין קאַרמאָ. אין זיינע רייען האָבן געקעמפט פיל פּוילישע און שפּאַנישע קוילן־גרעבער. דאָס שטעטל האָט א היסטאָרישע, רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט. די שטאָט איז געווען די ערשטע, וואָס איז באַפרייט געוואָרן דורך די ווידערשטענדלער, איידער די אַרמיי פון די אַליאירטע איז געקומען. דעם 1טן סעפּטעמבער 1945, האָט דער נאַציאָנאַלער ראַיאָן־קאָמיטעט פון פראַנצויזישע פּאַרטיזאַנער, מיט דער חתימה פון לייטענאַנט־קאָלאָנעל קאַרוואַלאָ, אַרויסגעגעבן די ווייטערדיקע דערקלערונג.

"יהודה לייב גאָזשיטשאַנסקי, פּסעוודאָנים הענרי קאַל, איז געווען א דרייסטער, איבערגעגעבענער און אינטעליגענטער ראַיאָן־אָנפירער. ער האָט אויסגעפירט זיינע פונקציעס אין טולוז און מאָנטאַבאַן אין אומלעגאַלע באַדינונגען. שפּעטער, נאָך דער באַפרייונג פון טולוז, איז נאָך מער געקומען צום אויסדרוק זיין הויך געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט און זיינע וויכטיקע

אייגנשאפטן פון אן אָנפירער. זיין דיסציפלין, איבערגעגעבנקייט, שנעלע אָריענטאציע האָבן אים געמאכט פאר איינעם פון די בעסטע מיטארבעטער אין דער אָנפירונג. ווען מיר האָבן מיט גרויס באדויערן און ווייטיק זיך דערוווסט וועגן דעם פאלן אין קאמף פון קאָמענדאנט גאָטעסמאן (קאפיטאן פיליפ), איז הענרי קאל (גאָזשיטשאנסקי) אָנפארטרויט געוואָרן אָנצופירן מיט די קאמפס־גרופן".

דער באפעל נומ' 47 פון דער קאָמענדאנטור פון 17טן מיליטערישן ראיאָן, באפולמעכטיקט צו פארעפנטלעכן די נעמען פון די אלע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער באפרייונג פון טולוז. דאָרט ווערט באזונדערס דערמאָנט, אז זשאן גאָזשיטשאנסקי האָט זיך אויסגעצייכנט אין געוואגטע אקציעס קעגן אָקופאנט; אָנטייל גענומען אין דער באפרייונג פון די שטעט קארמא און אלבי; האָט זיך ווייטער אויסגעצייכנט אין די בלוטיקע קאמפן צווישן 14טן און 21סטן יולי 1944; אויגוסט 1944 אטאקירט א דייטשישע קאָמאנדאָ צווישן דער שטאָט קאיאָ און מאָנטאבאן. ער ווערט אויסגעצייכנט מיט א קריגס־מעדאל — א זילבערנער שטערן. דער באפעל איז אונטערגעשריבן דורכן קאָלאָנעל רענאָ, פארטרעטער פונעם גענעראל, דעם 25סטן נאָוועמבער 1945.

און אָט איז די באשטימונג פון 29סטן אויגוסט 1953, אָפגעדרוקט אין "זשורנאל אָפיסיעל" פון סעפטעמבער 1953:

"זשאן גאָראן (יהודה גאָזשיטשאנסקי), דער קעמפער וואָס האָט אויסגעפירט וויכטיקע מיליטערישע אקציעס אין דער 35סטער בריגאדע און זיך אויסגעצייכנט אין פיל אקציעס קעגן די שונאים פון פראנקרייך, מיט דרייסטקייט און קאלטבלוטיקייט, אלס אָנפירער פון א גרופע קעמפער אינעם הארץ פון דער שטאָט טולוז — האָט ארויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע איינפאלערישקייט און געוואגטקייט אין די קאמפן אין די שטעט קארמא, זשורעוויעל און טאר און אין פארלויף פון די פיינטלעכע אטאקעס צווישן קעהארס און מאנטאבאן בעת די קאמפן פאר דער באפרייונג — ווערט אויסגעצייכנט פאר זיינע העלדישע אויפטוען מיט א קריגס־מעדאל מיט פאלמען.

אונטערגעשריבן:

פרעזידענט פון דער פראנצויזישער רעפובליק, ווענסאן אריאָל;

פּאַרטיידיקונג־מיניסטער — פּלעווען".

איז אוודאי א כבוד פאר דער לובלינער שארית־הפליטה, אז אירס א לאנדסמאן האָט דירעקט, ווי א קאָמאנדיר, אָנטייל גענומען אין באפרייען א שטאָט אין פראנקרייך פון די דייטשישע בעסטיעס.

*

די דאָזיקע ארבעט שטיצט זיך אויף אייניקע דאָקומענטן און פּערזענלעכן עדות־זאָגן פון יהודה־לייב גאָזשיטשאנסקי (זשאן גאָראָן), אויף דער עדות פון דער קולטור־געזעלשאפטלעכער טוער, סעקרעטאר פון דער לובלינער לאנדסמאנשאפט, טעשקע פאָרשטעטער־קאָרמאן, וואָס האָט געקענט די משפחה אין לובלין, פּאָליטיש געארבעט צוזאמען מיטן ברודער יוסף גאָזשיטשאנסקי, ווי אויך אויפן דערמאָנטן בוך פון יצחק פוגאטש "שארי" (אויף פראנצויזיש), און זיינס א פּערזענלעכער בריוו צו מיר:

"חשובער און ליבער פריינד משה זאלצמאן. זייט מוחל, וואָס איך ענטפער שפּעטלעך אויף אייער אויספירלעכן בריוו. קודם־כל דאנק איך פאר די גוטע ווערטער וועגן מיין ווייניקייט, וועגן דעם קאָלעקטיוו "שארי" און מיין אלטן, גוטן פריינד יהודה גאָזשיטשאנסקי, וועלכער טראָגט איצט אן אנדערן נאָמען.

אלץ וואָס איך זאָג וועגן אים אין מיין בוך, קען איך איצט באשטעטיקן. דער אמאָליקער גוטמוטיקער, געטרייער און קולטור־ליבהאָבנדיקער בחור, האָט זיך לגמרי ניט געביטן. די מצוות־טובות וואָס ער האָט דאן געבראכט פון זיין לובלינער יידישער היים, איז איינגעקריצט אין זיין נשמה. זיך טרעפן מיט אים היינט, האָב איך דעם זעלבן גענוס ווי מיט עטלעכע פערציק יאָר צוריק — נאָך די שרעקלעכע צייטן, וואָס מיר האָבן דורכגעמאכט. איך געפין אין אים תמיד די זעלביקע נייגונג צו קולטורעלע און גייסטיקע ווערטן. ס'איז פאר מיר א באזונדערע פרייד מיט אים צו רעדן וועגן אלוועלטלעכן און יידישן הומאניזם, הגם ווי יעדער מענטש אין די זעכציקער יאָרן, און בפרט א פּוילישער ייד, וועמענס עלטערן האָבן געהאט אזא גרויליקן סוף, איז זיין לעבנסוועג ווייט ניט געווען קיין לייכטער. מען געפינט נאָך ביי זיין אמאָליקע "קינדער־שטובע", די איידלקייט פון זיין פאָטער, דער העברעישער לערער, ווי די איבערגעגעבנקייט פון זיינע שוועסטער און ברידער צו אן אידעאל,

פאר וועלכן זיי האָבן זיך מקריב געווען. מיט א ריין רעאליסטישן בליק קוקט ער אויף דער וועלט, דאָך גיט ער זיך נישט אונטער. ער געפינט זיין טרייסט אין די וועלט־בארימטע דענקער, וועלכע ווייזן אים אויף א ליכטיקער צוקונפט פאר דער מענטשהייט בכלל און דעם יידישן פאָלק בפרט.

איך גלויב, אז איר האָט דאָ אן אויטענטישן פאָרטרעט פון מיין אלטן און נאָענטן פריינד יהודה!

זייט פריינדלעך געגריסט,

אייער י. פוגאטש."

פון זעלבן מחבר:

...און מען האָט מיך רעהאביליטירט,

איבערלעבונגען פון א יידישן קאָמוניסט אין די סטאַלינישע תפיסות און לאגערן — תל־אביב, 1970.

אין דער העברעישער איבערזעצונג — תל־אביב, 1974.

אין פראנצויזישער איבערזעצונג — פאריז, 1977.

צווייטע אויפלאגע — פאריז, 1982.

אין דייטשישער איבעזעצונג — דאַרמסטאַדט, 1982.

די גרויסע ענדערונג אין יידישן לעבן אין פראנקרייך — תל־אביב, 1981.

יוסף עפשטיין, קאָלאָנעל זשיל — פאריז, 1980.

אין פראנצויזישער איבערזעצונג, קומפערלע, (פראנקרייך), 1984.

בעלא שאפיראָ, די פאָפולערע פרויען־געשטאלט, פאריז 1983.

אין פראנצויזישער איבערזעצונג — קומערלע, 1988.

MOSHÉ ZALCMAN

LES HOMMES
ET LES
EVENEMENTS

TEL-AVIV
1988